STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09519

BERZSHERE IN PARIZ

Anatole France

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנאטאל פראנס

בערזשערע אין פאריז

פון פראנצויזיש מ. האלצבלאט

פארלאג „רענעסאנס"

ווארשע 1929.

PRINTED IN POLAND

A. FRANCE — P. BERGERET w PARYŻU

Przekład M. HOLCBLATTA

Wydawnictwo "Renaissance"

DRUK „REKORD" WARSZ. DZIKA [illegible]

אנאטאָל פראַנס

בּערושערע אין פּאריז

I

פּראָפעסאָר בערזשערע איז געזעסן ביים טיש און געגעסן זיין באַשיידענע אָוונט-מאָלצייט; ריקע איז געלעגן לעבן זיינע פיס אויף אַ געשטיקטן קישן. ריקע האָט געהאַט אַ רעליגיעזע ברכה און אָפּגעגעבן די מנה שוין אַ געטלעכן כבוד. ער האָט געהאַלטן דעם באַלעבאָס זיינעם פאַר זייער אַ גוטן און גרויסן מאַן. הויפּטזעכלעך, בעת ער פלעגט זעען דעם ה׳ בערזשערע ביים טיש, דעמאָלט ערשט איז ער אימשטאַנד געווען צו באַגרייפן די אומגעהייערע גרויסקייט און גוטסקייט פון זיין באַלעבאָס.

אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער אכילה איז אים געווען שטאַרק נאָנט צום האַרצן און אויסערגעוויינלעך טייער, דערפאַר אָבער האָבן די ענינים פון דער מענטשלעכער אכילה גאָר האָט אין זיינע אויגן אַ געוואַלטיקע חשיבות. ער האָט ממש פאַרערט דאָס עס-צימער, ווי אַ טעמפּל און דעם געדעקטן טיש, ווי אַן אַלטאַר, און די גאַנצע צייט, בעת ה׳ בערזשערע

---

*) „בערזשערע אין פאַריז״ איז דער פערטער און לעצטער באַנד פון ציקל „די געשיכטע פון אונזער צייט״. די ערשטע דריי בענדער זענען: 1) אין שאָטן פון דער קירך, 2) דער הילצערנער מאַנעקען, 3) דער אַמעטיסטן-רינג.

(באַמ. פון איבערזעצער).

האָט געגעסן, איז ער געלעגן שטום און אומבאַוועגלעך צופוסנס פון זיין באַלעבאָס.

— וואָס פאַרא פּעטע הון, — האָט געזאָגט די אַלטע אַנזשליקע און אַנידערגעשטעלט דעם טעלער אויפן טיש.

— גרויסאַרטיק! זייט אַזוי גוט און צעשניידט די הון, — האָט ה' בערזשערע זיך אָנגערופן; ער אַליין איז געווען זייער אומגעשיקט און נישט געווען אימשטאַנד זיך אַן עצה צו געבן מיט דער הון.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — האָט אַנזשעליקע געזאָגט;

— דאָס איז אָבער נישט אַ מלאכה פאַר פרויען, דאָס פּאַסט פיל מער פאַר מענער.

— כ'ווייס נישט, ווי מ'נעמט זיך צו דעם.

— איר דאַרפט אָבער וויסן.

אַזעלכע מיינונגס-אויסטוישן זענען נישט געווען קיין נייעס. ענלעכע געשפּרעכן פלעגן פאָרקומען יעדעס מאָל, בעת מ'פלעגט דערלאַנגען צום טיש אַ געבראָטענעם עוף. און אויב די אַלטע אַנזשעליקע פלעגט כסדר נישט מיד ווערן און אויפפאָדערן איר באַלעבאָס צו צעשניידן דאָס עוף, איז עס נישט געווען צוליב לייכטזיניקייט, אָדער דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געוואָלט איינשפּאָרן מי, להיפּך, זי האָט דערמיט געוואָלט ווייזן, ווי ווייט זי שעצט איר באַלעבאָס.

ביי די פויערן, פון וואַנען זי האָט געשטאַמט, און ביי די קליין-בירגער, וווּ זי האָט געדינט, איז געווען אַ מנהג, אַז דער באַלעבאָס, דער ראש פון דער פאַמיליע, פלעגט צעשניידן דאָס עוף. דער רעספּעקט פאַר דער טראַדיציע איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין איר טרייער נשמה.

זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט מסכים זיין, אַז ה' בערזשערע זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיינע פליכטן אַלס באַלעבאָס און אַרויפוואַרפן אויף איר אַזאַ חשיבותדיקע פונקציע. חוץ דעם האָט ער זיך סוף כל סוף נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די גרויסע פּריצים, ווי אַזעלכע ברעסע אָדער באַנמאַן, וואָס האָבן די דאָזיקע פונקציע איבערגעגעבן צו אַ ספּעציעלן הויפמייסטער.

זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, ווי אַן אָרנטלעכער בירגער דאַרף זיך נוהג זיין, און דעריבער טאַקי פלעגט זי ביי יעדער געלעגנהייט זיך באַמיען אים אַרויפצופירן אויפן ריכטיקן וועג.

— דאָס מעסער איז נאָר וואָס געשליפן געוואָרן, איר קאָנט זייער לייכט אָפשניידן פאַר זיך אַ פליגל. בעת די הון איז יונג און וויך, איז גאָרנישט אַזוי שווער זיך מיט איר אַן עצה צו געבן.

— אַנזשעליקע, צעשניידט, כ'בעט אייך די הון.

זי האָט אומגערן אויסגעפירט זיין באַפעל, און אַ צעטומל־טע איז זי צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, כּדי צו צעשניידן די הון. אין די עינים פון מענטשלעכער אכילה האָט זי געהאַט גע־נוירע אָבער נישט ווינציקער רעספּעקטפולע באַגריפן ווי ריקע.

בינו לבינו האָט ה' בערזשערע זיך פאַרטראַכט איבער די סיבות פון דער איבערגלייבעניש, וואָס האָט באַוויגן די פרוי צו גלויבן, אַז בלויז דער כּאַן האָט דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו צעשניידן אַן עוף. און די סיבות דערפון האָט ער נישט געזוכט דווקא אין דער גרויסאַרטיקייט פון מאַן, וואָס לאָזט איבער פאַר זיך אַ שווערע און אומסימפּאַטישע אויפגאַבע. אין דער אמתן קאָן מען באַמערקן, אַז די פיינלעכסטע און עקלדיקסטע הויז־אַרבעטן זענען אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער שטענדיק אויסגע־פאַלן אויפן גורל פון די פרויען.

ער האָט להיפך צונויפגעבונדן די טראַדיציע־טרייקייט פון דער אַלטער אַנזשעליקע מיט דער פאַרצייטיקער אידעע, אַז דאָס פלייש פון חיות, וואָס האָט געדינט אַלס דערנערונג פאַרן מענטש איז זייער אַ ווערטפולע זאַך, און דעריבער האָט בלויז דער ראש פון דער פאַמיליע דאָס רעכט עס צו צעשניידן און צו פאַרטיילן.

און אויפן געדאַנק איז אים געקומען די געשיכטע וועגן געטלעכן חזיר־פאַסטוך עומעוס, וואָס האָט אויפגענומען אוליסעסן אין זיין שטאַל, און הגם ער האָט אים נישט דערקענט האָט ער

אים פונדעסטוועגן באַהאַנדלט מיט גרויס כּבוד ווי אַ גאַסט, וואָס איז אים צוגעשיקט געוואָרן פון זעאוסן.

„עומעוס האָט זיך אויפגעהויבן, כדי צו פאַרטיילן די מאכלים, וואָרים ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר גערעכטיקייט. ער האָט צעטיילט דאָס עסן אויף זיבן חלקים. איין חלק האָט ער באַשטימט פאַר די נימפעס און דעם גאָט הערמעס, אַ זון פון מאַיאַ, און די איבעריקע חלקים האָט ער פאַרטיילט צווישן די געסט. דעם גאַנצן רוקן פון חזיר האָט ער צוגעטיילט זיין גאַסט, ווייל ער האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלט אים אָנטון כבוד.

„און דער איידלע רציקער אוליסעס האָט זיך שטאַרק דערפרייט צוליב דעם, און אַזוי געזאָגט צו עומעוסן: — עומעוס, הלוואַי דו זאָלסט אַ'עמאָל זיין באַליבט ביים טאַטן זעוס, דערפאַר וואָס דו האָסט מיך מכבד געווען מיטן בעסטן חלק!"

און ה' בערזשערע איז מיטאַמאָל איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער פאַרצייטיקער וועלט, און דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער אַלטער דינערין וואָס איז געווען אַ קינד פון דער מאַמע-ערד.

— אפשר וועט איר זיך אָראָפּנעמען אַ חלק?

ה' בערזשערע האָט אָבער נישט געהאַט אַזאַ העלדישן אַפּעטיט, ווי אוליסעס און האָמערס מלכים. און ער האָט [illegible] געלייענט זיין בלאַט, וואָס איז געווען צעשפּרייט אויפן טיש. דער דאָזיקער מנהג האָט אויך נישט נושא חן געווען ביי אַנשעליקע.

— ריקע, ווילסטו אפשר אַ חלק עוף? — האָט ה' בערזשערע אַ פרעג געטון דעם הונט — די הון איז אויסגעצייכנט גוט.

ריקע האָט גאָרנישט געענטפערט. כל-זמן ער איז געלעגן אונטערן טיש, האָט ער קיינמאָל נישט געבעטן קיין עסן. דאָס עסן האָט אפילו געמעגט אַרויסגעבן דעם וווּנדערבאַרסטן ריח, ער אָבער האָט בשום אופן נישט געפאָדערט זיין טייל. ער האָט אפילו נישט געהאַט די העזה זיך צוצורירן צו די מאכלים, וואָס מ'האָט אים אָנגעבאָטן. ער האָט נישט געוואָלט עסן דאָרט, וווּ מענטשן האָבן געגעסן.

ה׳ בערזשערע, אַ מענטש אַ מיטפילנדער און אַן איידעלער וואָלט מיטן גרעסטן פאַרגעניגן אוועקגעשענקט דעם ביסן זיינעם זיין בעסטן חבר. לפתחילה האָט ער געפרוווט אים אַראָפּצוּוואַרפן אַ פּאָר קליינטשיקע שטיקלעך. ער האָט גערעדט צו אים אין אַ העפלעכן טאָן, אָבער אויך מיט אַ געוויסן שטאָלץ, וואָס באַגלייט אַזוי אָפט די ווילטעטיקע האַנדלונגען. ער האָט אַזוי געזאָגט צו אים:

— לאַזאַר, נעם צו די שריים פון אַ רייכן מאַן, וואָרום אין דיינע אויגן בין איך לכל הפחות אַ גוטער גביר.

ריקע פלעגט אים אָבער שטענדיק אָפּזאָגן. אים האָט שטאַרק געשראָקן די מאַיעסטעטישקייט פון אָרט. און אפשר האָט אים זיין פריערדיקע דערפאַרונג געלערנט, אַז מ׳דאַרף רעספעקטירן דאָס עסן פון באַלעבאָס.

אַנומלט איז ה׳ בערזשערע שטאַרק צו אים צוגעשטאַנען.

לאַנגע צייט האָט ער געהאַלטן אַ שטיק שמעקעדיק פלייש ביי זיינער סאַמע נאָז פון זיין פריינד. ריקע איז אָבער ביישטאַנען דעם נסיון: ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ער איז אַרויסגעקראָכן פון הינטערן טישטוך און באַטראַכט זיין באַלעבאָס מיט זיינע שיינע, הכנעהדיקע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט אַ מילדן פאָרוואורף, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— באַלעבאָס, פאַרוואָס ברענגסטו מיך צו אַ נסיון?

און מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם ווײדל און פאַרקרומטע פיסלעך, קריכנדיק אויפן בויך אַלס צייכן פון הכנעה, האָט ער זיך טרויעריק אַוועקגעזעצט אויפן הינטערשטן, אַקעגנאיבער דער טיר. דאָרט איז ער פאַרבליבן די גאַנצע צייט פון אָוונט-ברויט און ה׳ בערזשערע האָט באַוואונדערט די הייליקע געדולדקייט פון זיין קליינעם שוואַרצינקן חבר.

אים זענען גאָר גוט באַקאַנט געווען די געפילן פון ריקע, דעריבער האָט ער אים דאָס מאָל געלאָזט צורו. ער האָט איבעריקנס געוווּסט, אַז ריקע, נאָך דעם, ווי ער האָט מיט רעספּעקט בייגעוווינט דעם אָוונט-ברויט, איז אוועק אין קיך אונטערן וואַסער-קראַן, ווו ער האָט מיט גרויס אַפּעטיט אַראָפּגעשלונגען

זיין עסן און דערביי אָן אויפהער צופרידן געסאָפּעט. באַרויקט בנוגע דעם דאָזיקן פּונקט, האָט ער ווידער אויפגענומען דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען.

— ביי די פּאַרצייטיקע העלדן, — האָט ער געטראַכט, — איז די אכילה געווען זייער אַ וויכטיקער ענין. האָמער דהאָט נישט פאַרגעסן צו פאַרציילן, אַז אין פּאַלאַץ פון בלאָנדן מענע-לאַאָס, האָט טעלעמאַכוס, דער זון פון אָדיסעאָס, בכבודו ובעצמו געטיילט חלקים פלייש. אַ קעניג האָט באַקומען אַ שבח, בעת יעדער האָט ביי זיין טיש באַקומען זיין אמתן חלק געבראָטנס.

מענעלאַאָס האָט געוווּסט, ווי זיך נוהג צו זיין ביים טיש. העלענע מיט די ווייסע אָרעמס האָט געקאָכט אין דער קיך צו-זאַמען מיט אירע דינסטמיידלעך, און דער באַרימטער טעלעמאַ-כוס פלעגט צעשניידן דאָס פלייש. דער שטאָלץ פון דער דאָ-זיקער אידעאַלער פונקציע שפּיגלט זיך אָפּ ביים היינטיקן טאָג אויף די גלאַט-ראַזירטע פּנימער פון אונזערע „מעטר-ד'האָטעל".

מיר זענען טיף איינגעוואָרצלט אין דער פאַרגאַנגענהייט. איך האָב אָבער נישט קיין אַפּעטיט, איך בין אַ קנאַפּער עסער. אַנזשעליקע, אָט די פּשוטע, אומגעקינצלטע פרוי, וואַרפט מיר דאָס טאַקע כסדר פאָר. זי וואָלט מיך פיל מער געשעצט, ווען איך וואָלט געהאַט דעם אַפּעטיט פון אַ אַטריד אָדער פון אַ בורבאָן.

בעת ה׳ בערזשערעס באַטראַכטונגען האָבן דערגרייכט צום דאָזיקן פּונקט, האָט ריקע זיך אַ הייב געטאָן פון זיין קישן און גענומען בילן, נישט אָראָפּלאָזנדיק זיין אויג פון דער טיר.

זיין האַנדלונג איז געווען אויפפאַלנדיק, וואָרים זי איז געווען קעגן זיינע געוווינהייטן. ער פלעגט קיינמאָל נישט פאַר-לאָזן זיין קישן איידער זיין באַלעבאָס האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול.

ריקע האָט קוים אָנגעהויבן צו בילן, ווי אין דער האַלב אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן דאָס צעטומלטע געזיכט פון דער אַלטער אַנזשעליקע, וואָס האָט געמאָלדן, אַז די „פריילינס" זענען געקומען.

ה׳ בערושערע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי געמיינט זיין שוועסטער זאָע און זיין טאָכטער פאַולינע; ער האָט זיך נישט געריכט, אַז זיי זאָלן קומען אַזוי פרי. ער האָט אָבער געוווסט, אַז זיין שוועסטער צייכנט זיך אויס מיט אירע אומגעריכטע משונהדיקע איינפאַלן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש. אין דער רגע האָט ריקע ביים קלאַנג פון טריט אין קאָרידאָר גענומען בילן הויך אויפן קול. נישט געקוקט אויף זיין ליבעראַלער דערציונג האָבן נאָך פונדעסטוועגן געשלומערט אין אים די אינסטינקטן פון אַ ווילדן, און ער האָט אויף יעדן פרעמדן געקוקט, ווי אויף אַ שונא. ער האָט דערשנאַפּט אַ גרויסע געפאַר און אינם איינבּרוך פון שונא אין עס־צימער אַריין האָט ער געזען אַ סכּנה פון אַ נוראדיקער צעשטערונג.

פאַולינע האָט אַרומגענומען איר פאָטער פאַרן האַלז, ער האָט זי צוגעדריקט צום האַרצן, האַלטנדיק אין האַנט זיין סערוועטל. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעצויגן און אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דאָס דאָזיקע יונגע מיידל, וואָס איז געווען געהיימניש־פול, ווי אַלע יונגע מיידלעך. אַ קיילעכדיק יאָר האָט ער זי נישט געזען, און ער האָט זי קוים געקאָנט דערקענען.

זי איז אים פאָרגעקומען זייער נאָנט און גלייכצייטיק גאָר ווייט; זי איז געווען זיין פלייש און בלוט, און דאָך האָט זי זיך אים אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט אַדאַנק דער בלענדנדער קראַפט פון איר יוגנטלעכקייט.

— גוט מאָרגן, ליבער פּאַפּאַ!

אפילו איר שטים האָט זיך געענדערט, זי איז געוואָרן טיפער און גלייכמעסיקער.

— ווי אויסגעוואַקסן דו ביסט געוואָרן, מיין טאָכטער!

ער האָט איינגעפונען, אַז זי איז מלא חן מיט איר פיינגעשניטענער נאָז, מיט אירע שכלדיקע אויגן און איר שפּאָטיש מויל. ס׳האָט אים פאַרשאַפט אַ נחת רוח אויף איר צו קוקן. די פרייד איז אָבער באַלד פאַרשוווּנדן און אומעט האָט אים באַהערשט ביים געדאַנק, אַז מ׳קאָן קיינמאָל נישט לעבן

רייק אויף דער וועלט, און די יונגע לייט לאָזן זיך נאָכן גליק אויף אומזיכערע און געפערלעכע וועגן.

ער האָט האַסטיק אַ קוש געטון זאָען אויף ביידע באַקן.

— דו האָסט זיך גאָרנישט געענדערט, מיין טייערע זאָע... כ׳האָב מיך נישט געריכט, אַז איר זאָלט קומען הייַנט צו פאָרן. כ׳בין אָבער צופרידן, וואָס כ׳זע אייך ווידער ביידע צו־זאַמען.

ריקע האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן, אַז זיין באַלעבאָס זאָל אַזוי היימיש באַהאַנדלען די פרעמדע לייט, עס וואָלט אים געווען פאַרשטענדלעכער, ווען ה׳ בערזשערע וואָלט זיי ביים אַרויסגעיאָגט פון שטוב. ער האָט זיך שוין אָבער צו־געווינט נישט צו פאַרשטיין אַלע האַנדלונגען פון די מענטשן. ער האָט דעריבער געלאָזט טון דעם ה׳ בערזשערע, ווי ער האָט געוואָלט, און ער אַליין האָט בלויז אויסגעפירט זיינע פליכטן.

ער האָט אָנגעהויבן הויך צו בילן, כדי איבערצושרעקן די שלעכטע לייט. דערנאָך האָט ער גענומען בייז און פיינד־לעך ברומען. ער האָט פאַרקרומט די ליפן אין אַ ביטול־גרימאַ־סע און געוויזן אַ מויל ווייסע ציינער. ער האָט געדראָט דעם שונא און ביינו לביינו זיך לאַנגזאַם צוריקגעצויגן.

— דו האָסט אַ הונט, פּאַפּאַ? — האָט פּאָולינע גע־פרעגט.

— איר האָט געזאָלט קומען ערשט שבת? — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט.

— דו האָסט דערהאַלטן מיין בריוו? — האָט זאָע גע־פרעגט.

— יאָ, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט.

— ניין, דעם צווייטן.

— כ׳האָב מער נישט באַקומען, ווי איין בריוו.

— מ׳קאָן דאָך דאָ גאָרנישט הערן.

און אין דער אמתן האָט ריקע ווידער אָנגעהויבן צו בילן אויפן קול.

— דער בופעט איז פול מיט שטויב, — האָט זאָע זיך אָנגערופן און אָנידערגעלייגט דאָרט איר קאָלנער. — דיין באַלע-באַסטע ווישט נישט אָפּ דעם שטויב?

ריקע האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז מ׳זאָל אַזוי אָן שום שהיות זיך פאַרען ביים בופעט. אפשר האָט ער געווילט צו פריילין זאָע אַ באַזונדערע שנאה, און אפשר האָט ער זי אָנגענומען פאַר אַ געמערלעכן גאַסט, אַלנפאַלס האָט ער זיין גאַנצן כעס און סגעגאָסן הויפּזעכלעך אויף איר און גענומען שטאַרק בילן.

בעת ער האָט דערזען, אַז זי האָט אָנידערגעלייגט איר, האָנט אויף דער שאַנק, ווו דאָס עסנוואַרג איז געווען פאַרשלאָסן האָט ער גענומען מאַכן אַזעלכע יעלות, אַז די גלעזער האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן אויפן טיש.

פריילין זאָע האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און אים געפרעגט מיט אַן איראָניע אין קול:

— דו ווילסט מיך אויפרעסן, דו הונט איינער?

און ריקע האָט געמאַכט פיס, דערשראָקן פון איר דייד.

— צי איז דיין הונט אַזאַ ביינער, פּאַפּאַ?

— ניין, ער איז אינטעליגענט און נישט ביז.

— כ׳גלויב נישט, ער זאָל זיין אינטעליגענט. — האָט זאָע געזאָגט.

— ער איז פונדעסטוועגן אינטעליגענט. — האָט ה׳ בערישערע זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע. — ער פאַרשטייט נישט אַלע אונזערע געדאַנקען; מיר פאַרשטייען אָבער אויך נישט אַלע זיינע געדאַנקען. כ׳איז בכלל שווער צו באַגרייפן, וואָס ס׳טוט זיך ביי יענעם אויף דער נשמה.

— דו, ליציאַן, — האָט זאָע געזאָגט, — קאָנסט זיך נישט אויף מענטשן.

ה׳ בערושערע האָט זיך געווענדעט צו פאַולינע:

— קום אַהער, לאָמיך דיך אָנקוקן. כ׳דערקען דיך נישט מער.

ריקען איז בינו לבינו איינגעפאלן א געדאנק. ער האט באשלאסן גיין אין קיך אריין אויסזוכן די גוטע אנזשעליקע און איר מודיע זיין וועגן די אומרועז, וואס זענען פארגעקומען אין עס-צימער. זי איז געווען זיין איינציקע האפנונג. ער האט געהאפט, אז נאר זי אליין וועט זיין אימשטאנד צוריקצושטעלן די ארדנונג און ארויסיאגן די אומגעבעטענע געסט.

— ווו האסטו אהינגעטון דעם פארטרעט פון אונזער פאטער?
— האט פריילין זאע געפרעגט.

זעצט אייך און נעמט עפעס אין מויל אריין, — האט ה׳ בערזשערע זיך אנגערופן. — ס׳איז פאראן א געבראטענע הון און נאך אנדערע גוטע מאכלים.

— פאפא, אמת, אז מיר פארן ארויס קיין פאריז?
— דעם צווייטן חודש, טאכטער מיינע. ביסט צופרידן?
— יא פאפא. איך וואלט אבער אויך געווען צופרידן, ווען מיר וואלטן געוווינט אויפן דארף, כ׳וואלט בלויז געוואלט האבן א גארטן.

זי האט א ווייליע אויפגעהערט צו עסן און געזאגט.

— פאפא, כ׳באוואונדער דיך. כ׳בין שטאלץ צוליב דיר. דו ביסט א גרויסער מאן.

— מיין קליינער הונט ריקע האט אויך די זעלבע מיינונג.
— האט ה׳ בערזשערע געענטפערט.

די זאַכן פון פּראָפעסאָר בערזשערע זענען איינגעפּאַקט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון פריילין זאָע און אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן באַן-וואָקזאַל.

אין דער זעלבער צייט, בערת ה׳ בערזשערע האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין, האָט ריקע, אַ טרויעריקער און מרה-שחורהדיקער אַרומגעבלאָנזשעט איבער דער פּאַרוויסטער וווינונג. ער האָט מיט חשד באַטראַכט די פריילין זאָע און פּאַולינע, וואָס האָבן אין משך פון אַזאַ קורצער צייט אַריינגעבראַכט אַ שרעקלעכן תוהו ובוהו אין דער וווינונג, וווּ ס׳האָט ביז איצט געהערשט רו און פרידן.

די טרע״ן פון דער אַלטער אַנזשעליקע, וואָס האָט גאַנצע נעכט געוויינט אין קיך, ד״האָבן אים אַריינגעבראַכט אין נאָך אַ טרויעריי ערער שטימונג. פון זיינע געליבטעסטע געוווינהייטן איז געוואָרן אַ פולשטענדיקער תל. אומבאַקאַנטע, שלעכטגעקליי-דעטע מענטשן מיט גראָבע מאַניערן האָבן צעשטערט זיין רו, זיי זענען אַזש אַריינגעדרונגען אין קיך אַריין און איבערגעדרייט מיט די פיס אַרויף זיין טעלער און טעפּל מיט וואַסער.

קוים פלעגט ער זיך אויסקלייגן ערגעץ אויף אַ שטול אָדער אויף אַ קישן, פלעגט מען אים באותו רגע אַראָפּטרייבן, און ער האָט נישט געוווּסט, וווּ ער זאָל זיך אַהינטון.

לאָמיר צוגעבן צו זיין שבח, אַז ער האָט לכתחילה גע-פּרוווּט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. ווי נאָר דער שונא האָט

געשטערט זיין רו, האָט ער זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ שטאַרק בילעריי. קיינער איז אים אָבער נישט געקומען צו הילף. קיינער האָט אים נישט צוגעגעבן קיין קוראַזש, לדהיפך, זיינע כוונות זיינען נאָך אפילו באַקעמפט געוואָרן.

פריילין זאָע האָט זיך טרוקן צו אים אָנגערופן: „ווער שוי מ׳ל שטיי". און פריילין פּאָולינע האָט צוגעגעבן: „ריקע, דו ביסט לעכערלעך!"

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך איינגאַנצן מיאש געווען, ער האָט אויפגעהערט צו געבן אומזיסטע עצות און זיך אָפּגעזאָגט פון קאַמף פאַרן אַלגעמיינעם וווילשטאַנד. שטילערהייט האָט ער באַוויינט די חורבות פון דער וווינונג און בחנם אַרומגעלאָפן פון איין צימער צום אַנדערן, זוכנדיק ערגעץ אַ רויק ווינקל.

בעת די טרעגערס פלעגן אַריינדרינגען אין אַ צימער, וווּ ער האָט זיך באַהאַלטן, פלעגט ער מחמת פאָרזיכטיקייט זיך פאַרשטעקן אונטער אַ טיש אָדער אַ שענקל, וואָס מ׳האָט נאָך נישט געהאַט צוגענומען. די דאָזיקע פאָרזיכטיקייט האָט אים אָבער געבראַכט מער שאָדן, ווי נוצן, וואָרים אומגעריכט האָט דאָס שטיק מעבל זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען, זיך אויפגעהויבן, צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ קרעכץ און אים געדראָט צו צעקוועטשן. ער פלעגט מאַכן פליטה, אַ צעשראָקענער, מיט אַ צעפּאַטלטע פעל, און געפינען אַ נייעם מקום־מקלט וואָס איז אָבער נישט געווען זיכערער פאַרן ערשטן.

אָבער די אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן און אפילו די דראָענדע געפאַרן, זענען געווען אַ שפּילעכל אין פאַרגלייך מיט די יסורים, וואָס האָבן געקוועלט זיין נשמה. זיין מאָראַלישער איך, ווי מ׳דריקט זיך אויס, האָט זייער שטאַרק געליטן.

די פאַרשידענע מעבל פון דער וווינונג זענען אין זיינע אויגן נישט געווען קיין טויטע, אומבאַוועגלעכע זאַכן, נאָר באַלעבטע און גוטע גייסטער, וואָס זייער באַזייַ[ונ]ג איז געווען אַן אָנזאָג פון שרעקלעכע אומגליקן. שיסלען, צוקער־קענדלען, בראַטפאַנען און טעפּ, אַלע געטער פון דער קיך, פּאַטעלן,

דיוואנען, קישעלעך, הויז-קמיעות, אלע זיינע שטוב-געטער, — זיי אלע זענען אָפּגעריסט געווארן פון דער ווינונג.

ער האט זיך ניט געקאנט פארשטעלן, אז אזא שרעק־לעכער חורבן זאל קאנען אמאל פאריכט ווערן. און דאס האט אים פארשאפן אזוי פיל עגמת-נפש, אז ס׳האט קוים געקאנט געפינען אן ארט אין זיין קליין הינטיש הארץ.

דאס גאנצע גליק איז געווען, וואס זיין נשמה איז ענלעך געווען צו א מענטשלעכער נשמה, און זי האט גאר גיך און לייכט פארגעסן אירע צרות. אין דער צייט, ווען די טרעגערס זענען נישט געקומען אין דער ווינונג אריין, בעת די אלטע צנזשעליקע האט אויפגעהויבן מיטן בעזים אן אומגעהייערן זייל שטויב, דעמאלט פלעגט ריקע אייגאטעמען אין זיך דעם ריח פון מייז, אדער ער פלעגט זיך פארקוקן אויפן שפינוועבס פון א שפין; אין אזעלכע רגעס האט זיך צו אים צוריקגעקערט זיין אמאליקע פרייד. דאס פלעגט אבער לאנג נישט דויערן און ער פלעגט באלד ווידער אריינפאלן אין א מרה-שחורה.

אין טאג פון דער אפרייזע, בעת ער האט געזען, אז די לאגע פארערגערט זיך פון שעה צו שעה, איז ער באהערשט געווארן פון אן אָנמעכטיקן יאוש. ער איז באזונדערס דערשלאגן געווארן, בעת ער האט געזען, ווי מ׳פאקט איין די וועש אין טונקעלע קאסטנס. פאולינע האט מיט גרויס התלהבות פאר־פאקט אירע זאכן. ער האט אוועקגעדרייט פון איר דעם קאפ, ווי זי וואלט באגאנגען א שרעקלעכן חטא.

ער האט זיך צוגעדריקט צו דער וואנט און געטראכט:

„דאס איז דאס ערגסטע! דאָס איז שוין דער סוף!" זאל ער האבן אפשר געגלויבט, אז אלץ הערט אויף צו עקזיסטירן, בעת ער קוקט נישט דערויף, אבער אפשר האט ער בלויז נישט געוואלט קוקן אויף אזא פיינלעכן ספעקטאקל, ווי עס זאל נישט זיין, ער האט אלנפאלס אפגעווענדעט זיינע בליקן פונם ארט, וווּ פאולינע איז געשטאנען.

דורך א צופאל האט זי, זיך פאָרענדיק ביים פארפאקן די זאכן, באמערקט ריקעס משונהדיקע באנעמונג. זיין באנעמוגג

איז געווען דורכאויס מעלאַנכאָליש, פּאַולינען איז זי אָבער פאַרגעקומען קאָמיש, און זי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, און לאַכנדיק האָט זי אים גערופן: „קום אַהער, ריקע, קום אַהער!"

ער האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט און צומאָל נישט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ. אין דער רגע האָט ער לחלוטין נישט געהאַט דעם קאָפּ זיך צו צערטלען מיט זיין יונגער באַלעבאָסטע, א פאַרבאָרגענער אינסטינקט און עפּ ס אַ מין פאָרגעפיל האָט אים בשום אופן נישט געלאָזט זיך דער־נעענטערן צום אָפּ נעם קופער.

פּאַ לינע האָט אים אייניקע מאָל גערופן. און אַזוי, ווי ער האָט נישט געענטפערט, איז זי צוגעגאַנגען און אים גענו־מען אויף דער האַנט: „ווי אומגליקלעך דו ביסט, — האָט זי געזאָגט צו אים, — דו האָסט אַזאַ קלאָגע יקע מינע!"

זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַן איראָנישן טאָן. ריקע האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען איר איראָניע. ער איז פאַרבליבן אומבאַוועגלעך און מרה־שחורהדיק אין פּאַולינעס אָרעמס, און ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען און נישט געהערט.

— ריקע, גיב אַ קוק אויף מיר!

דריי מאָל האָט זי אים געמאַכט אַ פאָרוואורף. אַלץ איז אָבער געווען בחנם. דעמאָלט האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט אריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס:

— נאַריש באַשעפעניש, אַוועק פון מיר!

זי האָט אריינגעוואָרפן דעם הונט אין קופער אריין און פאַרקלאַפּט איבער אים דאָס דעקל. אין דער רגע האָט זי דער־הערט די שטים פון איר מומע, וואָס האָט זי גערופן. זי איז אַרויס פון צימער און איבערגעלאָזט ריקען, אַ פאַרשלאָסענעם אין קופער.

ער האָט זיך געפילט דאָרט זייער שטאַרק באַאומרויקט. עס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אז מ'האָט אים פשוט צוליב שפּאַס אריינגעוואָרפן אין קופער אריין. ער איז געקומען צו

דער איבערצייגונג. אז זיין לאגע איז אזוי אויך געגומען שווער, ער האָט זיך דעריבער באמיט זי מער נישט צו קאָמפּליצירן מיט אומנוצלעכע טריט.

אין אזא צושטאנד איז ער פארבליבן אייניקע רגעס אומבאוועגלעך און קוים געוואגט אָפּצואָטעמען. שפּעטער, בעת ער האָט געזעען, אז ס׳דראָט אים שוין מער נישט קיין בייע געפאר, איז ער געקומען צום באשלוס, אז מ׳דארף זיך ארומקוקן אין זיין פינצטער תפיסה. ער האָט אָנגעהויבן ארומצוטאפּן מיט זיינע פיסלעך די קליידער און העמדער, אויף וועלכע מ׳האָט אים אזוי אומגעריכט ארויפגעוואָרפן, און ער האָט גענומען זוכן עפּעס אן ארויסגאנג. ער האָט זיך אזוי אָפּגעמאטערט א צוויי, דריי מינוט, בעת ער האָט דערהערט די שטים פון ה׳ בערזשערע, וואָס האָט זיך געגרייט ארויסצוגיין אין גאס אריין:

— קום אהער, ריקע, קום אַהער? מיר וועלן גיין זיך געזעגענען מיט פּאיאָ, דעם בוכהענדלער... קום אהער! ווו ביסטו?...

דעם ה׳ בערזשערעס קול האָט געבראַכט ריקען א גרויסע טרייסט. אנשטאט אן ענטפער האט ריקע אנגעהויבן קראצן מיט די פיס אין די ווענטלעך פון קופער.

— ווו איז דער הונט אהינגעקומען? — האָט ה׳ בערזשערע געפרעגט פּאָולינען, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט מיט א שטויס וועש.

— ער איז אין קופער, פּאפּא.

— פון וואנען קומט ער אין קופער אריין.

— איך האָב אים דאָרט אריינגעלייגט, פּאפּא.

ה׳ בערזשערע האָט זיך דערנענטערט צום קופער און געזאָגט:

— דער יונגער קאָמאטאס, וואָס האָט געשפּילט אויף דער פלייט, בעת ער האָט געהיטן די ציגן, איז אויפן זעלבן אופן איינגעשלאָסן געוואָרן אין א קופער. די בינען פון די מוזעס האָבן אים אָבער געשפּייזט מיט האָניג. אָבער דו ריקע, וואָלסט

חס-וחלילה געשטאָרבן פאַר הונגער אין דאָזיקן קופּער, וואָרים דיך האָבן די אומשטערבלעכע מוזעס נישט ליב.

ביי די רייד האָט ה׳ בערזשערע באַפרייט זיין פריינד פון תפיסה. ריקע האָט אים באַגלייט ביזן קאָרידאָר און אָן אויפהער געדרייט מיטן וויידל.

מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער האָט זיך צוריקגעקערט אין דער וווינונג, ער איז צוגעלאָפן צו פּאָולינע און זיך אַ וואָרף געטון אויף די קליידלעך פון יונגן מיידל. ערשט, ווען ער האָט אויף אַזאַ אופן אויסגעדריקט זיין פאַרערונג לגבי איר, איז ער ארויסגעלאָפן נאָך זיין באַלעבאָס אויף די טרעפּ. ער האָט געגלויבט, אַז ער וואָלט געהאַנדלט אין סתירה מיט דער אייביקער חכמה און רעליגיע, ווען ער וואָלט נישט ארויסגעוויזן זיין ליבע צו אַ פּערזאָן, וואָס האָט פאַרמאָגט די קראַפט אים אריינצוּוואַרפן אין קופּער אריין.

פּאַיאָס קראָם איז דעם ה׳ בערזשערע פאַרגעקומען טרויעריק און מיאוס. פּאַיאַ איז געווען באַשעפטיקט ביים צוזאַמענשטעלן צוזאַמען מיט זיין משרת די באַשטעלונג פאַר דער געמיינדע-שולע. ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין צייט זיך ווי געהעריק צו געזעגענען מיטן פּראָפעסאָר. ער איז איבעריקנס קיינמאָל נישט געווען באַרעדעוודיק, און אויף דער עלטער האָט ער ביסלעכווייז זיך אָפּגעוווינט פון רעדן.

ער איז געווען מיד פון פאַרקויפן ביכער. ער האָט געהאַלטן זיין פּראָפעסיע פאַר אַן אומדאַנקבאַרע מלאכה, און ער האָט פּשוט אויסגעקוקט די רגע, ווען ער וועט זיך באַפרייען פון זיין געשעפט און אַרויספאָרן אין זיין זומער-וווינונג, ווו ער פלעגט פאַרברענגען אַלע זונטיקס.

ה׳ בערזשערע האָט ווי אַלעמאָל זיך אויך איצט אראָפּגעלאָזט אין זיין ווינקעלע. ער האָט ארויסגענומען פון דער פּאָליצע דעם אכט און דרייסיקסטן באַנד פון דער „אַלגעמיינער געשיכטע פון די נסיעות״. ווי אַלעמאָל, אַזוי האָט זיך דאָס בוך אויך דאָס מאָל אויפגעעפנט אויף די זייטן 212 און 213,

און אויך דאס מאל האט ער איבערגעלייענט פאלגנדע סרד־קענע שורות:

„... דער איבערגאנג צו צפון. „דעם דאָזיקן
„אומגליק, האָט ער געזאָגט, האָבן מיר צו פאר־
„דאַנקען די מעגלעכקייט אויפסניי צו באַזוכן די
„סענדוויטש־אינזלען און צו באַרייכערן אונזער
„נסיעה מיט אַן אָנדענקונג, וואָס קומט מיר פאַר
„אין א סך הינזיכטן צו זיין די וויכטיקסטע, הגם
„אויך די לעצטע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך
„די אייראָפּעער אויפן גאַנצן שטח פון פאַציפישן
„אָקעאַן. די דאָזיקע גליקלעכע נבואה, וואָס האָט
„געפונען איר אויסדרוק אין די רייד, איז ליידער
„נישט מקוים געוואָרן".

*

די דאָזיקע שורות, וואָס ער האָט שוין געהאַט געלייענט צום הונדערטסטן מאָל, האָבן אים אַרויפגעבראַכט אויפן זכרון נישט איין שעה פון זיין שווער, באַשיידן לעבן; די דאָזיקע שורות, וואָס זייער זין האָט ער קיינמאָל נישט געפרווט צו פאַרשטיין, האָבן אים דאָס מאָל אַריינגעבראַכט אין אַ מין שחור ה און מוטלאָזיקייט, ווי זיי וואָלטן געווען דער סימבאָל פון דער נישטיקייט און פון אַלע אונזערע האָפנונגען, און דער אויסדרוק פון אַלגעמיינער פוסטקייט.

ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַט אַזוי פיל מאָל געעפנט, און פון איצט אָן וועט ער עס שוין מער נישט נעמען אין האַנט אַריין, און ער איז אַרויס פון פאַ־לאַס קראַם אין אַ טרויעריקער, פאַרצווייפלטער שטימונג.

בעת ער איז געקומען אויפן פלאַץ פון הייליקן עקוופער

האָט ער געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויפן הויז פון דער קיניגין מאַרגעריט. די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן געוואָרפן אַ גאָלדענע שיין אויף די היסטאָרישע באַלקאָנס און אינם גרעלן שפּיל פון ליכט און שאָטן, האָט זיך באַלד פילזאָגנדיק אויסגעטיילט דער שטאָלצער הערב פון פיליפּ טריקויאַר, ווי אַ שטומער פאָרוואורף קעגן דער דאָזיקער אומעטיקער שטאָט.

בעת זיי זענען צוריקגעקומען אין דער אויסגעלייריקטער וווינונג האָט ריקע גענומען גלעטן די פיס פון זיין באַלעבאָס, און אויפגעהויבן אויף אים זיינע שיינע, טרויעריקע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן:

— דו, וואָס ביסט גאָר נישט לאַנג צוריק געווען אַזוי רייך און מעכטיק, וואָס ביסטו עפּעס מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי עלנט; וואָס ביסטו מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שוואַך, באַלעבאָס מיינער? דו דערלויבסט, אַז מענטשן, געקליידט אין העסלעכע קליידער זאָלן אַריינדרינגען אין דיין זאַל, אין דיין שלאָף און עס־צימער, זיי זאָלן איבערדרייען דיינע מעבל מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און אַרויסטראָגן זיי אין דרויסן.

דו דערלאָזט, מ׳זאָל אַזוי אומברחמנותדיק אַרויסשלעפּן אויף די טרעפּ דיין פאָטעל, וואָס איז אויך געווען מיין אָפּרוּאָרט, דער פאָטעל ווו מיר ביידע פלעגן פאַרברענגען יעדן אָוונט און גאַנץ אָפט אויך די פרימאָרגנס.

כ׳האָב געהערט, ווי דער פאָטעל האָט געקרעכצט אין די אָרעמס פון שלעכט געקליידעטע מענטשן, אָט דער זעלבער פאָטעל, וואָס איז אַ גרויסער פּעטיש און אַ גוטער גייסט. דו האָסט אָבער לגמרי גישט געוואָלט קיין ווידערשטאַנד די דאָזיקע אומצופרידענע פאַרשווינען.

אָ, באַלעבאָס מיינער, וואָס וועט איצט געשען מיט מיר, אויב אַלע הויז־געטער, וואָס האָבן איבערגעפּולט דיין וווינונג, האָבן דיך איצט פאַרלאָזט, אויב דו האָסט אַפילו פאַרלוירן דיינע פאַנטאַפל, יענע קליינע געטשן, וואָס דו פלעגסט אָנטון יעדן פרימאָרגן, אויפשטייענדיק פון שלאָף, און איך האָב מיך

אַזוי ליב געהאַט מיט זיי צו שפּילן? וואָס וועט זיין מיט מיר, אויב דו אַליין פאַרמאָגסט נעביך גאָרנישט און ביסט אַזוי עלנט?

— לוציאַן, מיר האָבן נישט קיין צייט צו פאַרלירן, — האָט זאָע זיך אָנגערופן. — די באַן פאָרט אָפּ אַכט אַזייגער אין אָוונט, און מיר האָבן נאָך נישט געגעסן קיין אָוונטברויט. קום, מיר וועלן עסן אויפן וואָקזאַל.

— מאָרגן וועסטו שוין זיין אין פאַריז, — האָט ה׳ בערזשערע זיך געווענדעט צו ריקען. — דאָס איז אַ באַרימטע און איידעלע שטאָט. דעם אמת געזאָגט, זענען נישט אַלע איינ־וווינער פון פאַריז דורכגעדרונגען מיט איידעלע געפילן. להיפך. זייער אַ קליינע צאָל פאַריזער פאַרמאָגן די דאָזיקע מעלה, די קווינטעסענץ פון אַ גאַנצער שטאָט, פון אַ גאַנצער אומה, איז אָבער סוף כל סוף קאָנצענטרירט אין אַ גאָר קליינער צאָל מענטשן, און זיי טאַקע דענקען שטאַרקער און גערעכטער ווי די איבריקע לייט. די איבריקע ווערן נישט אָריינגערעכנט.

דאָס, וואָס ס׳ווערט אָנגערופן דער זשעני פון אַ ראַסע, קומט אַלע אָל צום אויסדרוק נאָר אין אַ גאַנץ קליינער מינ־דערהייט. און די דאָזיקע פרייע גייסטער, וואָס זענען אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז זיי זענען אימשטאַנד זיך אָפּצוטרייסלען פון די אַלגעמיין אָנגענומענע איבערגלויבענישן און מיט די אייגענע כוחות צו אַנטפּלעקן דעם פאַרבאָרגענעם אמת, אָט אַזעלכע מענטשן זענען אומעטום גרויסע זעלטנהייט.

III

אין פאַריז האָט ה׳ בערזשערע צוזאַמען מיט זיין שוועסטער זאָע און טאָכטער פאָלינע זיך אַריינגעצויגן אין אַ דירה, וואָס האָט גאָר אינגיכן געזאָלט ווערן צולייגט און ווו ס׳האָט אים אָנגעהויבן צו געפעלן ווערן, זינט ער איז געוויר געוואָרן, אַז ער וועט דאָ נישט לאַנג פאַרבלייבן. דערפאַר האָט ער אָבער נישט געוווּסט, אַז ער וואָלט סיי ווי סיי צום באַשטימטן טערמין געמוזט זיך אַרויסציען פון דער וווינונג.

אַזוי האָט פריילין בערזשערע באַשלאָסן ביי זיך אין תאַרצן. זי האָט געדונגען די דאָזיקע וווינונג בלויז כדי צו האָבן גענוג צייט אויף אויסצוזוכן אַ באַקוועמע ע וווינונג, און בכלל איז זי פון סאַמע אָנהייב אָן געווען קעגן דעם, אַז מ׳זאָל אַריינלייגן קאָסטן אין דער צייטווייליקער דירה.

דאָס איז געווען אַ הויז אויף די סענע-גאַס, וואָס איז שוין אויף זיכער אַלט געווען אַ יאָר הונדערט; דאָס הויז איז קיינמאָל נישט געווען שיין און מיט דער צייט איז עס געוואָרן נאָך מיאוסער. פון פינצטערן טויער איז מען אַריינגעקומען אין אַ פייכטן הויף, ווו אויף איין זייט איז געווען דאָס קרעמל פון אַ שוסטער און פון דער אַנדערער זייט דער וואַרשטאַט פון אַ פּעקער.

ה׳ בערזשערע האָט געוווינט אויפן צווייטן שטאָק, קעגנאיבער אים האָט געוווינט אַ בעל-מלאכה, וואָס האָט אויפגעפרישט אַלטע בילדער; ווען די טיר פלעגט זיך עפענען,

האָט מען געזעען אַ גרויסע צאָל קליינע לייוונטער אָן ראַמען, וואָס האָבן זיך ארומגעוואַלגערט לעבן דעם פּאַיאַנס-אויוון, אָן אַ שיעור פּייזאַשן, אַלטע פּאָרטרעטן, און אַ שלאָפנדיקע מיידל מיט דער הויט פון אַמבראַ-קאָליר, וואָס איז געלעגן אין אַ טונקעלן וואַלד אונטער אַ גרינעם הימל.

די הילצערנע טרעפּ זענען נאָך געווען אין אַ געגוג זייערן צושטאַנד, בלויז אין די ווינקלען איז געווען פול מיט שפּינוועבס. יעדן פרימאָרגן פלעגט מען געפינען אויף די טרעפּ סאַלאַט-בלעטלעך, וואָס זענען מסתמא ארויסגעפאלן פון אַ באַלעבאָסטעס קוישל.

דאָס אַלץ האָט נישט געהאַט קיין באַזונדערן רייץ פאַרן ה' בערזשערע. און דאָך איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ טרויער ביים געדאַנק, אַז אויך די אַרומיקע זאַכן וועלן אויפהערן פאַר אים צו עקזיסטירן, פּונקט ווי פיל אַנדערע זאַכן, פאַר זיך אַליין אָן שום ווערט, וואָס האָבן אויפגעהערט פאַר אים צו עקזיסטירן, הגם זיינער צייט האָבן זיי געבילדעט דעם תוך פון זיין לעבן.

יעדן טאָג, נאָך דעם ווי ער פלעגט ענדיקן זיין אַרבעט, פלעגט ער אַרויסגיין זוכן אַ דירה. ער וואָלט מיט פאַרגעניגן געדונגען אַ דירה אויפן לינקן ברעג פון דער סענע, ווו זיין פאָטער האָט מיט יאָרן צוריק געהאַט געלעבט, ווארים אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נאָר אין יענעם הויז וואָלט ער געקאָנט פירן אַ שטיל, רויק לעבן און אָפּגעבן זיך זיינע שטודיעס.

זיינע זוכענישן האָבן אָנגעטראָפן אויף באַזונדערע שוועריקייטן צוליב דעם, וואָס אין יענער צייט האָט אין פּאַריז געהערשט אַ שרעקלעכע אומאָרדנונג. די גאַסן זענען געווען צעאַקערט און צעבראכן און באַדעקט מיט הויפנס שטיינער און זאַמד, און עס פלעגט אָנקומען מיט גרויס מי צו מאַכן זיך אַ וועג דורך די בולוואַרן.

ווי באַוווּסט האָט אין יאָר 1899 דער אויסזעען פון פּאַריז זיך ראַדיקאַל געענדערט. אַלץ איז איבערגעדרייט געוואָרן קאַפּויער. ס'קאָן זיין, אַז די נייע לעבנס-באַדינגונגען האָבן

געצוואונגען די שטאָט דורכצופירן אַ ריי גראַנדיעזע אַרבעטן, און אפשר האָט דערויף געווירקט די דערנעענטערונג פון דער וועלט-אויסשטעלונג, וואָס האָט גורם געווען, אַז מ'האָט פון אַלע זייטן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פלייס און ענערגיע זיך גענומען בויען און איבערבויען.

ה' בערושערע האָט אַ טרויעריקער געזען, ווי די שטאָט ווערט איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, צו וואָס מ'האָט דאָס אַלץ באַדאַרפט צו האָבן.

אַזוי אָבער, ווי ער איז געווען אַ תלמיד-חכם, האָט ער געפּרוּווט זוכן א טרייסט און אַ באַרויקונג אין פילאָזאָפישע באטראכטונגען, און בעת ער איז דורכגעגאנגען דעם שיינעם מאלאקע-בולוואר, וואָס איז אויף אזא מוראדיקן אופן פארוויסט געוואָרן דורך די אומבאַרחמנותדיקע אינזשיניערן, האָט ער טיף אין הארצן באַוויינט די ביימער, וואָס זענען ארויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען און די צעבראָכענע שטעלן פון די גאסן-מוכר-ספרימניקעס.

און פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוז און געטראכט:

— איך האָב פאַרלוירן מיינע פריינד. און אָט איז אַלץ וואָס איז מ'ר אין דער שטאָט אַזוי ליב און טייער געווען. איר פרידלעכקייט, איר חן און שיינקייט. איר פארצייטיקע עלעגאַנץ און איר אַלטע היסטאָרישע לאַנדשאַפט, — אָט די אַלע אירע מעלות זענען מיטאמאָל אומגעריכט פאַרשוווּנדן געוואָרן.

פאַרפאַלן, אַזאַ איז שוין דער סדר פון דער וועלט, דער שכל האָט שטענדיק די אויבערמאַכט איבערן געפיל. מ'טאָר נישט פאַרלירן די צייט און באַקלאָגן די פאַרגאַנגענהייט, מ'דאַרף אויך נישט האָבן קיין טענה צו די אומנוצלעכע ענדערונגען, וואָרים די פאַרענדערלעכקייט איז א נויטווענדיקער באַדינג פון לעבן.

און אפשר זענען די דאָזיקע איבערקערענישן א בדיטווענדיקע זאַך, און אפשר דאַרף גאָר אַזוי זיין, אַז די דאָזיקע

שטאָט זאָל פארלירן איר טראַדיציאָנעלע שיינקייט, כדי אויף אזא אופן צו פארלייכטערן און פארמענטשלעכערן די אזוי אויך גענוג פיינלעכע עקזיסטענץ פון גאָר א גרויסער צאָל אירע איינוווינער.

א ווײַלע האָט ער צוזאמען מיט אייניקע פוילע בעקער־יונגען און גלייכגילטיקע פּאָליציאַנטן זיך צוגעקוקט, ווי די ערד־ארבעטער גראָבן דעם באָדן פון אמאָל בארימטן ברעג, און ער האָט ווידער גענומען טראַכטן:

— איך מאָל מיר אויס א בילד פון דער צוקונפטיקער שטאָט, ווו אירע העכסטע געביידעס זענען איצט קוים אָנגעצייכנט דורך טיפע לעכער. א מענטש מיט אן אויבערפלעכלעכן שכל וואָלט געמיינט, אז די ארבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביים בויען די דאָזיקע צוקונפט־שטאָט, גראָבן אן אָפּגרונט, בעת ס׳קאָן זיין, אז אין דער אמתן בויען זיי גאָר אויף דאָס הויז פון שמחה און פון פרידן.

אויף אזא אופן האָט פּראָפעסאָר בערזשערע, א מענטש מיט א גוטן ווילן, געטראַכט וועגן די ארבעטן אין דער אידעאַלער צוקונפט־שטאָט. דערפאר אָבער האָבן די ארבעטן אין דער רעאַלער שטאָט נישט געפונען אזא חן אין זיינע אויגן, וואָרים אויף יעדן שריט און טריט האָט אים מחמת צעטראָגנקייט, געדראָט די געפאר ארייננצופאלן אין א גרוב.

בינו לבינו האָט ער געזוכט א וווינונג, און דערביי האָט ער געהאנדלט אביסל פאנטאסטיש. אים זענען געפעלן די אַלטע הייזער, וואָרים זייערע שטיינער האָבן גערעדט צו אים מיט א באזונדערער שפּראַך.

באזונדערס שטארק האָט אים צוגעצויגן די זשי-לע-קער-נאס, און אָט האָט ער ערגעץ איבער אן אלט טויער, ווו מ׳האָט נאָך געקאָנט דערקענען דייטלעכע שפּורן פון אן אייזערנער דאמפּע, איבערגעלייענט א מעלדונג, אז א דירה איז צו פארדינגען. ער איז ארויף אויף די טרעפּ, באגלייט פון דער שמוציקער הויז־וועכטערין.

ארום האָט געהערשט א שרעקלעך פארפעסטעטער אוויר,

ווארים אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן דאָ די שטשורעס און מייז פראַנק און פריי אַרומגעוויוועט. פון די העכערע שטאָקן האָט זיך געטראָגן אן איבלדיקער ריח פון די קיך־מאכלים, און פון אַן אייבּיגדעריי־וואַרשטאַט האָט אַ זעץ געטון אין דער נאָז אַ שרעקלעכער ריח פון פאַרשימלטן קלייסטער; און ה׳ בערזשערע איז אַוועק פון דאָרט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און אַ טרויער אויף דער נשמה.

אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים האָט ער ביים מיטאָג איבערגעגעבן זיין שוועסטער זאָגע און דער טאָכטער פאַולינע דעם נישט גאָר פריילדיקן רעזולטאַט פון זיינע זוכענישן. מאַדמואַזעל זאָגע האָט אים גאַנץ רויק אויסגעהערט. ביי זיך האָט זי געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט אַליין אויסזוכן אַ דירה. זי האָט געהאט זייער אַ געהויבענע מיינונג וועגן איר ברודער, זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז אין פראַקטישן לעבן קאָן ער זיך נישט קיין עצה געבן.

— איך האָב באַקוקט אַ דירה אויפן קאָנטי־בולוואַר, כ׳וויס נישט, וואָס איר וועט זאָגן דערויף. ס׳איז פאַראַן פון דער וווינונג אַן אויסבליק אויף דעם הויף, וווּ עס געפינט זיך אַ ברונעם, באַוואָקסן מיט ווילדן וויין און אַ צעבראכענע סטאַטוע פון פלאָרע באַדעקט מיט מאָך. דער קאָם פעלט איר אינגאנצן.

איך האָב אויך באַזוכט אַ קליינע וווינונג אויף רי דע־לאַ־שעז. די פענצטער גייען ארויס אין א גאָרטן; ס׳וואקסט דאָרט א גרויסער לינדן־בוים, און אין פרילינג, ווען די ביי־מער וועלן ארויסלאָזן קנאָספּן, וועט איין צווייג אַריינקוקן צו מיר אין פענצטער אריין. פאַולינע וועט האָבן א גרויס צימער, און ס׳וועט גענוג זיין אויסצוטאפעטירן דאָס צימער מיט א פאָר מעטער געבלימלטן קרעטאָן, און דאָס צימער וועט האָבן טויזנט טעם.

— און מיין צימער? — האָט פריילין זאָגע א פרעג געטון. — דיך ארט זייער ווייניק, וואָס פארא צימער איך וועל האָבן. איבריקנס...

זי האָט נישט דערענדיקט אירע רייד, וואָרים זי האָט זיך קנאַפּ געדערמאָנט מיט איר ברודערס באַריכט.

— ס'קאָן זיין, אַז מיר וועלן זיין געצוווּנגען צו דינגען אַ נייע דירה, — האָט ה' בערזשערע ווייטער אָנגעהויבן צו רעדן. ער איז געווען אַ קלוגער מאַן און ער איז געווען געוווינט אַלעמאָל צו שטעלן העכער דעם שׂכל איבער די באַגערן:

— כ'האָב אויך אַזוי מורא, פּאַפּאַ. — האָט פּאָולינע געזאָגט, — זיי אָבער רויִק, מיר וועלן שוין אויסזוכן פאַר דיר אַ בוים, וואָס זאָל דערגרייכן ביז צו דיינע פענצטער; איך זאָג עס דיר צו.

די זוכענישן פון אַ וווינונג האָבן זי אין אַ געוויסער מאָס אַמוזירט, זי האָט זיך אָבער זייער ווייניק דערמיט אינטערעסירט, ווי יעדעס יונג מיידל, וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר קיין ענדערונגען, וואָרים איר שיקזאַל איז נאָך איינגעהילט אין אַ נעפּל און זי אליין לעבט אין אַ מין צושטאַנד פון אָפּוואַרטונג.

— די נייע הייזער — האָט ה' בערזשערע ווייטער גערעדט, — זענען בעסער איינגעאָרדנט, ווי די אַלטע. איך האָב זיי אָבער פיינדעסטוועגן נישט ליב, אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס זייער אויסגעמאַסטענער לוקסוס צווינגט מיך מער ווי ערגעץ אַנדערש, צו פילן די וווּלגאַרקייט פון אַ באַגרעניצט לעבן.

איך וויל נישט זאָגן, אַז איך לייד, ווייל איך באַשטייצולייב איין אויף אַזאַ קרבן, נאָר פּשוט דאָס וואָכעדיקע אָן באַנאַלע איז מיר שרעקלעך נישט צום האַרצן... איר וועט דאָס זיכער אָננעמען פאַר אַן אַבסורד.

— אָ נאָר נישט דאָס, פּאַפּאַ!

— אין אַ ניי הויז איז מיר באַזונדערס דערווידער די בענויע פונאַנדערטיילונג פון די וווינונגען לויט אַ פּריער פּאָראויסגעזעענער סכעמע. דאָס דאַזיקע לאָזט זיך אפילו אויסערלעך

באַמערקן. די שטאָט-איינוווינער זענען שוין אַ לאַנגע צייט געוווינט צו וווינען איינער איבערן אַנדערן.

און אַזוי ווי דיין מומע וויל נישט הערן וועגן אַ קליינעם באַשיידן הייזל הינטער דער שטאָט, וועל איך מיך מוזן צופרידנשטעלן מיט אַ דריטן אָדער אַ פערטן שטאָק. אין דעריבער טאָקע איז מיר אַזאַ שאָד אָפּצוזאָגן זיך פון אַ דירה אין אַן אַלט הויז. די אַלטע וווינונגען זענען טאָקע נישט רעגלמעסיק געבויט, אָבער נישט געקוקט דערויף זענען זיי פּאָרט דערטרעגלעכער, ווי די נייע וווינונגען, וואָס זענען אָנגעוואָרפן איינע אויף דער אַנדערער.

בעת איך גיי פאַרביי אַ נייע גאַס, קומט מיר פאָר לעכערלעך, ווי אַזוי האָט מען געקענט אויסבויען אַ ריי וווינונגען איינע לעבן דער אַנדערער, און נאָך דערצו מיט אַזאַ גענויער רעגלמעסיקייט. אָט די קליינע עס-צימערן, מיט די זעלבע פענסטער וואָס זענען געבויט גענוי איינס איבערן אַנדערן, און פאַלט צו דער אָוונט, ווערן זייערע קופּערנע הענג-לאָמפּן אָנגעצונדן אין איין און דער זעלבער מינוט; יענע קיכלעך, וווּ מ'קאָן זיך קוים אויסדרייען, מיט די שפּייכלערס, וואָס גייען אַרויס אויפן הויף און די שמוציקע דינסט-מיידלעך; יענע סאַלאָנען מיט די קלאַווירן, וואָס געפינען זיך פּונקט איינער איבערן אַנדערן.

מיט איין וואָרט, די נייע הייזער, מיט זייער גענויער רעגלמעסיקייט דערמאַנען מיר שוין צו פיל די טאָגטעגלעכע פונקציעס פון זייערע איינוווינער, זיי אַנטפּלעקן פאַר מיר אַלע זייערע מעשים, פּונקט, ווי די באַלקאָנס וואָלטן געווען פון גלאָז.

און די אַלע מענטשן, וואָס עסן מיטאָג אין דער זעלבער צייט, גענוי איינער איבער דעם אַנדערן, שפּילן קלאַוויר. און לייגן זיך שלאָפן אין דער זעלבער שעה, — אָט די אַלע מענטשן, ווען איך הייב נאָר אָן צו טראַכטן וועגן זיי, מאַכן זיי אויף מיר אַ קאָמישן איינדרוק.

די לאָקאַטאָרן טראַכטן זייער ווייניק וועגן אַזעלכע

זאָכן, — האָט פריילין זאָגע זיך אריינגעמישט אי״ם געשפּרעך. זי איז ווייטער געווען פּעסט אַנטשלאָסן צו דינגען אַ וווינונג דווקא אין אַ נײַ הויז.

— דאָס איז אמת, — האָט פאַולינע פאַרטראַכט צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, — ס'איז טאַקע אמת, אַז זיי זענען קאַ־מיש.

— איך האָב שוין אפילו אָנגעמערקט אייניקע וווינונגען, וואָס זענען מיר געפאָלן געוואָרן, — האָט ה' בערזשערע ווײַ־טער אויפגענומען דעם געשפּרעך, — זיי זענען אָבער צו טײַער, און די דאָזיקע דערפאַרונג הייסט מיך שטאַרק צווייפ־לען אין דער ריכטיקייט פון מײַן יעס געדאַנקען.

פּוריע, אַ מענטש, וואָס איז ווערט געווען באַוווּנדערט צו ווערן, האָט אויסגעדריקט פאָלגנדן געדאַנק: דער גע־שמאַק איז אַזוי פאַרשידן, אַז ווען מיר וואָלטן געווען האַרמאָניש, וואָלטן די עלנטסטע היילן פּונקט אַזוי באַגערט געוואָרן, ווי די פּרעכטיקסטע פּאַלאַצן. און ס'איז טאַקע אמת אַז מיר זענען נישט האַרמאָניש. וואָרים, ווען עס וואָלט געווען אַנדערש, וואָלטן מיר אַלע געהאַט אַ ווײַדל, וואָס אויף אים וואָלטן מיר זיך געקאָנט אויפהענגען אויף די ביימער. דאָס איז אויך פּוריעס אַ געדאַנק.

אַן אַנדערער מענטשלעכער בעל־טובה, דער מילדער פירשט קראָפּאָטקין, פאַרזיכערט אונז, אַז גאָר אינגיכן וועט קומען דער טאָג, ווען אַלע שענסטע הייזער וועלן ווערן אַ רשות הרבים. וואָרים זייערע איצטיקע באַלעבאַטים וועלן זיי פאַרלאָזן צוליב דער פּשוטער סבה, וואָס קיינער וועט זיי נישט וועלן רוימען און האַלטן אין אָרדנונג.

זיי וועלן ממש שפּרינגען פאַר פרייד, זאָגט ווייטער דער דאָזיגער פירשט, ווען די פרויען פון פאָלק וועלן זיך אַרײַנ־ציען אין זייערע וווינונגען, און משמעות, אַז זיי וועלן זיך לחלוטין נישט דערשרעקן, וואָס די קיכן געפינען זיך אין קעלער.

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, ביים היינטיקן טאָג איז

די וווינונגס-פראגע זייער א ברענענדער און שווערער ענין. זאָגע, טו מיר צוליב, און גיי באַקוקן די וווינונג אויפן קאָני-טי-בולוואר. וואָס איך האָב דיר וועגן איר דערמאנט. די וווינונג איז אפילו אין א פארלאָזטן צושטאנד, וואָרים זי האָט אין משך פון דרייסיק יאָר געדינט ווי א מאגאזין פאר א פאבריקאנט פון כעמישע פראָדוקטן.

דער הויזווירט וויל נישט אויפפרישן די וווינונג, וואָרים זר האָט זי בדעה ווייטער צו פארדינגען אויף א מאגאזין. די פענצטער זענען ביים סאמע דאך, פונדעסטוועגן איז פאַראן פון זיי אן אויסבליק אויף א מויער, באוואָקסן מיט ווילדן וויין; חוץ דעם איז אויפן הויף פאראן א ברונעם, באוואָקסן מיט מאָך און א סטאטוע פון פלאָרע; נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז אָן א קאָפּ, איז זי פונדעסטוועגן מלא חן. און דו ווייסט דאך, אז אין פאריז קאָן מען דאָס אלץ אוודאי לייכט נישט געפינען.

IV

— ?י דירה איז צו פאַרדינגען, — האָט פרייַלין זאַע זיך געווענדעט צו איר ברודער, און זי איז געבליבן שטיין פאַר א טויער. — די דירה איז צו פאַרדינגען, מיר וועלן זי אָבער נישט דינגען, וואָרום זי איז צו גרויס. און חוץ דעם...

— ניין, מיר וועלן זי נישט דינגען. אפשר וואָלסטו זי געוואָלט באַקוקן. איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט זי נאָכאַמאָל זעען, — האָט ה' בערזשערע מיט א שטיל קול זיך געווענדעט צו זיין שוועסטער.

זיי האָבן זיך געוואַקלט. ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז וויבאַלד זיי וועלן אַריינדרינגען אין דער דאָזיקער טונקעלער און געהיימנישפולער געביידע, וועלן זיי פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט ווערן פון שאָטנס.

בעת זיי האָבן זיך געשלעפּט איבער די גאַסן, זוכנדיק א וווינונג, איז זיי אויסגעקומען דורכצוגיין די שמאָלע גראַניט-גאַס; די דאָזיקע גאַס האָט ביזן היינטיגען טאָג נאָך פאַרבאַהאַלטן איר פאַרצייטיק אויסזעען, און אירע גליטשיקע טראָטואַרן ווערן קיינמאָל נישט טרוקן.

זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז גראָד אין אַ הויז אויף דער דאָזיקער גאַס האָבן זיי פאַרבראַכט גאַנצע זעקס יאָר פון זייער קינדהייט. זייער פאָטער, פּראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט

האָט זיך דאָרט ארייבגעצויגן אין יאָר 1856; אין משך פון פיל יאָרן איז אים אויסגעקומען זיך צו פלאָגן און צו וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, בלויז דערפאר, וואָס דער בילדונגס-מיניסטער, זיינס אַ שונא, האָט אזוי געוואָלט.

און די זעלבע וווינונג, ווו זאָע און לוציאן האָבן צום ערשטן מאל דערפילט דעם אמתן טעם פון לעבן, איז איצט גראָד געווען צו פארדינגען; דערויף האט עדות געזאגט דאס בלעטל, וואס האט זיך געשאָקלט פארן טויער אויפן ווינט.

בעת זיי זענען פארביי די אלעע, וואס האט געפירט דורך מאסיווע ארקאדן, האבן זיי געפילט, ווי זיי ווערן באַהערשט פון אן אומבאשרייבלעכן געפיל פון טרויער און פיעטעט.

די מויערן אינם פייכטן הויף זענען געווען באדעקט מיט אַ דיקער שימל-שיכט, וואָס איז אין משך פון הונדערטער יאָרן אָנגעטראגן געווארן דורך רעגן און נעפל. רעכטס פונם ארייננגאנג איז געווען אַ בויד, וואס האט געדינט אלס וווינונג פארן הויזוועכטער. דארט, אין דער נישע פון דער גלעזערנער טיר, האט אן עלסטער ארומגעטאנצט אין אַ שטייג, און אינעווייניק אין דער בויד, הינטער אַ בלומען-טאפ, איז געזעסן אַ פרוי און גענייט.

— צי איז די וווינונג אויפן צווייטן שטאק אין הויף צו פארדינגען?

— יא. איר ווילט זי באקוקן?

— מיר ווילן זי זעען.

די וועכטערין האט זיי ארויפגעפירט, האלטנדיק דעם שליסל אין האנט. זיי זענען איר שווייגנדיק נאכגעגאנגען. די דעמפיקע אטמאספערע פון אלטן הויז האט אוועקגערוקט אין אַ וויטער פארגאנגענהייט די זכרונות, וואס האבן ביים אָנבליק פון די שווארצע שטיינער אויפגעוואכט אין די הערצער פון ברודער און שוועסטער.

מיט אַ פארקלעמט הארץ, האבן זיי זיך אויפגעהויבן איבער די שטיינערנע טרעפ, און אז די הויזוועכטערין האט

אויפגעעפנט פאר זיי די טיר פון דער וווינונג, זענען זיי ווי געליימט געבליבן שטיין אויף דער שוועל; זיי האָבן מורא געהאַט אַריינצוגיין אין די צימערן, וואָרים ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז פון יעדן ווינקל קוקן אַרויס צו זיי זייערע קינדער-דערינערונגען, ווי אַ מתנה מתים.

— איר קאָנט אַריינגיין, די וווינונג איז פריי.

לכתחלה האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין די דאָזיקע גרוימע און פוסטע צימערן, וואָס זענען געווען באַשלאָגן מיט נייע געמאָלטע טאַפּעטן, און ס'האָט זיי געחידושט, וואָס זיי פילן זיך אַזוי פרעמד אין די אַמאָליקע היימישע צימערן...

— דאָ איז די קיך... — האָט די הויז-וועכטערין זיי דערקלערט. — דאָ איז דאָס עס-צימער... דאָרט דער זאַל...

אַ שטים האָט מיטאַמאָל דערגרייכט אַהער פון הויף:

— פרוי פּאַלאַמפּען ?...

די הויז-וועכטערין האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער. דערנאָך האָט זיך זי אַנטשולדיקט און איז זיפצנדיק אַרויס מיט שלאָפע טריט.

דער ברודער און די שוועסטער זענען פאַרזונקען אין זייערע זכרונות.

ברעקלעך פון אומפאַרגלייכלעכע שעהן, בילדער פון אומענדלעכע יוגנט-טעג האָבן אָנגעהויבן אויפצוטויכן אין זייער זכרון.

— אָט איז דאָס עס-צימער, — האָט זאָע זיך אָנגערופן.

— דאָ איז געשטאַנען דער בופעט, אַקעגנאיבער דער וואַנט.

— דאָ איז געשטאַנען דער מאַכאָגענער קרעדענס, „אַ קרבן פון אומאויפהערלעכע וואַנדערונגען", ווי אונזער פאָטער פלעגט זיך אויסדריקן. — וואָרים דער פּראָפעסאָר, זיין פּאַמיליע און מעבל זענען אָן אויפהער איבערגעטראָגן געוואָרן פון צפון צו דרום, און פון מזרח צו מערב, און דאָס אַלץ

האָט [illegible] צו פאַרדאַנקען דעם מיניסטער אין דער רעגירונג פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן. — דאָ האָט די קרעדענס ענדלעך געפונען אַ רו אויף עטלעכע יאָר.

— דאָ איז דער אויוון.

— מ׳האָט געענדערט די רער.

— מיינסט טאַקע אַזוי?

— יאָ, זאָגע, אויף אונזער אויוון איז געשטאַנען דער ביוסט פון יופּיטער טראַפּאָניוס, און יענער ווייטער צייט איז געווען אַ מנהג צו באַפּוצן די אויוון-רערן מיט די ביוסטן פון יופּיטער.

— ביסט זיכער אין דעם?

— און דו, כ׳בעט דיך, דערמאַנסט דיר נישט יענעם קאָפּ מיטן דיאַדעם און שפּיציקן בערדל?

— ניין.

— נאָך אַלעמען איז עס נישט קיין וווּנדער. דו האָסט דיך אַלעמאָל גלייכגילטיק באַצויגן צו די אויסערלעכע פאָרמען פון די זאַכן. דו באַמערקסט גאָרנישט.

— איך האָב פונדעסטוועגן אַ שאַרפער אויג, ווי דו, מיין אָרעמער לוציאַן, דו זעסט דווקא גאָרנישט. אַנומלט, בעת פאַולינע האָט אָנדולירט אירע האָר, האָסטו עס צומאָל נישט באַמערקט... ווען נישט איך...

זי האָט נישט געענדיקט. זי האָט אַרומגענומען דאָס פוסטע צימער מיט אירע גרויע אויגן און שפּיציקער נאָז.

אָט דאָ, אין יענעם ווינקל, לעבן פענצטער, פלעגט שטענדיק זיצן פריילין ווערפי, האַלטנדיק די פיס אויפן קוילן-בעקן. שבת פלעגט מען ביי אונז נייען. פריילין ווערפי האָט נישט פאַרפעלט קיין איין שבת.

— פריילין ווערפי, — האָט לוציאַן אַ זיפץ געטאָן. — וויפיל יאָר קאָן זי היינט אַלט זיין? זי איז שוין געווען אַן אַלטיטשקע, בעת מיר זענען נאָך געווען גאָר קליין. געדענקסט, זי האָט אונז אַמאָל פאַרציילט די געשיכטע פון אַ פעקל שוועבעלעך. איך געדענק נאָך דאָס בעשהלע ביזן היינטיקן טאָג און

כ׳קאָן עס איבערחזרן וואָרט ביי וואָרט, ווי זי פלעגט פּאַרציילן:

„דאָס איז געווען אין דער צייט, בעת מ׳האָט אַוועקגעשטעלט די סטאַטועס אויף דער בריק סען-פּער. עס האָט דעמאָלט געהערשט אַזאַ שרעקלעכע קעלט, אַז די נעגל זענען אונדז אָפּגעפרוירן געוואָרן, איך האָב מיך אומגעקערט אַהיים און זיך צוגעקוקט צו די אַרבעטן.

„אַ סך מענטשן זענען זיך אָנגעלאָפן כדי צו זען, ווי מ׳וועט אויפהייבן די שווערע סטאַטועס. איך האָב געהאַלטן אין האַנט אַ קיישל. פּלוצלינג האָט אַ פיין געזעץ יידעטער מאַן זיך געווענדעט צו מיר: „פרייליין, איר ברענט!" איך האָב דעמאָלט טאַקע דערפילט אַ ריח פון שוועבל און געזען מיט שרעק, ווי אַ רויך שלאָגט אַרויס פון מיין קיישל. מיין פּעקעלע שוועבעלעך פאַר זעקס סו איז פאַרברענט געוואָרן".

— אָט אויף אַזאַ אופן, — האָט ה׳ בערדשערע צוגעגעבן — האָט פרייליין ווערפּי פאַרציילט איר פּאַסירונג. זי פלעגט די דאָזיקע געשיכטע זייער אָפט איבערחזרן, דאָס איז אפשר געווען די איינציקע אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונג אין איר לעבן.

— דו האָסט אָבער דורכגעלאָזט אַ וויכטיקע שטעלע אין דער דערציילונג, לוציאַן. אָט זענען די גענויע רייד פון פרייליין ווערפּי:

— אַ פיינגעקליידעטער הער האָט זיך געווענדעט צו מיר: „פרייליין, איר ברענט". איך ענטפער אים: „גייט אייך אייער וועג און זאָל אייך דער קאָפּ וועגן מיר נישט דאַרן", — ווי איר ווילט, פרייליין. „מיטאַמאָל האָט איך דערפילט אַ ריח פון שוועבל..."

— דו ביסט גערעכט, זאָגט, איך האָב פאַרדרייט דעם טעקסט און דורכגעלאָזט אַ וויכטיקע שטעלע. פרייליין ווערפּי, וואָס האָט געהאַט אַ הויקער, האָט דעמאָלט געהאַנדלט ווי אַ קלוגע און צניעותדיק מיידל. דאָס איז זייער א וויכטיקער פּונקט. איך דערמאָן מיך טאַקע, אַז זי איז געווען אויסערגעוויינלעך שעמעוודיק.

— אונזער אָרעמע מאַמע, — האָט זאָע באַמערקט, האָט ממש געהאַט אַ ליידנשאַפט אַלץ צו פאַריכטן. וואָס האָט מען עס אַלץ בײַ אונז אין שטוב נישט פאַריכט!...

— יאָ, זי פלעגט קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן די נאָדל פון האַנט. אָט, וואָס ס'האָט געהאַט אַ באַזונדערן רייץ אין איר אַרבעט: איידער זי פלעגט זיך זעצן נייען, האָט זי אַנידערגעשטעלט לעבן זיך אויפן טיש זאַרט, ווו די שײַן פון טאָג האָט דערגרייכט, אַ קראַנץ מאַרגאַריטלעך אין אַ שטיינער-נער קרוג, אָדער אַ טעלער מיט פרישע פרוכטן. זי פלעגט זאָגן, אַז עפּעס פאַרשאַפן דעם אויג דעם זעלבן נחת-רוח, וואָס רויזן; כ'האָב נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט געזען אַ מענטש, וואָס זאָל האָבן אַזוי פיל פאַרשטענדניש פאַר דער שיינקייט פון אַ ווײַנטרויב אָדער פון אַן אַנדער פרי.

אַז מ'האָט איר געוויזן אַ בילד פון שאַרדען *) אין לוווּר-שלאָס, פלעגט זי שאָקלען מיטן קאָפּ, אַז ס'איז גוט געמאָלט. מ'האָט אָבער קלאָר געזען, אַז זי האָט ליבער אירע בלומען און פרוכטן. און מיט וואָס פאַראַ טיפער איבערצײַגונג האָט זי מיר אַמאָל געזאָגט: „גיב אַ קוק, לוציאַן, צי איז דען פאַראַן עטוואָס שענערס, ווי די פעדער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ טויבן-פליגל!" איך קאָן מיר נישט פאַרשטעלן, אַז מ'זאָל ליב האָבן די נאַטור מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט און פשטות.

— אָרעמע מאַמע! — האָט זאָע אַ זיפץ געטון. — און מיט דעם אַלעם האָט זי געהאַט אַ שלעכטן געשמאַק אין ענינים פון דער טואַלעטע. זי האָט מיר אַמאָל געקויפט אַ בלוי קלייד. ס'איז פשוט געווען העסלעך, דאָס דאָזיקע קלייד איז געווען די פלאָג פון מײַנע קינדער-יאָרן.

— דו ביסט קיינמאָל נישט געווען עלעגאַנט.

*) שאַרדען — אַ פראַנצויזישער מאָלער, געלעבט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט. (באַמ. פון איבערזעצער)

— מיינסט עס טאַקע אין דער אמתן. האָסט טאַקע אַ גרויסן טעות. מיין בעסט פאַרגעניגן איז אַלעמאָל געווען שיין זיך צו קליידן. מ׳האָט אָבער שטענדיק געשפּאָרט אויף דער טואַלעטע פון דער עלטערער שוועסטער, כדי צו קענען באַקליידן דעם קליינעם לוציאַן. און אַזוי האָט אויך באַדאַרפט צו זיין!

זיי זענען אַריין אין אַ שמאָל צימער, אַ מין קאָרידאָר.

— דאָס איז געווען דער אַרבעטס קאַבינעט פון אונזער טאַטן. — האָט זאָע געזאָגט.

— צי האָט מען אמאָל דעם קאַבינעט נישט צעטיילט אויף צוויי צימערן? מיר דוכט זיך, אז ער איז געווען גרעסער.

— ניין, ער האָט זיך גאָרנישט געענדערט. דאָ איז געווען זיין אַרבעטס-טיש. איבערן טיש איז געהאָנגען דאָס בילד פון ה׳ וויקטאָר לעקלערק. ווו האָסטו אהינגעטון דעם דאָזיקן פּאָרטרעט?

— וואס! אין דאזיקן ענגן צימער האט ער געהאט אַלע זיינע אומצאָליקע ביכער, די דיכטער, פילאָזאפן, רעדנער און היסטאָריקער? בעת איך בין נאך געווען א קליין קינד האב איך מיט א פארכאפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו דער שטילשווייגעניש, וואס האט דאָרט געהערשט. און אין מיינע זיכרונות האט עס אפגעקלונגען, ווי א ווייטער גערויש פון אַמאָליקע, רומפולע צייטן. די ווענט האָבן מסתמא געמוזט אָפּטרעטן פאַר אזא אָנגעזעענער כבודפיא. אין מיין געדעכעניש איז דאָ געווען א ריזיקער, ברייטער זאַל.

— דאָס צימער איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט ביכער. ער האָט אונז פאַרווערט צו מאַכן אָרדנונג אין זיין קאַבינעט.

— דאָ איז ער טאַקע געזעסן און געאַרבעט אויף זיין צעלטן, רויטן פאָטעל, און אים צופוסנס איז געלעגן אויף א קישן זאָבעדיע, זיין קאַץ! פון יענעם ווינקל פלעגט ער

אונז מזכה זיין מיט זיין מידן שמייכל, וואָס ער האָט פאַרבאַהאַלטן בעת דער קראַנקהייט, ביז צו דער לעצטער שעה פון זיין לעבן. איך האָב געזעען, ווי ער האָט מילד געשמייכלט צום טויט, פונקט ווי זיין גאַנץ לעבן איז פאַרביי אין אַ שמייכל.

— איך פאַרזיכער דיך, אַז דו האָסט אַ טעות. אונזער פאָטער האָט נישט געזעען דעם טויט פאַר די אויגן.

ה׳ בערזשערע האָט זיך אַ ווייל פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז חידושלעך: ער שטייט מיר פאַר מיינע אויגן, שטענדיג יונג, אַזאַ ווי ער איז געווען אין מיינע קינ־דער־יאָרן. הגם ער איז אויף דער עלטער גרוי געוואָרן, האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין מידן אויסדרוק פון פנים. כ׳זע אים נאָך איצטער, אַ שלאַנקן און אַ מאָגערן, מיט זיינע שוואַר־צע, ארויפגעקעמטע האָר.

אַלע ענטוזיאַסטן פון יאָר 1830 ביז 1840 האָבן געטראָגן אַזאַ פריזור, וואָס האָט אויסגעזעען, ווי דער ווינט וואָלט זיך דורכ־געטראָגן איבער איר. איך ווייס אפילו גאַנץ גוט, אַז דאָס האָבן זיי זיך אַזוי פריזירט מיט אַ באַרשט. פונדעסטוועגן האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי אַלע לעבן אויף די העכסטע שפיצן און אין שטורעם־ווינט. זייערע געדאַנקען זענען געווען דערהוי־בענער און איידעלער, ווי אונזערע.

אונזער פאָטער האָט געגלויבט, אַז גאָר אינגיכן וועט אויף דער וועלט אָנהייבן צו הערשן דער אוניווערסאַלער שלום און די סאָציאַלע גערעכטיקייט. ער האָט פאָראויסגעזאָגט דעם נצחון פון דער רעפובליק און די גרינדונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע. ווי גרויס וואָלט געווען זיין אַנטוישונג, ווען ער וואָלט איצט אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

בעת ער האָט אַזוי גערעדט, איז זיין שוועסטער בינו לבינו אַרויס פון קאַבינעט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ?ינם פוסטן זאַל.

דאָרט האָבן זיי זיך ביידע דערמאָנט די פאָטעלן אַז, די

סאָפע פֿון גראבאט־פֿלוש. בעת זיי זענען געווען קליינע קינדער פֿלעגן זיי זיך שפּילן אין זאַל און בויען דאָרט מויערן און פֿעסטונגען.

— אָ! דו דערמאָנסט דיך נאָך, זאָע. — האָט ה׳ בערזשערע אויסגערופֿן, — ווי מיר האָבן איינגענומען די פֿעסטונג דאַמיעט? אונזער מאַמע פֿלעגט קיין שום זאַך נישט אַוועקוואַרפֿן, און זי פֿלעגט מיט גרויס זאָרגעוודיקייט צונויפֿקלייבן דאָס זילבער־פּאַפּיר, וואָס מ׳פּאַקט איין אין אים די פּעקלעך שאָקאָלאַד.

אַנומלט האָט זי מיר געשענקט אַן אַ שיעור אַזעלכע פּאַפּירלעך. איך האָב געמאַכט פֿון זיי קאַסקן און פּאַנצערס און אַרומגעקלעבט מיט זיי די זייטן פֿון מײַן אַלטן געאָגראַפֿישן אַטלאַס.

אַ געוויסן טאָג איז צו אונדז געקומען צו גאַסט דער קוזין פּאָל. איך האָב אים געגעבן די באַוואָפֿנונג פֿון אַ סאַראַצענער און איך אַליין האָב אָנגעטון דעם פּאַנצער פֿון קיניג לואי דעם הייליקן. דעם אמת געזאָגט, האָבן נישט די סאַראַצענער און נישט די קריסטלעכע ריטער פֿון דרייצנטן יאָרהונדערט געטראָגן אַזעלכע פּאַנצערס. דאָס דאָזיקע איז אונדז זייער ווייניק אָנגעגאַנגען, און איך האָב מיט מזל איינגענומען די פֿעסטונג דאַמיעט.

די דאָזיקע דערינערונג וועקט אויף אין מײַן האַרצן די מוראדיקסטע דערנידעריקונג, וואָס איך האָב ווען עס איז דורכגעמאַכט אין מײַן לעבן. בעת איך האָב איינגענומען די פֿעסטונג דאַמיעט, האָב איך אויך גענומען געפֿאַנגען מײַן קוזין פּאָל. איך האָב אים געבונדן מיט אַ שפּרונג־שנור, מיט וואָס יונגע מיידלעך פֿלעגן זיך שפּילן, און אים אַזאַ שטאַרקן זעץ געטון, אַז ער איז געפֿאַלן אויף דער נאָז און אָנגעהויבן שרעקלעך צו ליאַרעמען.

אויף זײַן געשריי איז געקומען צו לויפֿן די מאַמע, און אַז זי האָט דערזען פּאָלן, אַ געבונדענעם און אַ צעקלאַפּטן

דהאָט זי אים אויפגעהויבן, אויסגעווישט זיינע טרערן, אים אַרומגענומען און זיך געווענדעט צו מיר:

— ווי שעמסטו דיך נישט, לוציאן, צו שלאָגן א יונגערן פון דיר? און ס'איז טאקע אמת, אז דער קוזין פּאָל, וואָס איז שפּעטער אויך נישט געוואָרן גרעסער, איז דעמאָלט געווען גאָר א קליינטשיקער.

איך האָב מיך אפילו געקענט פארענטפערן, אז אזוי פירט מען זיך בעת א מלחמה, איך האָב אָבער גאָרנישט געענטפערט, און איך בין פאַרבליבן שטום און בייז. מיין חרפה איז געווען נאָך גרעסער, בערת מיין קוזין האָט וויינענדיק גרויסהאַרציק זיך אָנגערופן: „כ'האָב מיר גאָרנישט געטון".

— דער שיינער זאַל פון אונזערע עלטערן! — האָט ה' בערזשערע אַ זיפץ געטון. — נישט געקוקט אויף די נייע טאַפּעטן, דערקען איך אים ווידער. ווי שיין ער האָט אויסגעזען אין זיינע אַלטע, גרינע געבלימלטע טאַפּעטן! שרעקלעכע ווײַנרויטע ריפּס-פּזירהאַנגען האָבן פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ וואַרעמע, געמיטלעכע שטימונג!

אויפן קאַמין איז געשטאַנען ספּאַרטאַקוס מיט פאַרלייגטע הענט און אַ ביטול-בליק אין די אויגן. איך געדענק נאָך, ווי ס'וואָלט געווען היינט, אַז כ'האָב אַמאָל אויס לאַנגווייליקייט אַ צי געטון פאַר זיינע קייטן, און זיי זענען טאַקע געבליבן ביי מיר אין האַנט.

אונזער שיינער זאַל! די מאַמע פלעגט אונז שטענדיק ריינרופן, ווען אַלטע פריינד פלעגן זי באַזוכן. דאָ דהאָבן מיר זיך געמוזט צעקושן מיט פריילין ד־אַלועט. זי איז שוין געווען אריבער די אכציקער. אירע באַקן זענען געווען שרעקלעך גערונצלט. א פאַרשימלטע באָרד איז איר אַראָפּגעהאָנגען איבערן האַלז. א לאַנגער, געלער צאָן האָט אַרויסגעשטאַרט פון צווישן אירע שוואַרצגעפלעקטע ליפּן.

פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס די דערינערונג פון דער דאָזיקער שרעקלעכער, איינגעדאַרטער זקנה, האָט מיטאַמאָל באַקומען אין מיינע אויגן אזא געוואַלטיקן רייץ? וואָס לאָקט

מיך גראַד זיך צו גריבלען אין די שפּורן פֿון דער דאָזיקער ווייטער, משונהדיקער פֿיגור?

פֿריילין לאַלועט האָט געלעבט צוזאַמען מיט אירע פֿיר קעץ פֿון א רענטע, וואָס האָט יערלעך באַטראָפֿן פֿופֿצן הונ- דערט פֿראַנק; א העלפֿט דערפֿון האָט זי אויסגעגעבן, כּדי צו לאָזן דרוקן בראָשורן וועגן לואי דעם אַכצנטן. זי פֿלעגט שטענדיק טראָגן מיט זיך אַ טוץ אַזעלכע בראָשורן. די דאָזיקע דאַמע האָט דווקא געוואָלט באַווייזן, אַז דער דאָ- פֿין איז אויף אַ הילצערן פֿערד אַנטלאָפֿן פֿון טעמפּל.

דו דערמאַנסט זיך, זאָע, אַז אַ געוויסן טאָג האָט זי אונז איינגעלאַדן צום מיטאָג אין איר וווינונג אויף דער גאַס דע-ווערנעי. דאָרט האָבן אונטער אַן אויסגעהייערער שיכט שמוץ זיך געפֿונען געהיימנישפֿולע אוצרות, גאָלדענע שאַכטלען און טייערע שטיקערייען.

— יאָ, — האָט זאָע געזאָגט, — זי האָט אונז געוויזן די שפּיצן, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו מאַריע אַנטואַנעט, די אומגליקלעכע קיניגין פֿון פֿראַנקרייך.

— פֿריילין לאַלועט האָט געהאַט אויסגעצייכנטע מאַניערן, — האָט ה' בערזשערע געענטפֿערט. — זי האָט זייער שיין גע- רעדט. זי האָט פֿאַרבאַהאַלטן דעם אַמאָליקן אַקצענט. זי פֿלעגט זאָגן: „segret“ אַנשטאָט „secret“.

אַ דאַנק איר בין איך געקומען אין א באַרירונג מיט דער עפּאָכע פֿון לואי דעם זעכצנטן.

מ'האָט אונז אויך אַמאָל אַרויסגערופֿן אין זאַל אַריין, כּדי צו באַגריסן דעם ה' מעטאַלען. וואָס איז נישט געווען אַזוי אַלט, ווי פֿריילין לאַלועט, ער האָט אָבער געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך מיאוס פּנים. קיינמאָל האָט אָבער אַן איידעלערע נשמה נישט געוווינט אין אַזאַ שוידערלעכער געשטאַלט.

דאָס איז געווען אַ געוועזענער גלח. מיין פֿאָטער האָט אים באַגעגנט אין יאָר 1848 אין אַ רעוואָלוציאָנערן קלוב און האָט אים שטאַרק געשעצט פֿאַר זיינע רעפּובליקאַנישע אָנשויונגען. ער איז געווען אָרעמער פֿון פֿריילין לאַלועט און

פונדעסטוועגן האָט ער צוגענומען ביי זיך דעם ביסן פון מויל, כדי צו לאָזן אָפּדרוקן בראָשורן, ווו ער האט געפּרוווט באַווייזן, אַז די זון און די לבנה דרייען זיך אַרום דער ערד און זענען אין דער אמתן נישט גרעסער פון אַ מענטשלעכער פויסט.

די זעלבע מיינונג האָט אויך געהאט פּיעראָ; מאַטאַלען איז אָבער געקומען צו דעם באַשלוס נאָך דרייסיק יאָר באַטראַכטונגען און אויסרעכנונגען. מ׳קאָן נאָך אַמאָל באַקומען זיינע בראָשורן ביי אַ מוכר־ספרים.

ה׳ מאַטאַלען האָט זיך געמיט פאר דער טובה פון די מענטשן, זיין שרעקלעכע מיאוסקייט האָט זיי אָבער אָפּגעשטויסן פון אים. בלויז אויף די אסטראָנאָמען האָט ער נישט געהאַט קיין רחמנות, וואָרים ער האָט זיך איינגערעדט, אַז זיי גרייטן צו קעגן אים אַ שענדלעכע פארשווערונג און ווילן אים פאַרגיפטן. צוליב פאָרזיכטיקייט און אויך מחמת דעם, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער קבצן, פלעגט ער זיך אַליין צוגרייטן זיין עסן.

ווי אוליסעס אין לאַנד פון די קימעריער, אַזוי איז ה׳ בערזשערע געשטאַנען אין דער פוסטער וווינונג און באַשווירן די גייסטער פון יענער וועלט. ער איז אויף אַ ווײַלע פאַרזונקען אין זיינע רעיונות און דערנאָך געזאָגט:

— הערסט, זאָג, איינס פון די ביידע: אָדער אין אונזערע קינדער יאָרן איז געווען מער נאַראָנים, ווי היינט, אָדער אונזער פאָטער האָט געהאַט צו זיי אַ באַזונדערע שוואַכקייט. כ׳גלויב, אַז ער האָט זיי ליב געהאַט, אפשר איז עס געווען אויס רחמנות צו זיי, און אפשר האָט ער געהאַלטן, אַז זיי זענען נישט אַזוי לאַנגווייליק, ווי די שכלדיקע מענטשן; ווי עס זאָל נישט זיין, אונזער וווינונג איז אַלעמאָל פול געווען מיט זיי.

פריילין בערזשערע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אונזערע עלטערן האָבן תמיד פארקערט מיט קלוגע־

לייט וואָס האָבן געהאַט באַדייטנדע פּאָרדינסטן. זיי דיך בע־סער מודה, לוציאַן, אַז די משוגהדיקע אָבער אומשולדיקע שטיק פון אייניקע אַלטע לייט האָבן געמאַכט אויף דיר אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק און זיך איינגעקריצט אין דיין זכרון.

— ניין, זאָע, דו האָסט אַ טעות; מיר זענען דער־צויגן געוואָרן צווישן מענטשן, וואָס האָבן נישט געדענקט, ווי די איבעריקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. פריילין לאַלועט דער פאָטער מאַטאַלפן ה׳ גריל — זיי אַלע זענען נישט געווען קיין דורכשניטלעכע מענטשן, דאָס איז זיכער.

צי געדענקסטו נאָך דעם ה׳ גריל? אַ הויכער, אַ די־קער, דאָס פּנים רויט ווי אַ פלאָם און אַ קורץ געשוירענע ווייסע באָרד. זינט זיינע ביידע זין זענען אומגעקומען אין די בערג, אין דער שווייץ, פלעגט ער סיי זומער, סיי ווינטער, טראָגן גראָבע לייוונטענע קליידער. אונזער פאָטער האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אָנגעזעענעם העלעניסט. ער האָט געהאַט אַ פיינעם חוש פאַר דער גריכישער ליריק און לייכט און זיכער זיך געקענט פונאַנדערקלייבן אין די אַלטע צעשעדיקטע טעקסטן פון טעאָקריט.

ער האָט זיך איינגערעדט, אַז זיינע ביידע זין זענען נישט געשטאָרבן. ער פלעגט זיי אָפּוואַרטן מיט אַ קינדעריש־נאַיוון צוטרוי, און געלעבט אין זיין קאַרנאַוואַל־אַנצוג, אייביק פאַרטיפט אין די ווערק פון אַלקעאָס און סאַפאָ.

— ער פלעגט אונז ברענגען נאַשוואַרג, — האָט פריילין בערזשערע אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג.

ער פלעגט זיך שטענדיק אויסדריקן מיט קלוגע שיי־נע רייד, — האָט ה׳ בערזשערע ווייטער גערעדט. — און דאָס האָט אונז טאַקע אַזוי געשראָקן. דער שכל שטויסט אונז אָפּ צום שטאַרקסטן ביי אידיאָטן.

— דערפאַר פלעגט דער זאַל, — האָט פריילין בערזשע־רע באַמערקט, — זונטיק אין אָוונט זיין פולשטענדיק אין אין אונזער רשות.

— אמת, — האָט ה׳ בערזשער׳ס געענטפערט. — דאָרט פלעגן מיר זיך שפּילן נאָכן אונטער-ברויט. אַ, אומשולדיקע, נאַיווע פאַרגאַנגענהייט, אַ פּשוטע פרייד! וואו זענט איר אהינגעקומען! מיר פלעגן זיך אויך שפּילן אין רעטענישן. געדענקסט, ווי מיר האָבן געמאַכט אַמאָל אַן אמתן פּראָגראַם אין דיינע קליידער-שענק, ווו מיר האָבן געזוכט פּאַסנדע קאָסטיומען פאַר אונזערע שפּילן.

— אַנומלט האָט איר אַראָפּגענומען די ווייסע פאָרהאַנגען פון מיין בעט.

— דאָס האָבן מיר זיך דעמאָלט פאַרקליידט פאַר דרוידן, זאָגט, מיט שטראַדן פלעגן מיר אַלעמאָל וואונדער באַווייזן. אונזער גוטער פאָטער איז געווען אַ גלענצנדער צוקוקער! ער האָט זיך נישט צוגעהערט, ער פלעגט בלויז שמייכלען. מיר דוכט זיך, אַז איך וואָלט זייער גוט געקענט שפּילן, די דערוואַקסענע האָבן מיר אָבער נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. זיי האָבן אַלעמאָל געוואָלט רעדן.

— מאַך דיר נישט קיין אילוזיעס, לוציאַן. דו ביסט נישט פעיק געווען גוט צו שפּילן דיין ראָל. דיר פעלט די גייסטיקע קעגנוואַרט, איך בין די ערשטע, וואָס אַנערקענט דיין אינטעליגענץ און טאַלענט. דו ביסט אָבער נישט קיין אימפּראָוויזאַטאָר. מ׳דאַרף דיך נישט אָפּרייסן פון דיינע ביכער און פּאַפּירן.

— איך קען זיך אַליין אויף אַזוי פיל, זאָגט, כדי צו וויסן, אַז איך בין נישט באַרעדעוודיק, אָבער ווען זשיל גינאָ און דער פעטער מאָריס האָבן געשפּילט מיט אונדז, האָט קיינער נישט געקענט קומען צום וואָרט.

— זשיל גינאָ האָט באמת געהאַט אַ קאָמישן טאַלענט, — האָט פריילין בערזשערע געזאָגט, — ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיינע גלענצנדע וויצן.

— ער האָט דעמאָלט שטודירט מעדיצין, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט. — ער איז געווען אַ שיינער בחור.

— אַלע האָבן אַזוי געזאָגט.

— מיר דוכט זיך, אז ער האָט דיך ליב געהאַט.
— ס'דוכט זיך דיר.
— ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט דיין פּערזאָן.
— דאָס איז עפּעס אַנדערש.
— אין מיטאַמאָל איז ער נעלם געוואָרן.
— יאָ.
— און דו ווייסט נישט, וואָס ס'איז מיט אים געשען?
— גיין... לאָמיר גיין פון דאַנען, להיצאן.
— לאָמיר גיין, זאָגע. דאָ זענען מיר אַ שפּילצייג פון געשפּענסטער.

און ביידע, דער ברודער און די שוועסטער האָבן, נישט אויסדויערנדיק צומאָל דעם קאָפּ, פאַרלאָזט דאָס אָרט, וווּ זיי האָבן פאַרבראַכט זייערע קינדער-יאָרן. שווייגנדיק זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען איבער די שטיינערנע טרעפּ. און בעת זיי האָבן זיך ווידער געפונען אויף דער גאַס, צווישן דראָשקעס, משא-וואָגנס, אינמיטן דעם ליאַרם און געפּילדער פון דער שטאָט, זענען זיי אַ לאַנגע צייט געשטאַנען, ווי באַטויבט, פּונקט ווי די וואָלטן זיך צוריקגעקערט פון אַ לאַנגער אייביקייט.

ה׳ פּאַנטעטאָן דע לאַ-באַרוש האָט געהאַט אַ פּאָר אויגן וואָס האָבן אים אַרויסגעשטאַרט פון קאָפּ און אַ נשמה, וואָס איז אים אַרויסגעקראָכן פון ברוסט-קאַסטן *). און בעת מ׳האָט געזען זיין גלאַנצנדיקע הויט האָט מען געקענט אַרויסדרינגען, אַז זיין נשמה איז אויך געווען פּאַרפּעצט. זיין גאַנצע פּערזאָן האָט עדות געזאָגט אויף שטאָלץ און קייכעכדיקייט און די גאווה פון איינעם, וואָס האָט נישט מורא עמיצן צו באַלעכטיקן. ה׳ בערושערע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער דאָזיקער פּאַרשוין איז מסוגל געקומען צו אים בעטן אַ טובה.

זיי האָבן זיך נאָך געקענט אויף דער פּראָווינץ. בעת ווייטע שפּאַצירן לענגאויס דעם ברעג פונם פויל · פליסנדיקן טייכל, פלעגט דער פּראָפעסאָר גאַנץ אָפט אויפמערקזאַם ווערן אויפן שינדל-געדעקטן שלאָס, צופוסנס פון אַ גרין בערגל, וווּ ה׳ דע לאַ-באַרוש האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע.

---

*) ווארט-שפּיל, וואס ס׳איז אוממעגלעך איבערצוגעבן בוכשטעבלעך אין יידיש. אין ארגינאל שטייט: Des yeux á fleur de tête et une âme á fl ur de peau. — וואס באדייט אין ווערטלעכער יידישער איבער-זעצונג: האבן די אויגן ביים סאמע קאפּ, און די נשמה ביי דער סאמע הויט. (באמערקונג פון איבערזעצער).

אַ סך זעלטענער פֿלעגט ער שוין דערפֿאַר באַגעגענען דעם ה׳ דע לאַ-באַרוש אַליין, וואָס האָט געהאַט באַציונגען מיטן אַרומיקן אַדל, און איז נישט געווען אויף אַזוי פֿיל איידל, כּדי זיך דערלויבן אויפֿצונעמען ביי זיך אַ פּשוטן בשר-ודם. אויף דער פּראָווינץ פֿלעגט ער באַמערקן דעם ה׳ בערזשערע בלויז אין די קריטישע טעג, בעת זיינס אַ זון האָט געזאָלט באַלייגן אַן עקזאַמען. אָבער דאָס מאָל, אין פּאַריז האָט ער זיך געוואָלט דווקא אַרויסווייזן פֿאַר אַ ליבענס ווערדיקן מענטש.

— טייערער ה׳ בערזשערע, קודם כּל וויל איך אייך גראַטולירן...

— אַ כּ׳בעט אייך, לאָזט בעטאָך — האָט אים ה׳ בערזשערע איבערגעשלאָגן די רייד מיט אַ לייכטן פּאַרטיידי-קונגס-זשעסט, וואָס ה׳ דע לאַ-באַרוש האָט על פּי טעות אָנגענומען פֿאַר אַן אויסדרוק פֿון עניוות.

— זייט מוחל ה׳ בערזשערע, אַ קאַטעדרע אויף דער סאָרבאָנע איז זייער אַ געווונטשענע שטעלונג..: איר האָט עס כּשר פֿאַרדינט.

— וואָס מאַכט אייער זון אַדעמער? — האָט ה׳ בער-זשערע אים פֿלוצלינג אַ פֿרעג געטון. ווי דורך אַ נעפּל האָט ער זיך דערמאָנט אַ יונגן מאַן מיט אַזאַ נאָמען, אַ קאַנדידאַט אויף אַ רייף אַטעסטאַט, די איינפֿלוס-רייכע פּערזענלעכקייטן פֿון דער ציווילער געזעלשאַפֿט, פֿון קלער און מיליטער האָבן זיך זיינער צייט באַמיט, ער זאָל באַקומען דעם אַטעסטאַט.

— אַדעמאַר! עס גייט אים זייער גוט. ער לאָזט זיך אַביסל צופֿיל ווילגיין. וואָס דען ווילט איר? ער האָט דען עפּעס בעסערס וואָס צו טון. אַוודאי וואָלט בעסער געווען ער זאָל האָבן עפּעס אַ באַשעפֿטיקונג. ער איז אָבער נאָך גע-נוג יונג. ער האָט נאָך צייט. ער פֿירט זיך, פּונקט ווי איך האָב מיך אַמאָל מיט יאָרן צוריק געפֿירט. נישט-קשה, ער וועט ווערן ערנסט, בעת ער וועט געפֿינען זיין ריכטיקן וועג.

— צי האָט ער זיך נישט אַמאָל באַטייליקט אין די מאַניפעסטאַציעס אין גאַס? — האָט ה' בערדשערע פאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן.

— פאַר'ן כבוד פון דער אַרמעע, — האָט ה' פאַנעטאַן דע לא-באַרוש געענטפערט. — און איך מוז מיך מודה זיין, אַז איך האָב נישט געהאַט דעם מוט צו מאַכן אים פאַרוואָרפן צוליב דעם. וואָס דען ווילט איר? איך האַלטמיט דער אַרמעע — צוליב מיין שווער, דער גענעראַל, און מיינע שוואָגערס, ווי אויך צוליב מיין קוזין, דער קאָמענדאַנט...

ער איז געווען אויף אַזוי פיל באַשיידן און נישט דערמאָנט זיין פאָטער פאַנעטאָן, דעם עלטערן ברודער פאַנעטאָן, וואָס האָט אויך געהאַלטן מיט דער אַרמעע, וואָרים ער איז געווען אַ מיליטערישער ליפעראַנט.

אין 1872 האָט ער צוגעשטעלט דער מזרח-אַרמעע אויף ווינטער-מאַנעוורן שטיוול מיט טאָוולנע זוילן, און נישט געקוקט אויף די בולטע באַווייזן פון זיין שולד, איז ער פאַרמשפט געוואָרן אויף אַ גאַנץ לייכטער שטראָף. מיט צען יאָר שפעטער איז ער געשטאָרבן אין זיין שלאָס לאַ-באַרוש, אַלס רייכער און אָנגעזעענער מאַן.

— איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה, ווו ס'האָט אַלעמאָל געהערשט אַ קולט פאַר דער אַרמעע, — — האָט ה' פאַנעטאָן דע לאַ באַרוש ווייטער גערעדט. — בעת איך בין נאָך געווען אַ קינד האָב איך ממש פאַרגעטערט דעם מיליטערישן אוניפאָרם. דאָס איז ביי אונז אין דער משפחה געווען אַ ראַדיציע.

איך וויל נישט פאַרבאַהאַלטן: איך בין אַ מענטש פון אַלטן רעזשים. דאָס איז פיל שטאַרקער פון מיר, דאָס ליגט שוין אין בלוט. איך בין אַ מאָנאַרכיסט און אַן איבערצייגטער אויטאָקראַט, איך בין אַ ראָיאַליסט.

סוף כל סוף איז אונז פון דער מאָנאַרכיע פאַרבליבן בלויז די אַרמעע. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן פון אונ-

דער רומפולער פאַרגאַנגענהייט. זי איז די טרייסט פון אונזער קעגנוואַרט און זי גיט אונז האָפנונג אויף אַ בעסערע צוקונפט.

ה׳ בערזשערע האָט אפילו געהאַט וואָס אַנצוהערן קעגן די אַרגומענטן פון ה׳ דע לאַ־באַרזש. ער האָט אים אָבער ניט איבערגעשלאָגן, און ה׳ פאַנטעאַן האָט אַזוי פאַרענדיקט זיינע רייד:

— אָט פאַרוואָס איך האַלט פאַר פאַרברעכער די אַלע, וואָס פאַלן אָן אויף דער אַרמעע, פאַר משוגעים — די אַלע, וואָס האָבן די העזה קעגן איר אַרויסצוטרעטן.

— נאַפּאָלעאָן — האָט זיך דער פּראָפעסאָר אַנגערופן, — האָט אַמאָל געוואָלט לויבן אַ פּיעסע פון ליס דע לאַנסיוואַל, און ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דאָס איז די טראַגעדיע פון הויפּט קוואַרטיר. איך וועל מיר דערלויבן צו באַצייכענען אייערע אָנשויונגען, ווי די פילאָזאָפיע פון גענעראַל־שטאַב. אַזוי אָבער, ווי מיר לעבן אין אַ פרייהייטלעכן רעזשים, וואָלט געווען אויפן אָרט זיך צוצופאַסן צו זיינע מנהגים.

בעת מען לעבט צוזאַמען מיט מענטשן, וואָס באַנוצן זיך מיט איין שפּראַך, מוז מען זיך צוגעוווינען אַלץ אויסצוהערן. רעדט אייך נאָר נישט איין, אַז ס׳איז פאַראַן ביים היינטיקן טאָג איז פראַנקרייך אַזאַ זאַך, וואָס זאָל שטיין מחוץ פון יעטוועדער דיסקוסיע. נעמט אין באַטראַכט, אַז די אַרמעע איז פאַרענדערלעך, און אַלץ אויף דער וועלט ענדערט זיך אָן אויפהער.

די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האַלטן זיך נאָר אַדאַנק דעם, וואָס זיי ענדערן זיך כסדר. די אַרמעע האָט אין משך פון איר עקזיסטענץ דורכגעמאַכט זייער פיל גילגולים, און עס איז וואָרשיינלעך, אַז זי וועט אין דער צוקונפט נישט איין גילגול דורכמאַכן. מקען אויך אָננעמען, אַז אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט די אַרמעע זיין פולשטענדיק אַנדערש, ווי היינט.

— עס איז בעסער ווען איך וועל עס אייך זאָגן באַלד, — האָט ה׳ פאַנטעאַז דע לאַ · באַרזש אָפּגעגירט — אויב עס

האַנדלט זיך וועגן דער אַרמעע, ווייל איך אַבסאָלוט גאָרנישט הערן. איך חזר איבער, מ׳טאָר זי נישט פוגע בכבוד זיין, ער איז געגליכן צו אַ האַק. רירט אייך גלייכער נישט צו צו דער האַק.

אויף דער לעצטער זיצונג פון גענעראַל־ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער מיין פאָרזיץ, האָט די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע מערהייט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג לטובת דער צוויייעריקער מיליטער־דינסט. איך בין אַרויסגעטרעטן קעגן דעם דאָזיקן אַנטיפּאַטריאָטישן פאָרשלאַג. סאיז מיר זייער לייכט אָנגעקומען צו באַווייזן, אַז די צוויי־יעריקע מיליטער־דינסט וואָלט באַדייט דעם כוף פון דער אַרמעע, אין משך פון צוויי יאָר קאָן מען נישט אויסבילדן קיין אינפאַנטעריסט שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ קאַוואַלעריסט.

די וואָס פּראָקלאַמירן אַ צוויי־יעריקע מיליטער־דינסט און רופן זיך רעפאָרמאַטאָרן, זענען אין דער אמתן צעשטערער. מיט אַלע אַנדערע רעפאָרמען קומט אויך פאָר דאָס זעלבע. זייער אמתער צוועק איז די פאַרניכטונג פון דער אַרמעע. ווען די סאָציאַליסטן וואָלטן געווען ערלעכער, וואָלטן זיי כאָטש צוגעגעבן, אַז מ׳דאַרף אויפן אָרט פון אַן אַרמעע שאַפן אַ נאַציאָנאַל־גוואַרדיע.

— די סאָציאַליסטן — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — זענען קעגנער פון יעטווידער מיליטאַריאַלער דעראָבערונג. זיי לייגן פאָר צו אָרגאַניזירן אַ מיליציע בלויז מיטן צוועק צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. זיי באַהאַלטן נישט פאַר קיינעם זייערע אָנשויונגען, זיי זאָגן עס עפנטלעך אַרויס. און די דאָזיקע אידעען פאַרדינען לכל־הפחות, מ׳זאָל זיי ערנסט באַטראַכטן. האָט גאָר נישט קיין מורא, אַז זיי וועלן גאָר גיך פאַרווירקלעכט ווערן.

יעטווידער פּראָגרעס איז נישט זיכער און לאַנגזאַם, ער ווערט שטענדיק באַגלייט פון רעאַקציאָנערע באַוועגונגען, דער וועג צו אַ בעסערער וועלט־אָרדנונג איז נישט באַשטימט פון פאָראויס, ער איז אומבאַוווּסט. די אומצייליקע און טיפע כוחות

וואָס בינדן צו דעם מענטש צו דער פאַרגאַנגענהייט, זענען גורם אַז ער שעצט זייער שטאַרק די טעותים, פאַרפאַלגונגען, פאַראורטיילן, און באַרבאַריזמען, ווי דעם יסוד פון זיין אייגענער זיכערקייט.

יעדע רעפאָרם שרעקט אים איבער. די פאַרזיכט צווינגט אים נאָכצומאַכן יענעמען, און ער קאָן נישט אַזוי לייכט ביי זיך פועלן צו פאַרלאָזן די וואַקלדיקע געביידע, וואָס האָט געשיצט זיינע אבות, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי דראָט אויף אים איינצופאַלן.

— צי איז דאָס אויך נישט אייער מיינונג, געערטער הער פאַנעטאַן? — האָט ה׳ בערושערע געענדיקט זיינע רייד מיט אַ רייצנדן שמייכל.

ה׳ פאַנעטאַן דע לאַ-באַרזש האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז זיין חוב איז צו פאַרטיידיקן די אַרמעע. ער האַלט, אַז מ׳אינטערעסירט זיך ווייניק מיט דער אַרמעע, אַז זי ווערט פאַרפאָלגט און ס׳דראָט איר אַ געפאַר.

— די דאָזיקע קאַמפּאַניע לטובת דעם פאַררעטער, וואָס ווערט געפירט מיט אַזא פאַרביטערונג און עקשנות, האָט שוין אורם געוועזן זייער שלעכטע רעזולטאַטן. אַלץ איינס, וואָסערע עס זאָלן נישט זיין די מאָטיוון פון די, וואָס פירן אָן מיט איר. שוואַכט זי סוף כל סוף אָפּ דעם פּרעסטיזש פון דער אַרמעע און פון אירע פירער.

— איך וויל אייך איצט דערקלערן אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. — האָט ה׳ בערושערע געענטפערט. — אויב מ׳האָט אָפּגעשוואַכט דעם פּרעסטיזש פון דער אַרמעע אין דער פּערזאָן פון אירע פירער, איז דאָס נאָך לחלוטין נישט קיין באַווייז, אַז אין דעם זענען שולדיק די, וואָס פאָדערן יושר; דאָס איז די שולד פון די, וואָס האָבן ביז איצט אָפּגעוואָרפן די אינטערוועַנץ פון דער יוסטיץ. דאָס איז אָבער נישט לחלוטין די שולד פון די, וואָס ברענגען ארויס דעם אמת אויף דער ליכטיקער שיין, דאָס איז די שולד פון די, וואָס האָבן אים ביז איצט

פֿאַרבאַהאַלטן מיט אַן אומגעלומפּערטער, גרענעצלאָזער עקשנות און פֿאַרברעכערישער ווילדקייט.

און אויב עס ווערן שוין יאָ באַגאַנגען פֿאַרברעכנס, באַשטייט דאָס שלעכטס נישט אין דעם, וואָס זיי ווערן אַנטדעקט, נאָר אין דעם, וואָס זיי קענען איבערהויפּט געשען. זיי האָבן בלויז דערפֿאַר אַזוי לאַנג נישט געקאָנט זיין פֿאַרבאָרגן, ווייל זיי זענען געווען שוין צו פֿיל מוראדיק, צו שרעקלעך און אומגעהייער. און אַזוי זענען זיי געהאָנגען איבער אונדזערע קעפּ, ווי פֿינצטערע וואָלקנס.

צי האָט איר געגלויבט, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט אויפֿגעריסן ווערן? צי האָט איר געגלויבט, אַז די זון וועט שוין מער נישט אויפֿשיינען איבערן קלאַסישן לאַנד פֿון דער יוסטיץ, איבערן לאַנד, וואָס האָט פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט די אידעען פֿון דער גערעכטיקייט?

— לאָמיר בעסער נישט רעדן וועגן דרייפֿוס־פּראָצעס, — האָט הי דע לאַ־באַרזש געזאָגט. — איך בין נישט אַזוי גוט אין אים באַהאַוונט, כ׳וויל אויך נישט וויסן וועגן אים. איך האָב נישט געלעזן אַפֿילו קיין איין שורה פֿון דעם, וואָס מ׳האָט געשריבן וועגן פּראָצעס.

דער קאָמענדאַנט דע לאַ־באַרזש, מיין קוזין, האָט מיך פֿאַרזיכערט, אַז דרייפֿוס איז שולדיק. דאָס איז שוין פֿאַר מיר גענוג. איך בין געקומען, געערטער הער בערזשערע, פֿרעגן ביי אייך אַן עצה. עס האַנדלט זיך וועגן מיין זון אַדעמאַר, וואָס לאָזט מיך קודם־כּל נישט צורו.

איין יאָר מיליטער־דינסט, דאָס איז שוין אויך צו פֿיל פֿאַר אַ יונגנמאַן פֿון אַ גוטער פֿאַמיליע. דריי יאָר דאָס וואָלט שוין געווען אַן אמתע קאַטאַסטראָפֿע. מ׳מוז אַלזאָ אויסזוכן אַ מיטל אים צו באַפֿרייען. איך מיין, אַז עס וואָלט געווען גלייך, ווען ער וואָלט זיך פֿאַרשריבן אויף פֿילאָלאָגיע... כ׳האָב אָבער מורא, אַז די זאַך וועט אָנטרעפֿן אויף געוויסע שוועריקייטן. אַדעמאַר איז אינטעליגענט. ער האָט אָבער נישט איבעריק חשק צו ליטעראַטור.

— אויף אַזאַ אופֿן, — האָט ה׳ בערזשערע זיך אָנגערופֿן.

— פּרוּווט איִם צו פֿאַרשרייבן אין דער האַנדלס־אַקאַדעמיע, אין האַנדלס־אינסטיטוט אָדער אין אַן אַנדער סוחרישע שולע. איך ווייס נישט, אויב דער דיפּלאָם פֿון דער זייגער־מאַכער־שולע וועט זײַן גענוג אויף צו באַפֿרייען פֿון מיליטער. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳וואָלט נישט שווער געווען דאָס צו באַקומען.

— אַדעמאַר קאָן זיך דאָך אָבער נישט אָפּגעבן מיט זייגערמאַכעריי, — האָט ה׳ דע לאַ־באַרזש געזאָגט, און אין זײַן שטים האָט געקלונגען אַ טאָן פֿון פֿאַרלעגנהייט.

— פּרוּווט אפֿשר איִם צו פֿאַרשרייבן אין דער הויכשולע פֿאַר אָריענטאַלע וויסנשאַפֿטן, — האָט ה׳ בערזשערע געעצהעט, — אַמאָל איז דאָס געווען אַ גאַנץ פֿײַנער ענין.

— איצט לוינט זיך עס נישט, — האָט ה׳ דע לאַ־באַרזש אַ זיפֿץ געטאָן.

— עס לוינט זיך נאָך פֿונדעסטוועגן. זאָל ער זיך לערנען די טאַמולישע שפּראַך.

— די טאַמולישע שפּראַך, איר מיינט טאַקע?

— אָדער גאָר די מאַדאַגאַסקאַר־שפּראַך.

— די מאַדאַגאַסקאַר־שפּראַך? אפֿשר טאַקע יאָ?

— ס׳איז אויך פֿאַראַן אַ געוויסער פּאָלינעזישער דיאַלעקט, וואָס איז אין אָנהייב פֿון איצטיקן יאָרהונדערט באַנוצט געווען אינגאַנצן דורך איין אַלטער געל־הויטיקער פֿרוי. די דאָזיקע פֿרוי איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פּאַפּאַגײַ. אַ דײַטשער געלערנטער האָט אויפֿגעכאַפּט פֿונעם פּאַפּאַגײַ אַ פּאָר ווערטער פֿון דער דאָזיקער שפּראַך.

אויפֿן סמך פֿון די פּאָר ווערטער האָט ער פֿאַרפֿאַסט אַ ווערטער־בוך. ס׳קאָן זײַן, אַז מ׳לערנט די דאָזיקע שפּראַך אין דער הויכשולע פֿאַר אָריענטאַלישע שפּראַכן. איך וואָלט געראָטן אײַער זון, אַז ער זאָל זיך גענוי וועגן דעם אינפֿאָרמירן.

ה׳ דיג לאַ־באַרוש האָט גענומען צו קענטניש די עצה
פון ה׳ בערושערע, ער האָט זיך מיט אים געזעגנט און אַ פאַר־
טראַכטער זיך אומגעקערט אַהיים.

VI

ס׳איז געשען דאָס, וואָס ס׳האָט געזאָלט געשען. ה׳ בערזשערע האָט געזוכט אַ וווינונג, און זיין שוועסטער האָט זי געפונען. אויף אַזאַ אופן האָט דער פּאָזיטיווער גייסט מנצח געווען דעם שפּעקולאַציון גייסט. מ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז פריילין בערזשערע האָט געמאַכט אַ גאַנץ גוטן אויסוואַל. איר האָט נישט געפעלט נישט קיין לעבנס-דערפאַרונג און נישט דער זין פאַר ווירקלעכקייט.

אַלס לערערין האָט זי אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין רוסלאַנד און געררייזט איבער אייראָפּע. זי האָט זיך צוגעקוקט צו די פאַרשידנאַרטיק מענטשלעכע מנהגים. זי האָט געקענט די וועלט: דאָס איז איר אויך געקומען צו הילף אין פּאַריז.

— אָט דאָ איז עס, — האָט זי זיך געווענדעט צו איר ברודער, און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ ניי הויז, וואָס פון זיינע פענצטער איז געווען אַן אויסבליק אויפן לוקסעמבורגער גאָרטן.

— דער אַרויסגאַנג איז אַ גאַנץ נישט[illegible] האָט ה׳ בערזשערע באַמערקט, מ׳דאַרף זיך [illegible]ען ביים אַרויפגיין אויף די טרעפּ.

— שווייג בעסער, לוציען. דו ביסט נאָך גענוג יונג, און קאָנסט אָן שום מי אַרויפגיין אויף פינף שטאָק.

— מיינסט עס ווירקלעך? — האָט לוציען געפרעגט.

שיִעסטערס רייד האָבן אין אַ געווּיסער מאָס געתּנמעט זיין אייגנליבע.

זי האָט אים בלויז אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די שטיגן זענען באַדעקט מיט אַ דיוואַן ביז צום סאַמע פינפטן שטאָק.

ער האָט אַ שמייכל געטון און איר פאַרגעוואָרפן, וואָס זי קוקט זיך אום אויף אַזעלכע נאַרישקייטן.

— און אפשר, — האָט ער צוגעגעבן, —וואָלט עס מיך גאָר פאַרדראָסן, ווען דער דיוואַן וואָלט בלויז דערגרייכט ביז צום פערטן שטאָק. מ'מאַכט פון דער חתּמה אַ פּראָפּעסיע, און דאָך קאָן מען נישט אינגאַנצן זיך באַפרייען פון אייטלקייט. דאָס דאָזיקע ברענגט מיר אויפן געדאַנק אַ קליינע סצענע, וואָס איך האָב געכטן נאָכמיטאָג בייגעוווינט, בעת איך בין דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ קירך.

די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער קירך זענען געווען באַדעקט מיט אַ רויטן דיוואַן, מסתמא לכבוד אַ רייך פּאָר-פאָלק, וואָס איז נאָר וואָס געגאַנגען צו דער חופּה. אַ באַשיידן אָרעם פּאָר-פאָלק און זייערע באַגלייטער האָבן געוואַרט אין אַ זייט, ביז דאָס רייכע פּאָר-פאָלק וועט פאַרלאָזן די קירך און זיי וועלן קענען אינעווייניק אַריינגיין.

די אָרעמע חתן-כלה האָבן פריילעך געלאַכט ביים געדאַנק, אַז אט באַלד וועלן זיי ביי איין געלעגנהייט אויך האָבן די זכיה צו גיין איבער אַ דיוואַן אין קירך אַריין. און די כלה האָט שוין אפילו אַרויפגעשטעלט איר קליין פיסל אויפן ברעג פון דיוואַן. דער שווייצאַר האט איר אָבער אַ ווונק געגעבן, זי זאָל זיך צוריקציען. די דינער האָבן לאַנגזאַם איינגעוויקלט דעם ערן-דיוואַן, און ערשט דעמאָלט האָבן די אָרעמע חתן-כלה געקאָנט אַריינגיין אין קירך אַריין.

איך האָב באַטראַכט די דאָזיקע אָרנטלעכע לייט, וואָס האָבן זיך אַמוזירט צוליב דעם דאָזיקן אומבאַדייטנדן פּאַרפּאַל. די אָרעמע לייט מאַכן זייער לייכט שלום מיט דער סאָציאַלער אומגלייכקייט, און לאַמענע איז געווען גערעכט, בעת ער האָט

געזאָגט. אז די געזעלשאפט שטיצט זיך אויסשליסלעך אויפן יאוש און דער רעזיגנאציע פון די אָרעמע.

— אָט זענען מיר שוין אָנגעקומען, — האָט פריילין בערזשערע געזאָגט.

— כ׳קאָן קוים כאפן דעם אָטעם, — האט ה׳ בערזשערע געזאגט.

— ווייל דו האסט גערעדט. — האט פריילין בערזשערע געזאגט. — מ׳דארף נישט פארציילן קיין מעשות, בעת מ׳גייט ארויף איבער טרעפ.

— סוף כל סוף, אזא איז שוין דער גורל פון געלערטע, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט, — זיי וווינען אלעמאָל אונטערן סאמע דאך. די וויסנשאפט און דער פילאָזאפישער געדאנק זענען אין גרעסטן טייל פאלן איינגעשלאסן אין א בוידעם-שטיבל. און ווען מ׳פארטראכט זיך וועגן דעם אביסל נענטער, קומט מען צו דער איבערצייגונג, אז א בוידעם-שטיבל, פול מיט שיינע געדאנקען, איז פיל מער ווערט פון א מערמלנער גאלעריע.

— דאס דאזיקע צימער איז נישט קיין דאך-שטוב, — האט פריילין זאצ זיך אָנגערופן. — ס׳ווערט באלויכטן פון א גרויס פענצטער. און דא וועט אויך זיין דיין ארבעטס-קאבינעט.

ביי די דאזיקע רייד האט ה׳ בערזשערע מיט א צעטומלטן בליק אנגעהויבן צו באטראכטן די פיר ווענט פון זיין קאבינעט. און ער האט אויסגעזעען, ווי איינער, וואס איז פלוצלינג געבליבן שטיין פאר אן אפגרונט.

— וואס איז דיר? - האט זיין שוועסטער, א דערשראָקענע געפרעגט.

ער האט גארנישט געענטפערט דאס דאזיקע קליינע פירקאנטיקע, העל-אויסטאפעטירטע צימער האט אָנגעוואָרפן אויף אים א מאָדנעם פחד, ווייל ס׳האט פארבאָרגן אין זיך אן אומבאקאנטע צוקונפט.

ער האט איבערגעטרעטן די שוועל פון צימער מיט דערשראקענע, לאנגזאמע טריט. ווי ער וואלט אנטקעגנגעגאנגען אן

אומבאקאנטן גורל. ער האט אויסגעמאסטן מיט די אויגן דעם פלאַץ, ווו זיין שרייב-טיש האָט געזאָלט שטיין און זיך געווענדעט צו דער שוועסטער:

— דאָ וועל איך אַלזאָ אַרבעטן. עס איז נישט גוט, ווען מען פאַרטראַכט זיך צופיל איבער דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. דאָס זענען אַבסטראַקטע אידעען, וואָס דער מענטש האָט לכתחלה קיינמאָל נישט פאַרמאָגט, ערשט שפּעטער האָט ער זיי צו זיין אומגליק מיט גרויס מי דערוואָרבן. טראַכטן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, דאָס אַליין פאַרשאַפט שוין ווייטיק. כ׳גלויב, אַז קיינער וואָלט נישט געוואָלט אָנהייבן לעבן נאָכאַמאָל פון אָנהייב.

אין לעבן זיינען פאַראַן אָנגענעמע שעהן און וואונדערבאַרע רגעס; איך פאַרלייקן עס נישט לגמרי. דאָס זענען אָבער פערל און איידלשטיינער, וואָס מ׳געפינט גאַנץ זעלטן אויפן שווערן און הארטן לעבנס-וועג. נישט געקוקט אויף דער קורצקייט פון לעבן, שלעפן זיך די יאָרן מיט אַ לאַנגווייליקער לאַנגזאַמקייט. און אויב מיר דערמאַנען טיילמאָל די פאַרגאַנגענע צייט צום גוטן, זענען עס בלויז געציילטע רגעס, וואָס ביי זיי שטעלט זיך אָפּ אונזער גייסט. חוץ דעם זענען די דאָזיקע זכרונות איינגעהילט אין טרויער און אומעט.

וואָס שייך דער צוק נפש, קאָן מען איר נישט קוקן גלייך אין פנים אַריין, אַזוי פיל דראָצנדעס איז פאַראַן אין אירע טונקעלע געזיכטס-שטריכן. און בעת דו האָסט מיר איצט געזאָגט: „דאָ וועסטו אַרבעטן", האָב איך מיך געפילט מיטאַמאָל אַריבערגעטראָגן אין דער צוקונפט, און אַזאַ איבערלעבעניש איז שווער מיטאַמאָל איבערצוטראָגן. מיר דוכט זיך, אַז איך פאַרמאָג אָך אַ געוויסן קוראַזש אין לעבן. איך טראַכט אָבער צו פיל און די רעפלעקסיע ברענגט אַ סך שאָדן דער אומדערשראָקנקייט.

— די הויפּטשוועריקייט, — האָט זי געזאָגט, — איז באַשטאַנען אין געפינען אַ דירה מיט דריי שלאָפצימערס.

— זיכער איז, — האָט ה׳ ב רזשערע ווייטער גערעדט, —

אז ווען די מענטשהייט איז געווען יונג, האט זי גאנץ אנדערש ווי מיר באגריפט די פארגאנגענהייט און צוקונפט. די אלטע אידעען, וואס באשעפטיקן אונז, הערן אויף צו עקזיסטירן מחוץ פון אונזער באוווסטזיין. וואס ווייסן מיר דען וועגן לעבן; זיין אנטוויקלונג אין דער צייט איז א ריינע אילוזיע.

אויב אונז דוכט זיך, אז דער מארגן איז נישט דער זעלבער, וואס דער נעכטן, האבן מיר דאס בלויז צו פארדאנקען אונזערע חושים. מ'קאן זיך גאנץ גוט פארשטעלן געוויסע באשעפענישן, וואס זענען ארגאניזירט אויף אזא אופן, אז זיי זענען אימשטאנד צו זען גלייכצייטיק פארשידענע דערשיינונגען, וואס קומען אונז פאר ווי אפגעטיילט איינע פון דער אנדערער אין משך פון א געוויסער צייט.

מיר אליין זענען נישט אימשטאנד אויפצונעמען אין איין און דער זעלבער צייט דאס ליכט און דעם קלאנג. בעת מיר הייבן אויף אונזערע אויגן צום הימל, נעמען מיר ארום מיט איין בליק געוויסע דערשיינונגען, וואס קומען נישט פאר אין איין אין דער זעלבער צייט. די שטראלן פון די שטערן, וואס טרעפן זיך צוזאמען אין אונזערע אויגן פאראייניקן דארט אין א טויזנט-חלק פון איין סעקונדע, יארהונדערטער און טויזנטער יארהונדערטער.

ווען מיר וואלטן געהאט בעסערע און פולקאמערע זעונגס-אפאראטן, וואלטן מיר אפשר אימשטאנד געווען זיך צו זען טויט אינמיטן אונזער לעבן, ווארים, אויב די צייט עקזיסטירט איבערהויפט נישט אין דער ווירקלעכקייט, און דער המשך פון די דערשיינונגען איז נישט מער, ווי א מיראזש, איז דאך קלאר, אז אלע געשעענישן ווערן גלייכצייטיק פארווירקלעכט און אונזער צוקונפט ווערט לחלוטין נישט מקוים; זי איז שוין מקוים געווארן. און פאקטיש אנטפלעקן מיר זי בלויז.

— צי פארשטייסטו שוין איצט, זאגט, פארוואס איך בין ביטאמאל געבליבן שטיין צעטומלט אויף דער שוועל פון מיין

צוקונפטיקן ארבעט-צימער : די צייט איז א ריינע אידעע. און דער רוים איז פונקט אזוי פיל רעאל, ווי די צייט.

— דאָס איז מעגלעך, — האָט זאָע געפרעגט. — די לעבנס-באַדינגונגען זענען אָבער זייער טייער אין פּאַריז. דו האָסט זיך וועגן דעם געקאָנט איבערצייגן בעת זוכן אַ וווינונג. כ׳גלויב, אַז דו ביסט נישט איבעריק בייגיריק צו זעען מיין צימער, קום : דאָס צימער פון פּאָולינע וועט דיך מער אינטערעסירן.

— לאָמיר אָנקוקן איינס און דאָס אַנדערע, — האָט דער בערזשערע געזאָגט, און ער איז געהאָרכזאַם איר נאָכ-געגאַנגען דורך די ליינע צימערן אין געבלימלטע טאַ-פּעטן.

ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיינע געדאַנקען :

— די ווילדע מענטשן, — האָט ער געזאָגט. — מאַכן נישט קיין אונטערשיד צווישן דער קעגנוואַרט, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. און בעת מיר שטודירן די שפּראַכן, וואָס זענען בלי ספק די עלטסטע דענקמעלער פון דער מענטשהייט, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַזעלכע צייטן, ווו די פעלקער, וואָס מיר קומען ארויס פון זיי, האָבן נאָך אינגאַנצן נישט אָפּערירט מיט די דאָזיקע מעטאַפיזישע טערמינען.

ה׳ מישעל ברעאַל באַווייזט אין זיין נאָר וואָס דערשינע-נער ארבעט, אַז דאָס ציילוואָרט, וואס איז ביים היינטיקן טאָג אַזוי רייך אין פאַרשידענע פאָרמען צו באַצייכנען די פאַרגאַנגענהייט פון אַ געוויסער האַנדלונג, האָט אורשפּרונגלעך נישט פאַרמאָגט קיין ספּעציעלע פאָרם פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, און אָנשטאָט דעם האָט מען זיך באַדינט מיט אַן אַנדער פאָרם, וואָס פאַר-טאָפּלט אין אַ געוויסער מאָס די קעגנווערטיקע צייט.

בעת ער האָט אַזוי גערעדט, האָט ער זיך צוריקגעקערט אינם צימער, וואָס האָט אים געזאָלט דינען פאַר אַן אַרבעטס-קאַבינעט, און לכתחלה זיך אים אויסגעוויזן, ווי איבערגע-פילט מיט די שאָטנס פון זיין טונקעלער צוקונפט. פּריילין בער-זשערע האָט געעפנט דאָס פענצטער.

— גיב אַ קוק, לוציאַן.

ה׳ בערזשערע האָט מיט אַ שמייכל אַ קוק געטון אויף די שוואַרצע שפּיצן פון די ביימער.

— די דאָזיקע שוואַרצע צווייגן, — האָט ער געזאָגט, — וועלן אינגיכן, אונטער דער ווירקונג פון דער שוואַכער אַפּריל-זון, אויסשפּראָצן מיט פּיאָלעטע קנאָספּן; שפּעטער וועלן זיי זיך באַדעקן מיט אַ צאַרטער גרינקייט, ווי שיין וועט עס דעמאָלט זיין!

זאָע, דו ביסט באמת אַ קלוגע און אַ גוטע, אַ גלענצנדע פּערוואַלטערין און זייער אַ ליבלעכע שוועסטער, קום אַהער, לאָז מיך דיך אַרומנעמען.

ה׳ בערזשערע האָט אַרומגענומען זיין שוועסטער און געזאָגט צו איר:

— דו ביסט אַ גוטע, זאָע.

פרייליין בערזשערע האָט דערויף געענטפערט

— אונזערע טאַטע-מאַמע זענען ביידע געווען זייער גוטע מענטשן.

ה׳ בערזשערע האָט זי געוואָלט נאָכאַמאָל אַרומנעמען, זי האָט אָבער געזאָגט צו אים:

— דו צעשויבערסט מיין פריזור, לוציאַן, און דו ווייסט דאָך, אַז דאָס האָב איך נישט ליב.

ה׳ בערזשערע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, און אויסגעשפּרייט די אָרעמס:

— גיב אַ קוק, זאָע; רעכטס, אויפן אָרט, וווּ ס׳שטייען היינט די דאָזיקע מיאוסע בנינים, איז אַמאָל געווען דער פּעפּיניער-גאָרטן. ווי אונזערע זיידעס דערציילן, איז דאָרט געווען אַ גאַנצער לאַבירינט פון אַלעען, אַרומגעצוימט מיט גרינגעמאָלטע קראַטעס. אונטער טאָפּער פלעגט דאָרט אָפט אין זיין יוגנט שפּאַצירן. אויף אַ באַנק, הינטער דער סטאַטוע פון וועלעדאַ פלעגט ער לייענען די פילאָזאָפישע ווערק פון קאַנט און די ראָמאַנען פון זשאָרזש זאַנד.

די טרוימערישע וועלעדאַ, וואָס האָט אויסגעשפּרייט די הענט איבער איר מיסטישן שניידמעסער, איז באַוואונדערט געוואָרן

פון דער באַגייסטערטער יוגנט. איר צופוסנס פלעגן זיך שאַ·
זאַמלען סטודענטן און רעדן וועגן ליבע, יושר און פרייהייט.
דעמאָלט זענען זיי נישט געווען איינגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי
פון שקר, אומגערעכטיקייט און דעספּאָטיזם.

די אימפּעריע האָט צעשטערט דעם פּעפּיניער-גאָרטן. דאָס
איז געווען זייער א מיאוסע טאַט. טויטע זאַכן האָבן אויך זייער
נשמה. צוזאַמען מיטן דאָזיקן גאָרטן זענען אויך פאַרלוירן
געגאַנגען די איידעלע געדאַנקען פון די יונגע לייט. וויפיל
שיינע חלומות און מוטיקע האָפנונגען זענען עס באַשאַפן
געוואָרן צופוסנס דער ראָמאַנטישער וועדע פון מענדראַן!

אונזערע סטודענטן האָבן ביים היינטיקן טאָג פאַלאַצן
מיטן ביוסט פון פּרעזידענט, וואָס באַפּוצט דעם קאַמין אין ערן·
זאַל. ווער וועט זיי איבער צוריקקערן די שלענגלענדיקע אַלייען
פון פּעפּיניער-גאָרטן, וווּ זיי פלעגן פירן שמועסן, ווי אזוי צו
באַפעסטיקן דעם שלום, דאָס גליק און די פרייהייט
איף דער וועלט? ווער וועט זיי אומקערן דעם גאָרטן, ווו
אין דער העלער זונען-שיין און ביים פריילעכן געזאַנג פון פייגל
פלעגן זיי זיך איינחזרן די דערהויבענע רייד פון זייערע לע·
רער קינע און מישלע?

— די אַמאָליקע סטודענטן, — האָט פריילין בערזשערע
זיך אָנגערופן, — זענען בלי ספק געווען פול מיט איידעלער
באַגייסטערונג. סוף כל סוף זענען זיי אָבער געוואָרן דאָקטוי·
רים און נאָטאַרן אין זייערע געבוירן-ערטער. מ׳מוז שלום מאַכן
מיט דער מיטלמעסיקייט פון לעבן. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט,
אַז דאָס לעבן איז זייער אַ שווערער ענין, און מ׳דאַרף גאָר·
נישט אַזוי פיל בויען אויף מענטשן... זאָג מיר, ביסט כאָטש
צופרידן פון דיין נייער וווינונג?

— יאָ. איך בין אויך זיכער, אַז פּאָולינע וועט זיין צופרי·
דן ציקט. זי האָט זייער אַ שיין צימער.

— בלי ספק. יונגע מיידלעך ווערן אָבער קיינמאָל נישט
נתפּעל.

— פּאָולינע פילט זיך נישט אומגליקלעך ביי אונז.

— אָ, געוויס נישט. זי איז זייער גליקלעך, זי גיט זיך אָבער וועגן דעם אַליין נישט אָפּ קיין דין וחשבון.

— כ׳גיי איצט אַהין אויף רי סען-זשאַק, — האָט ה׳ בערזשערע זיך געווענדעט צו זיין שוועסטער, — באַשטעלן ביי רופאַר דעם סטאָליער, ביכער-פּאָליצעס פאַר מיין אַרבעטס-קאַבינעט.

VII

הי בערזשערע האָט ליב געהאַט און געוווסט ווי אָפּצו־שאַצן דעם אַרבעטנדן קלאַס. אַזוי ווי ער האָט נישט געמאַכט קיין גרויסע שנוים אין זיין בייער וווינונג, האָט ער דעריבער נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַנוצן מיט אַרבעטער; ווען ער האָט שוין אָבער באַדאַרפט איינעם צו האָבן, פלעגט ער זיך באַמיען אָנצוקניפּן מיט אים אַ געשפּרעך, ווארים ער האָט געגלויבט, אַז אים וועט געלונגען אַרויסצוציען פון אים אַ פּאָר קלוגע געדאַנקען.

ער האָט זייער פריינדלעך אויפגענומען דעם סטאָליאַר רו־פּאַר, וואָס איז אין אַ געוויסן פרימאָרגן געקומען אין זיין אַר־בעטס־קאַבינעט, כדי אַריינצושטעלן דאָרט ביכער־פּאָליצעס.

ריקע איז ווי געוויינלעך רויק געשלאָפן, איינגעגראָבן אין זיין באַלעבאָס פּאָמעל. די הויז־הינט האָבן אַ לייכטן שלאָף, וואָרים אומבאַוווסטזיניק געדענקען זיי די געפאַרן, וואָס האָבן פאַרצייטנס באַדראָט זייערע עלטער־זיידעס אין די ווילדע וועלדער; מ׳דאַרף אויך צוגעבן, אַז חוץ דער פעיקייט זיך שנעל אויפצוכאַפּן פון שלאָף, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיינע אור־זיידעס, האָט ריקע זיך נאָך אויסגעצייכנט מיט אַ גע־פיל פון פליכט.

ריקע האָט אויף זיך געקוקט, ווי אויף אַ וואַך־הונט. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז זיין פונקציע באַשטייט אין

אָפּהיטן די װױנונג, און ער איז דעריבער געװען זייער שטאָלץ.

צום אומגליק האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די שטאָטישע װױנונגען, פּונקט װי זיי זענען אויפן דאָרף אָדער אין לאַפאָנטענס מעשהלעך, צווישן הויף און גאָרטן, װוּ מ'קאָן אַרומלויפן װיפיל מ'װיל און אַרומשמעקן דער באָדן, פון װאַנען עס טראָגן זיך די ריחות פון חיות און מיסט. ער איז נישט אימשטאַנד געװען זיך פאָרצושטעלן דעם פּלאַן פון דער װױנונג, װאָס זיין באַלעבאָס האָט פאַרנומען אויפן פינפטן שטאָק פון אַ גרויסער געביידע.

אַזוי, װי אים זענען נישט איבעריק קלאָר געװען די געזעצן פון זיין טעטיקייט-געביט, האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, װאָס ער דאַרף אייגנטלעך צו היטן. און געװען איז ער אַ געפערלעכער װעכטער.

אַז ער האָט דערזען דעם אומבאַקאַנטן אין בלויע הויזן, װאָס האָט געשלעפּט ברעטער און זיך באַגאָסן מיט שװייס, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער װױנונג דראָט אַ געפאַר; ער איז בהרף-עין אַראָפּגעשפּרונגען פון פאָטעל און אָנגעהויבן שטאַרק צו בילן אויפן פרעמדן פאַרשוין, דערביי האָט ער אָבער מיט אַ העלדישער לאַנגזאַמקייט זיך געהאַלטן אין אַ געװיסן שטח װייט פון אים.

ה' בערזשערע האָט אים באַפוילן צו שװייגן, און ער האָט אומגערן געפאָלגט, טרויעריק איבערראַשט, װאָס זיין איבערגעגעבנקייט איז געװען אומזיסט און זיינע װאָרנונגען זענען נישט גענומען געװאָרן אין באַטראַכט. זיין טיפער בליק, געװענדעט צום באַלעבאָס, איז געװען פול מיט פאָרװורף:

— דו נעמסט רויק אויף דעם דאָזיקן אַנאַרכיסט מיט זיינע טייװלאָנישע מאַשינען. איך האָב געטון מיין פליכט, זאָל איצט געשען, װאָס ס'װיל געשען.

ער האָט װידער פאַרנומען זיין שטענדיקן פּלאַץ און איינגעדרימלט. ה' בערזשערע האָט געלאָזן ליגן זיין אַרבעט איבער װערגילן און אָנגעהויבן צו שמועסן מיטן סטאָליער.

ער האָט אים לכתחילה אויסגעפרעגט בנוגע דעם סאָרט און פּאָליטור פון האָלץ, ווי אויך איבער דעם אופן, ווי אַזוי מ'קלאַפּט צונויף די ברעטער. ער האָט ליב געהאַט פון יעדן עפּעס אָפּצולערנען, און געוווּסט ווי אָפּצושאַצן די טרעפלעכע פאָלקסטימלעכע אויסדרוקן.

רופאַר איז געווען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט; פון צייט צו צייט פלעגט ער בלויז צוואַרפן אַן ענטפער און שווייגנדיק גענומען אַ מאָס פון דער וואַנט. מיט אַ געניט אויג האָט ער באַטראַכט דעם סופית.

— אויב מ'קלאַפּט צו די ברעטער מיט טשוועקלעך, דאַרף מען דעמאָלט נישט האָבן קיין קלייסטער, — האָט ער זיך אָנגערופן. — די אַרבעט מוז אָבער זיין אַקוראַט און גענוי.

— צי איז נאָך היינט פאַראַן אַ מין איינלאַמונג פון ברע-טער, וואָס רופט זיך שוואַלבן-שוואַנץ? — האָט ה' בערזשערע געפרעגט.

— דאָס דאָזיקע מיטל איז זייער פאַרעלטערט און ס'ווערט נישט מער געברויכט, — האָט דער סטאָליער גע-ענטפערט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רייד פון האַנטווערקער און אויף אַזאַ אופן זיך געלערנט אפילו פון אַ פּשוטן בעל-מלאכה.

אַז רופאַר האָט געענדיקט נעמען אַ מאָס, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום ה' בערזשערע. זיין ברייט, צע-קנייטשט פּנים מיט די שאַרפע געזיכטס-שטריכן, און האָר, צו-געקלעפּט צום שטערן מיט דער ציגן-באָרד, וואָס איז געווען אין-גאַנצן גרוי פון שטויב, האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט געווען אויסגעגאָסן פון בראָנז.

ער האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ מילדן, עטוואָס ווייטיק-לעכן שמייכל און דערביי אַרויסגעוויזן זיינע ווייסע ציין. און אין דעם מאָמענט האָט ער אויסגעזען אַ סך יונגער, ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

— איך קען אייך, האָט בערזשערע.

— מאַקע!

— יאָ, יאָ, איך קען אייך... האָט בערזשערע, איר האָט זיך דערלויבט אויף אַ שריט, וואָס איז גאָרנישט אַזוי געוויינ־לעך... איר וועט זיך דאָך מסתּמא נישט באַליידיקן, ווען איך וועל עס אייך זאָגן?

— אָ, ניין.

— איר האָט געוואָגט אויף אַ שריט, וואָס נישט יעדער אויף אייער אָרט, וואָלט עס געוואָגט צו טון. איר האָט זיך געשטעלט מחוץ פון אייער קאַסטע, און איר האָט נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט די פאַרטיידיקער פון שווערד און פון דער טבילה־כּלי.

— איך פאַראַכט אַלע פאַלשע לייט, מיין פריינד, — האָט זיך בערזשערע געענטפערט. — דערויף קאָן זיך נאָך אַ פילאָזאָף דערלויבן. איך האָב נישט פאַרבאַהאַלטן מיינע געדאַנקען. איך בין אָבער נישט אַרויסגעטרעטן מיט זיי אין דער עפנטלעכקייט. פון וואַנען קענט איר מיינע אָנשויוונגען?

— אָט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: צו מיר אין וואַר־שטאַט אַהין אויף די סען־זשאַק, קומען צו גיין פאַרשידענע פאַרשוינען. ס'קומען צו גיין גווירע און קליינע. בעת איך האָב אַנומלט געזעגנט מיינע ברעטער, האָב איך געהערט ווי פּיער האָט געזאָגט: דער אויסוואורף בערזשערע! און פּאָל האָט געפרעגט: „פאַרוואָס פאַרשטאָפּט מען אים נישט דאָס מויל?"

דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איר פאַרנעמט אים פּראָצעס אַ ריכטיקע שטעלונג. צווישן אייערס גלייכן איז פאַראַן ווייניק מענטשן, וואָס טראַכטן ווי איר.

— און וואָס זאָגן אייערע פריינד?

— די סאָציאַליסטן זענען נישט גוויס אין דער צאָל און איבעריקנס הערשט נישט צווישן זיי אין דער פראַגע קיין אחדות. פאַ־ראַכטאָגן שבת זענען מיר געוועז איינגאַנצן אַ פאָר מאַן אויף

פראַטערנעל, און פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך געריסן ביי די האָר.

דער חבר פלעשיע, אַן אַלטער קעמפער פון יאָר 1870, אַ קאָמונאַר, וואָס איז שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך פאַר זיינע אָנשוויונגען, איז אַרויף אויף דער טריבונע און אַזוי גענומען רעדן:

— בירגער־חברים, לאָמיר זיך רויק פאַרהאַלטן. די געלערנטע בורזשויען זענען נישט בעסער, ווי ד מיליטער־לייט. זאָלן די קאַפּיטאַליסטן זיך רייסן פאַר די האָר. קוקט אייך בעסער צו מיט פאַרלייגטע הענט, ווי די אַנטיסעמיטן טריומפירן. דערווייל פאַכען זיי מיט זייערע שטרויענע ביקסן און הילצערנע שווערד־עך. אויב ס'איז אָבער געקומען די צייט צו עקספּראָפּרירן די קאַפּיטאַליסטן, פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס זאָל מען דווקא נישט אָנהייבן פון די יידן.

זיינע רייד ד'האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקן טומל, און אַ סך שטעקנס זענען געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג. איך פרעג אייך אָבער, צי דאַרף אַזוי רעדן אַן אַלטער קאָמונאַר, אַ גוטער רעוואָלוציאָנער? איך בין נישט אַזוי געבילדעט, ווי דער חבר פלעשיע, וואָס האָט שטודירט מאַרקסן. איך האָב מיך אָבער איבערצייגט, אַז זיינע רייד זענען נישט ריכטיק.

וואָרים מיר ווייזט זיך אויס, אַז דער סאָציאַליזם, וואָס איז דאָך דער אמת אַליין, איז גלייכצייטיק אויך די גערעכטיקייט און גוטסקייט, און אַלץ, וואָס איז גוט און יושרדיק, וואַקסט אַרויס פון אים, ווי דער עפּל פון עפּלבוים. מיר דוכט זיך, אַז באַקעמפן אַן אומגערעכטיקייט באַדייט דאָס זעלבע, וואָס אַריבעטן, לטובת אונזער זאַך, לטובת די פראָלעטאַריער, וואָס ליידן דאָך פון אַזוי פיל אומגערעכטיקייטן.

אַלץ, וואָס איז יושרדיק איז לויט מיין מיינונג אַ שריט נענטער צום סאָציאַליזם. איך טראַכט, ווי זשאָרע, אַז גיין צוזאַמען מיט די פאַרטיידיקער פון שקר און געוואַלטאַט, איז דאָס זעלבע, וואָס אויסדרייען זיך מיט דער פּלייצע צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. איך קען נישט קיין יידן, נישט קיין

קריסטן. איך קען בלויז מענטשן. און איך מאך צווישן זיי אן אונטערשיד אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זיי זענען גערעכט אָדער אומגערעכט.

די רייכע לייט איז זייער שווער גערעכט צו זיין, אלץ איינס, צי זיי זענען יידן, צי קריסטן. אָבער ווען די געזעצן וועלן זיין יושרדיק, וועלן אויך די מענטשן זיין יושרדיק. די קאָלעקטיוויסטן און אנארכיסטן אַרבעטן שוין ביים היינטיקן טאָג פאַר דער צוקונפט, בעת זיי באקעמפן יעטוועדע אכזריות און פאָדערן אויף די פעלקער פיינד צו האָבן די מלחמה און צו ליבן דעם מענטשלעכן מין. שוין אין איצטיקן מאָמענט זענען מיר אימשטאַנד צו טון אביסל גוטס.

מיר דאַרפן נישט מער שטארבן מיט כעס און פארביטערונג אין האַרצן. מיר אַליין וועלן שוין מסתמא נישט דערלעבן דעם נצחון פון אונזערע אידעען. ווען דער קאָלעקטיוויזם וועט אמאָל באַהערשן די וועלט, וועל איך שוין לאַנג האָבן אויסגעצויגן די פיס... איך פלוידער און פלוידער, און דערווייל אנשלויפט די צייט.

ער האט ארויסגענומען דעם זייגער, און זעענדיק, אַז ס'איז שוין עלף א זייגער, האָט ער אָנגעטון זיין רעקל, צוזאַמענגענומען די כלים, אראָפּגערוקט דאָס היטל ביז איבער די אויגן און געזאָגט, צומאָל זיך נישט אויסדרייענדיק:

— איינס איז זיכער, די בורזשואזיע איז דורך און דורך צעפוילט! דאָס האָט בולט באַוויזן דער דרייפוס-פּראָצעס.

און ער איז אוועק עסן פרישטיק.

אין דער רגע האָט זיך ריקע אויפגעכאפּט פון זיין לייכטן דרימל, — און זאָל עס זיך האָבן גענומען דערפון, וואָס ער האָט געהאט א שלעכטן חלום און ביים אויפכאפּן זיך האָט ער מיט אמאָל דערזען, ווי דער שונא ציט זיך צוריק, אָדער אפשר האָט אים דער אויבן-דערמאָנטער נאָמען אריינגעבראכט אין אזא כעס, — ער האָט זיך פלוצלינג א וואָרף געטון אויפן סטאָליער מיט אן אויפגעריסן מויל, פלאַמענדיקע אויגן און צ פּאטלטשעל, און גענומען בילן, ווי א משוגענער.

אַז זיי זענען פֿאַרבליבן אַליין אין צימער האָט ה׳ בערזשערע זיך געווענדעט צו אים מיט פֿאָלגענדע רייד:

— אָרעם, קליין שוואַרץ באַשעפֿעניש... דו האָסט אויך אַ קולט פֿאַר דער טראַדיציאָנעלער אומגערעכטיקייט און דער פֿאַלשער ערדישער גרויסקייט. דו ביסט שוואַך און אָנמעכטיק, נישט געקוקט אויף דײַנע שאַרפֿע, שפּיציקע ציינדלעך און דײַן אומגעהײַערן פּיסק, דו ביסט לעכערלעך טאָקע צוליב דער דאָזיקער אילוזיע פֿון קראַפֿט, וואָס שטעלט דײַן שוואַכקייט און פּחדנות אין אַ קאָמישן ליכט.

דו פֿאַרערסט אַלזאָ אויך די אומגערעכטיקייט מחמת רעספּעקט פֿאַר דער סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס פֿאַרזיכערט דיר אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ ביסן ברויט. אויך דו וואָלסט מספּים געווען אויף אַן אומגערעכט אורטייל, וואָס וואָלט זיך געשטיצט אויף שקר און פֿאַלשקייט. אויך דו לאָזט זיך אָפּנאַרן פֿון די אויסערלעכע דערשײַנונגען, און פֿאַרפֿירן פֿון שקר. דו שפּײַזט דײַן פֿאַנטאַזיע מיט מגושמדיקע מעשׂות. דײַן פֿאַרשטאָפּטער מוח האָט ליב אומקלאָרקייט.

מ׳נאַרט דיך אָפּ און דו נאַרסט דיך אַליין אָפּ מיטן אייגענעם ווילן. דו ווייסט אויך וואָס עס איז אַזעלכעס ראַסן־האַס, דו האָסט אויך מוראדיקע אײַנגלייבענישן און באַציסט דיך מיט ביטול צו די אומגליקלעכע.

און אַז ריקע האָט אָנגעקוקט זײַן באַלעבאָס מיט אַ בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט אומענדלעכע אומשולד, האָט ה׳ בערזשערע גענומען ווײַטער רעדן צו אים אין אַ מילדערן טאָן:

— כ׳ווייס: דו ביסט אומבאַוווּסטזיניק גוטמוטיק, דײַן גוטמוטיקייט איז די גוטמוטיקייט פֿון אַ מענטשנפֿרעסער. דו ביסט פֿרום, דו האָסט דיר דײַן טעאָלאָגיע און דײַן מאָראַל, און גלייבסט, אַז דו טוסט גוט. און חוץ דעם גייט דיך מער נישט אָן. דו היטסט די וווינונג, דו היטסט זי אַפֿילו קעגן די, וואָס ווילן זי באַשעדיקן.

דער דאָזיקער בעל־מלאכה, וועמען דו האָסט געוואָלט פֿון דאַנען פֿאַרטרײַבן, האָט אין אַ פּשוטער, נישט געקינצלטער פֿאָרם

אויסגעדריקט דערהויבענע און שיינע געדאַנקען, דו האָסט דיך אָבער נישט צוגעהערט צו זיינע רייד.

דיינע פאַרשטאָפּטע אויערן הערן נישט אויס דעם, וואָס רעדט בעסער, נאָר דעם, וואָס שרייט העכער, און די מורא, די נאַטירלעכע שרעק, וואָס איז אמאָל געווען די עצה־געבערין פון דיינע און מיינע עלטער־זיידעס, די שרעק, וואָס האָט געשאַפן געטער און פאַרברעכנס, ווענדט דיך אָפּ פון די אומגליקלעכע און רויבט ביי דיר צו דעם מיטלייד צו די שוואַכע.

די ווילסט נישט זיין גערעכט, דו באַטראַכטסט מיט פרעמדע אויגן דאָס ווייטע געזיכט פון דער נייער גאָטהייט און אין דער זעלבער צייט קריכסטו אויף אַלע פיר פאַר די אַלטע געטער פון אכזריות און שרעק, וואָס זענען אַזוי שוואַרץ, ווי דו.

דו באַוווּנדערסט די ברוטאַלע קראַפט, וואָרים דו גלויבסט אַז זי איז די הערשנדע קראַפט, און דו ווייסט גאָרנישט, אַז זי פרעסט זיך אַליין אויף. דו ווייסט נישט לחלוטין, אַז איין איינציקע גערעכטע אידעע איז בכוח צו צערייסן די גרעסטע קייטן.

דו ווייסט נישט, אַז די אמתע קראַפט ליגט אין דער חכמה און נאָר אַ דאַנק איר ווערן די פעלקער גרויס און מעכטיק. דו ווייסט נישט ווי אַזוי עס שאַפט זיך דער ווירקלעכער רום פון אַ פאָלק.

אַ פאָלק ווערט נישט באַרימט אַ דאַנק די אומגעלומפּערטע געשרייען אויף די עפנטלעכע פלעצער, נאָר אַ דאַנק דעם דער הויבענעם געדאַנק, וואָס איז פאַרבאָרהאַלטן ערגעץ ווו אויף אַ בוידעם־שטיבל, און ווערט אין איין שיינעם פרימאָרגן דורכדרינגען די גאַנצע וועלט און זי איבערגאַנצן איבערענדערן. די ווייסט נישט, אַז די וואָס האָבן געקעמפט, געזעסן אין תפיסה און געליטן גלות פאַר אַ גערעכטע זאַך, אָט די דאָזיקע לייט האָבן פאַרשאַפן זייער פאָטע לאַנד אַן אמתען כבוד. דו ווייסט עס נישט, מיין קליינער ריקע.

VIII

ה׳ בערזשערע איז געזעסן אין זיין אַרבעט־קאַבינעט און געשמועסט מיט זיין תּלמיד, ה׳ גובען.

— היינט, — האָט ער געזאָגט צו אים, — האָב איך אַנטדעקט אין דער ביבליאָטעק פון מיינס אַ גוטן פריינד אַ קליין זעלטן ספרל, וואָס איז אפשר איינציק אין זיין מין. ברינע דערמאָנט נישט וועגן דעם ביכל און זיין האַנטבוך. ס׳קאָן זיין, אַז ס׳איז אים נישט געווען באַקאַנט, און אפשר האָט ער זיך דערויף נישט אָפּגעשטעלט.

דאָס איז אַ קליין ביכל אין פאָרמאַט פון אַ צוועלפטל, וואָס האָט דעם טיטל: „כאַראַקטערן און פּאָרטרעטן געשילדערט לויט פּאַרצייטיקע מוסטערן” ס׳איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1538 אין דער דרוקעריי אויף רי סען־זשאַק, די גאַס פון געלערנטע.

— צי איז אייך באַקאַנט דער מחבר? — האָט הער גובען געפרעגט.

— דאָס איז אַ געוויסער ניקאָל לאַנזשעליע, געבוירן אין פּאַריז, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט. — ער שרייבט נישט אַזוי שיין ווי אַמיאָ. זיין סטיל איז אָבער קלאָר און פאַרשטענדלעך. איך האָב דאָס דאָזיקע ווערק איבערגעלייענט מיט גרויס פאַרגעניגן, און איך האָב איבערגעשריבן זייער אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל. איר ווילט עס אפשר הערן לייענען?

— מיטן גרעסטן פארגעניגן, — האָט ה׳ גובען געענטפערט.

הער בערזשערע האָט גענומען פון זיין שרייבטיש אַ בייגעלע פאפיר און איבערגעלייענט פאלגנדן טיטל:

וועגן די טריובלאנס, וואס האבן אדומגעווילדעוועט אין דער רעפובליק

ה׳ גובען האָט געפרעגט, ווער עס זײַנען געווען די טריובליאַנס.

ה׳ בערזשערע האָט אים דערויף געענטפערט, אַז ער וועט דאָס געוויר ווערן בעתן לייענען, און ס׳איז פיל בעסער פריער צו לייענען אַ געוויסן טעקסט און ערשט דערנאָך אים צו קאָמענטירן. און ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען:

„און אין דער שטאָט האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן פאַרשוינען, וואָס פלעגן שרעקלעך ליאַרמען און פיל ערן, און מ׳האָט זיי אַ נאָמען געגעבן די טריובליאַנס, וואָרים זיי האָבן געדינט צו אַ ראש מיטן נאָמען טריובליאָן; זייער ראש איז געווען הויך-וווקסיק, אָבער קנאַפּ געלערנט און פול מיט נאַרישער יוגנטלעכער חוצפּה.

„און געהאַט האָבן די טריובליאָנס נאָך אַן עלטסטן, מיטן נאָמען טענטענאַבול און דער דאָזיקער האָט געקאָנט האַלטן שיינע רעדעס און צונויפשטעלן הערלעכע געזאַנגען. און אַרויסגעטריבן האָט מ׳ן דעם דאָזיקן טענטענאַבול אויפן סמך פון אַ ספּעציעלן פּסק-דין פון שערבעלעך-געריכט.*) דעם אמת געזאָגט איז טענטענאַבול געווען אַ שונא פון

*) אסטראצ״זם — שערבעלעך-געריכט אין פארצייטיקן גריכנלאנד. אויפן סמך פון אן אורטייל, געשריבן אויף שערבעלעך פלעגט מען אין פארצייטיקן גריכנלאנד ארויסטרייבן אויף צען יאר פון די גרענעצן פון לאנד, א בירגער וואס האט געבראכט שאדן דער רעפובליק. (באמערקונג פון איבערזעצער)

טריובליאַן, איז איינער געגאַנגען פּאַראויס, איז דער צווייטער גע אַנגען צוריק. די טריובליאַנס האָבן זיך אָבער דערויף זייער ווייניק אומגעקוקט, וואָרים זיי זענען געווען אַזעלכע שוטים, אַז זיי האָבן נישט געוווסט, וווהין זיי גייען.

„און געלעבט האָט דעמאָלט אויף אַ באַרג אַ דאָרפסמאַן, וואָס האָט זיך גערופן ראָבען דער האָניג-זיסער, אַ מאַן מיט שניי-ווייסע האָר, דורכגעטריבן און כיטרע. ווי אַ מאַרדער אָדער אַ פוקס, און גלענצנד באַהאוונט אין דער קונסט פון חנפענען.

„און ראָבען איז געקומען אויפן געדאַנק צו הערשן איבער דער שטאָט מיט דער הילף פון די דאַזיקע טריובליאַנס, און ער האָט געגומען זיי חנפענען פּדיי זיי איבערצוציען אויף זיין זייט. ער האָט גערעדט צו זיי מיט א זיס קול, ווי אַ פייגלפאַנגער, וואָס וויל פאַרנאַרן די פייגעלעך אין זיין נעץ אַריין.

„און דער אָרנטלעכער טענטענאַבול האָט גע-האַט שטאַרק עגמת-נפש צוליב די דאָזיקע זיסע רייד פון ראָבען דעם האָניג-זיסן און ער האָט מורא געהאַט, אז ראָבען דער האָניג-זיסער זאָל אים נישט אַמאָל פאַנגען זיינע פייגעלעך.

„חוץ טריובליאַן, טענטענאַבול און ראָבען דער האָניג-זיסער, האָבן אין דער טריובליאָנער חברותא דעם אויבן אָן געפירט:

„ג קעשענע-גנבים,

„כא שאַרלאַטאַנען,

„אַ פערט-חלק פון אַ וואַנדערנדיקן בעטלער-מאַנאַך,

„ח מחברים פון פאַלשע לוחות,

„מה דעמאַגאָגן, אַנטיסעמיטן, נאַציאָנאַליסטן און יידן-פרעסער; און זעקס קוואָרט איידעלע פּאַר-

שוינגען, וואָס האָבן פאַרעקט די שיינע יונגפרוי פון בורד אין נאַווארע.

„די טריובליאַנס האָבן אויף אזא אופן געהאַט א סך עלטסטע, עס האָט אָבער צווישן זיי נישט געהערשט קיין אחדות.

„און זיי האָבן זיך ארומגעריסן צווישן זיך ווי די האַרפיעס, וואָס חערגיל דערציילט וועגן זיי. אַז זיי זענען געזעסן אויף די ביימער, האָבן אַרויס געלאָזט ש. עקלעכע געשרייען און פאַרדאָרבן אלץ, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זיי; און די שלעכטע טריובלאָנס זענען ארויפגעקראָכן אויף די קאַרניזן און גזימסן פון די הייזער און קירכן, כדי פון דאָרטן זיך צו רייצן מיט די פרידלעכע בירגער, אָפצולאַכן, אָפשפּאָטן פון זיי און באַווארפן זיי מיט צואה.

„און זיי האָבן מיט גרוס התמדה אויסגעקליבן פאר א ראש אן אלטן קאַלאָנעל, מיטן נאָמען געלגאָפּאַל, וואָס האָט נישט געהאַט די מינדעסטע אנונג ווי אזוי זיך צו באַגיין מיט געווער; ער איז געווען דער גרעסטער שונא פון דער גערעכטיקייט און מיט ביטול זיך באַציגן צו די ערווערדיקע געזעצן. און זיי האָבן געמאכט פון אים אן אָפּגאָט און א געטש, און ארומגעלאָפן איבער די גאַסן פון שטאָט און געשריגן: „זאָל לאַנג לעבן אונזער אלטער פירשט!"

„און די קליינע שול-קונדסים זענען זיי נאָכגעלאָפן פון הינטן און צוזאַמען מיט זיי געשריגן: „לאַנג לעבן זאָל אונזער אלטער פירשט!"

„און די טריובליאַנס האָבן אָפּגעהאַלטן פיל פאַרזאַמלונגען, ווו זיי האָבן געיובלט לכבוד דעם אלטן פירשט, און דערביי האָבן זיי אויפגעהויבן אזא שרעקלעך געפילדער און ליאַרם, אַז די לופט איז אזש פאַרציטערט געוואָרן און די פייגל, וואָס

זענען געפלויגן איבער זייערע קעפּ זענען פּאַרטויבט געוואָרן און אַראָפּגעפאַלן טויט צו זייערע פיס. און דעם אמת געזאָגט, זענען אַלע באַהערשט געוואָרן פון אַ שוּעלעך משובצת.

„און געמיינט האָבן די טריובליאַנס, אַז מיט זייערע שרעקלעכע געשרייען און געמיינע רייד ברענגען זיי אַ טובה דער שטאָט און אויף אַזאַ אופן זענען זיי ווערט צו באַקומען די בירגער-קרוין, וואָס באַשטייט אפילו פון דעמבענע בלעטער, דורכגעפלאָכטן מיט אַ לייוונטענעם באַנד, און איז פונדעסטוועגן די שענסטע צווישן אַלע קרוינען.

זיי האָבן געטראַכט, אַז די וואָס שטופּן דעם אַקעראייזן, וואָס זייען און שניידן, פיטערן זייערע סטאַדעס און פלאַנצן באַרגע-ביימער אין דאָזיקן געבענטשטן לאַנד פון ווייַנגאָרטנס, קאָרנפעלדער, גרינע לאָנקעס און פרוכט-גאָרטנס, אַרבעטן נישט לטובת דעם לאַנד. און זייערע חברים, וואָס האַקן שטיינער און בויען אין די שטעט און שטעטלעך הייזער, באַדעקט מיט רויטע שינדל-דעכער, און אפילו די וועבער, די גלעזער און שטיינברעכער, וואָס שפּאַלטן די שום פון דער מאַמע-ערד — זיי אַלע אַרבעטן נישט לטובת דעם לאַנד.

„זיי האָבן געהאַלטן, אַז אפילו די געלערטע, וואָס אַרבעטן אין זייערע איינזאַמע קאַמערן און אין די רייַקע ביבליאָטעקן, כדי אַרויסצורייסן ביי דער נאַטור אירע וווּנדערבאַרע סודות, אפילו זיי דינען אויך נישט זייער פאָטערלאַנד, שוין אָפּגערעדט פון די טאַמעס, וואָס וויגן זייערע נ[illegible]ע- און פון יענער זקנה, וואָס שפּינט איר פאָדים ביים פייער און פאַרציילט די אייניקלעך שיינע מעשהלעך.

„דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך געגרויסט און געהאַלטן, אַז דווקא זיי, די טריובליאַנס דינען זיי-

ער פאטערלאנד, בעת זיי לויפן ארום איבערן מארק און פילדערן ווי די אייזלען.

„און לאמיר צוגעבן, אויב מיר ווילן זיין גערעכט, אז טוענדיק דאס האבן זיי געגלויבט, אז זיי טוען גוט, ווארים זיי האבן גארנישט פארמאגט זייער אייגנס חוץ דעם תוהו-ובוהו אין זייערע מוחות און דעם הויך פון זייערע מיילער. און דעריבער האבן זיי געבלאזן מיט אלע כוחות פארן אלגעמיינעם וווילשטאנד און נוצן.

„זיי האבן זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט די אויסרופן: „לאנג לעבן זאל דער אלטער פירשט!", זיי האבן אויך אן אויפהער געשריגן, אז זיי האבן ליב די שטאט. און אלע אנדערע בירגער, וואס האבן זיך נישט באטייליקט אין זייערע טומלערייען האבן זיי שווער באליידיקט און געגעבן צו פארשטיין, אז זיי האבן נישט ליב דאס פאטערלאנד און די שיינע שטאט, ווו זיי זענען געבוירן געווארן.

„און געווען איז דאס אן אומדערהערטע רכילות און א אויסערגעוויינלעכע באליידיקונג, ווארים די דאזיקע מענטשן האבן צוזאמען מיט דער מאמעס מילך אריינגעזויגן אין זיך די ליבע צום פאטערלאנד, און זיי האבן מיט גרויס פארגעניגן איינגעזאפט אין זיך די לופט פון זייער געבוירן-שטאט.

„און געווען זענען אין יענער צייט אין דער שטאט און אומגעגנט א סך קלוגע און ארנטלעכע לייט, וואס האבן ליב געהאט זייער שטאט און רעפובליק מיט א בעסערער און ריינערער ליבע, ווי די טריובליאנס. און געוואלט האבן די דאזיקע ארנטלעכע און קלוגע לייט, אז זייער שטאט זאל זיך באדן אין חכמה און אין מעשים טובים, און אז אין איר רעכטער האנט זאל זי טראגן דעם גאלדענעם שטעקן פון גערעכטיקייט, און ס'זאל זיך פון איר

קיינמאָל נישט אָפּטון דער שלום, די פרייהייט און דער שמייכל.

להיפּך צו זיי האָבן די טריובליאַנס געטראָגן אין די הענט גראָבע שטעקנס, כּדי דערמיט צו שלאָגן די אָרנטלעכע בירגער. זיי פּלעגן זיך אויסדריקן מיט געמיינע און נידערטרעכטיקע רייד און אין אַלעמען געפּאָלגט די באַפעלן פון אַלטן געלגאַפאַל און פון ראָבען דעם האָניג-זיסן.

און די דאָזיקע ביידע פירער האָבן אין דער אמתן געוואָלט איבערגעבן די שטאָט אין די הענט פון צבועקעס, היפּאָקריטן, שווינדלער, פּרומאַקעס, רכילותניקעס, הפקר-יונגען, מאַנאַכן, געשוירענע און געזאַלבטע קעפּ, בעטלער, צלם-שלינגערס און פעלשער, וואָס האָבן זיך אומעטום אַרומגעשלעפּט און פאַרכאַפּט פאַר זיך אָן אַ שיעור הייזער, וועלדער, פעלדער און לאָנקעס, און כּמעט אַ דריט חלק פון פראַנצויזישן לאַנד. זיי (די טריובליאַנס) האָבן זיך שטאַרק באַמיט צו מאַכן פון דער שטאָט אַ ווילדע וויסטעניש און אַ חורבה.

„וואָרים זיי האָבן זיך באַציִען מיט שנאה און עקל צו דער פילאָזאָפיע און צו אַלע העכערע מענטשלעכע געדאַנקען, און בלויז די קראַפט איז זיי געווען באַקאַנט; און געשעצט האָבן זיי אויך בלויז די רויע, ברוטאַלע קראַפט. אַט, אויף וואָס פאַראַ אופן די דאָזיקע טריובליאַנס האָבן ליב געהאַט זייער גע-בוירן-שטאָט...

ה׳ בערזשערע האָט ביים לייענען דעם דאָזיקן אַלטן טעקסט שטאַרק אַכטונג געגעבן צו שטעלן דעם אמתן טראָפּ דאָרט, ווו מ׳האָט באַדאַרפט, אַזוי ווי ס׳איז געווען דער מנהג אין דער רענעסאַנס-עפּאָכע. ער האָט געהאַט אַ סך חוש און פאַרשטענדניש פאַר דער אַלטער פראַנצויזישער שפּראַך.

ער האָט געהאַלטן, אַז די אָרטאָגראַפיע איז אַ מינפער-

וועדישקע זאַך. דערפאַר האָט ער זיך אָבער באַצויגן מיט גרויס רעספעקט צו דער אַלטער פראַנצויזישער אויסשפּראַך, וואָס איז געווען לייכט און פליסנדיק, בעת ביים היינטיקן טאָג איז זי צום אומגליק שווער און האַמעטנע.

ה׳ בערושערע האָט געלייענט דעם אַלטן טעקסט אין הסכם מיט דער טראַדיציאָנעלער אויסשפּראַך. זיין דיקציע האָט צוגע־געבן די אַלטע יוגנטלעכע ווערטער פרישקייט און זאַפטיקייט, און דער זין פון די דאָזיקע ווערטער איז געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך אפילו פאַרן ה׳ גובען, וואָס האָט געמאַכט פאָל־גנדע באַמערקונג:

— מיר געפעלט באַזונדערס די שפּראַך, זי איז נאַיוו.

— איר מיינט עס אין דער אמתן? — האָט ה׳ בערושערע געפרעגט.

און ער האָט ווידער אויפגענומען זיין לעקטור.

„און די טריובליאַנס האָבן זיך געגרויסט, אַז זיי פאַרטיידיקן די אַרמעע און די רעפּובליק, אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ געוויינלעכע פּלאַפּ־לעריי און באַרימעריי, וואָרים די אָפיצירן און זעל־נער, באַוואָפנט מיט ביקסן, מוסקעטן, און אַרמאַטן און אַנדערע שרעקלעכע כּלי־זין, האָבן געהאַט די פליכט צו פאַרטיידיקן די שטאָט און לחלוטין נישט געגוויטיקט זיך, אַז די בירגער זאָלן זיי פאַרטיי־דיקן.

„און ס׳איז בכלל זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז אין שטאָט זאָלן זיך האָבן געפונען מענטשן, וואָס וואָלטן געהאַט די העזה אָנצוגרייפן זייערע אייגענע פאַרטיידיקער. אין דער זעלבער צייט האָבן די קלוגע און פאַרשטענדיקע לייט, להיפך צו די טריובליאַנס, פאַרלאַנגט בלויז, אַז די אַרמיי־פירער זאָלן זיך אונטערוואַרפן די ערווערדיקע און הייליקע געזעצן פון דער שטאָט און פון דער רעפּובליק.

„נישט געקוקט אָבער דערויף האָבן די טריובליאַנס טאָג איין, טאָג אויס געהאַלטן אין איין טומלען און נישט געוואָלט זיך צוהערן צו די רייד פון די פאַרשטענדיקע לייט. וואָרים די קאַרגע נאַטור האָט ביי זיי אָפּגענומען דעם פאַרשטאַנד.

„די טריובליאַנס האָבן זיך באַצויגן מיט אַ געוואַלטיקער שנאה צו פרעמדע פעלקער. און ס'איז גענוג געווען אַרויסצוזאָגן דעם נאָמען פון אַ פרעמד פאָלק, אַז די אויגן זאָלן זיי שיער נישט אַרויסקריכן פון קאָפּ, פונקט ווי דאָס קומט פאָר מיט די ים־קרעבסן, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך אַ שרעקלעך בילד; און געפאָכעט האָבן זיי מיט די אָרעמס, ווי מיט די ווינט־פליגל פון אַ מיל, און דער מינדעסטער שרייבערל אָדער קצב־יונג איז געווען גרייט אַרויסצופאָדערן צום קאַמף דעם קיניג, די קיניגין אָדער דעם קייזער פון אַ גרויסער שכנותדיקער מדינה, און דער קלענסטער הוטמאַכער אָדער שענקער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט צו יעדער רגע גרייט געווען גיין אויף דער מלחמה, און סוף־כל־סוף איז יעדער פון זיי פאַרבליבן אין שטוב.

„און עס איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אין אַלע צייטן זענען די נאַראָנים גרעסער אין דער צאָל, ווי די חכמים, און לויפן נאָך אַ ליאַדע קלאַנג פון אַ פויק אָדער אַ צימבל; עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס אַלע לייט מיט די פיינלשע מוחות (און אַזעלכע זענען אַלעמאָל פאַראַן אין אַ גרויסער צאָל סיי צווישן די רייכע, סיי צווישן די אָרעמע) זענען צוגעשטאַנען צו די טריובליאַנס און צוזאַמען מיט זיי גענומען טומלען און רוישן.

„און די גאַנצע שטאָט איז באַהערשט געוואָרן

פון אַזאַ שרעקלעכן טומל און געפילדער, אַז ז קלוגע יונגפרוי מינערוואַ האָט אין איר טעמפל זיך פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַקס, וואָס אירע געליבטע בינען פון הימעטאָס האָבן איר געבראַכט פאַר אַ קרבן, כדי אויף אַזאַ אופן נישט פאַרטויבט צו ווערן פון די דאָזיקע קעסל-פויקערס און משוגענע פּאָפּוגייען.

„חוץ דעם האָט זי דערמיט געוואָלט געבן צו פאַרשטיין אירע טרייע דינער, די געלערנטע לייט, די פילאָזאָפן און געזעצגעבער פון דער שטאָט, אַז ס'איז אַ שאָד די טרחה אַריינצוטרעטן אין אַ געלערנטן וויכוח מיט די טומלענדיקע טריובליאַניסטן.

„און אין דער מלוכה זענען געווען אייניקע מענער, און דווקא נישט פון די קלענסטע, וואָס דער גאַנצער ליאַרם פון די טריובליאַנס האָט זיי שרעקלעך אויפגערעגט און זיי זענען געקומען צום באַשלוס, אַז די דאָזיקע חסר-דעהניקעס זענען אימשטאַנד אומצובריינגען די רעפּובליק און איבערדרייען די גאַנצע שטאָט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און דאָס אַלץ וועט זיך סוף כל סוף ענדיקן זייער מיאוס פאַר אַלע. און ס'איז ענדלעך געקומען דער טאָג, ווען די טריובליאַנס זענען צעשטויבט געוואָרן אויף אש און זיי זענען געוואָרן מיטן ווינט צוגלייך.”

ה׳ בערזשערע האָט אַוועקגעלייגט דעם כתב-יד אויפן טיש. ער האָט געענדיקט לייענען.

— די אַלטע ביכער, — האָט ער זיך אָנגערופן, — זענען אַ גוטער צייט-פאַרטרייב פאַרן גייסט. אַ דאַנק זיי פאַרגעסן מיר די צרות פון די היינטיקע צייטן.

— אמת. — האָט ה׳ גובען צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

און ער האָט אַ שמייכל געטון, וואָס ער פלעגט אייגנטלעך קיינמאָל נישט טון.

בעת די פעריען איז ה׳ מאַזור, דער דעפּאַרטאַמענטאַלער אַרכיוואר געקומען אויף אַ פּאָר טעג קיין פּאַריז, וואָרים ער האָט געשטרעבט צו באַקומען דעם קרייץ פון דעם ערן-לעגיאָן און צו דעם צוועק האָט ער געמוזט באַזוכן די מיניסטעריאַלע אַמטן; חוץ דעם האָט ער געוואָלט דורכפירן געוויסע היסטאָרישע שטודיען אין די נאַציאָנאַל-אַרכיוון, און צום סוף אויך באַזוכן דעם קאַבאַרעט „מולען-רוזש”.

איידער ער האָט באַזאָרגט די אויבנדערמאָנטע ענינים, האָט ער באַלד אויף צומאָרגנס נאָך זיין אָנקום, באַזוכט דעם ה׳ בערזשערע. ער איז געקומען לערך זעקס אַזייגער נאָכמיטאָג, און ה׳ בערזשערע האָט אים זייער פריינדלעך אויפגענומען. די היץ איז געווען אומדערטרעגלעך גרדיס, און ס'איז פּשוט אוממעגלעך געווען צו זיצן אונטער אַן אָנגעגליטן דאַך אָדער איינזאַפּן אין זיך דעם שטויב פון די מיט מענטשן איבערגעפולטע גאַסן.

דעם ה׳ בערזשערע איז אָבער מיטאַמאָל איינגעפאַלן אַ גלענצנדער געדאַנק. ער האָט אַוועקגעפירט דעם ה׳ בערזשערע אין בולאָנער וועלדל, אין אַ רעסטאָראַן, ווו קליינע טישלעך זענען געווען סערווירט אונטער שאָטנדיקע ביימער, נישט ווייט פון אַ שטיל, שלאָפנדיק וואַסער.

דאָרט אינם קילן און פרידלעכן שאָטן פון די ביימער האָבן זיי באַשטעלט אַ פיין מיטאָג און געמיטלעך זיך אונטערגעהאַלטן איבער פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע פראַגן און די פאַרשידענע פאָרמען פון ליבע. מיטאַמאָל האָבן זיי אומגעריכט, הגם קיינער פון זיי האָט עס דירעקט נישט געוואָלט, אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן דרייפוס-פּראָצעס.

דער פּראָצעס האָט אַריינגעבראַכט דעם ה׳ מאַזור אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער צערודערונג. לויט זיינע פּרינציפּן און טעמפּעראַמענט אַ יאַקאָבינער און אַ פּאַטריאָט, ווי באַוער און סען-זשיסט, איז ער צוגעשטאַנען צו דער נאַציאָנאַליסטישער קליקע אין דעפּאַרטאַמענט און געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער שוואַרצע מאה, די גלחים און מאַנאַרכיסטן. און דאָס אַלץ אין נאָמען פון די העכערע אינטערעסן פון פאָטערלאַנד, לטובה דער אייניקייט און גאַנצקייט פון דער רעפּובליק.

ער איז אפילו אריינגעטרעטן אין דער ליגע, איר פּאָרזיצנדער איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי ה׳ [illegible] עטאַן דע לאַ-באַרזש. די זעלבע ליגע האָט אָבער באַשלאָסן אַר[illegible]סצושיקן צום קיניג אַ גליק-ווונטש-אַדרעס, און זיין מוח האָט דעריבער אָנגעהויבן צו עקבערן אַ געדאַנק, אַז די ליגע איז שוין נישט אַזאַ כּשרע רעפּובליקאַנישע אינסטיטוציע. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים זייער שטאַרק פאַראומערט.

וואָס שייך דעם עצם ענין האָט ער, אדאַנק זיינע ידיעות ביים שטודירן די אַלטע היסטאָרישע טעקסטן פאַרמאָגט אַ געוויסן קריטיציזם ביים אויספאָרשן נישט איבעריק קאָמפּליצירטע געשעענישן, און עס האָט אים דעריבער אין אַ געוויסער מאָס געעקלט, וואָס ער שטיצט אונטער מיט זיין אויטאָריטעט אָט-די גאַנצע פעלשער-באַנדע, וואָס האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער חוצפּה פאַבריצירט און געפעלשט אַקטן, בלויז דערפאַר כדי אומצוברענגען אַן אומשולדיקן מענטשן. ער האָט געפילט, ווי ער איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט שקר.

אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט מודה זיין, אַז ער האָט זיך טועה געווען. אויף אַזא

ריט קענען זיך דערוועגן בלויז יחידים, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַן אַנטשלאָסענעם כאַראַקטער.

ה׳ מאזור האָט זיך אָבער עקשנותדיק געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז ער איז פאָרט גערעכט. מ׳מוז אָבער אויך צוגעבן, אַז די געשלאָסענע מאסע פון זיינע מיטבירגער האָט אים געהאַלטן אין דאָזיקן צושטאַנד פון אומוויסנקייט, זי האָט אים צוגעדריקט און גלייכצייטיק פאַרשלאָסן פאַר אים יעטוועדן אויסוועג.

אין דער דאָזיקער קליינער פּראָווינץ־שטאָט, וואָס האָט זיך משופעדיק אויפגעהויבן איבערן ברעג פון אַ נויל קר כעדיקן טייך, איז נישט אַריינגעדרונגען די מינדעסטע ידיעה וועגן גאַנג פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און דער אויטענטישקייט פון די דאָקומענטן. דאָס איז שוין געווען אַן ענין פאַר די פּאָליטישע און קלעריקאַלע קרייזן אין דער שטאָט, וואָס האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז דער אמת זאָל ווי ווייט מעגלעך נישט נתגלה ווערן.

די דאָזיקע „סמעטענע“ פון דער געזעלשאַפט האָט אויס־געצייכנט פאַרשטאַנען צו פאַרטיידיקן די אומגערעכטע זאַך אין די אינטערעסן פון פאָטערלאַנד און דער רעליגיע, און אַלע אין שטאָט, נישט אויסגעשלאָסן אַפילו דעם ראַדיקאַל־סאָציאַליסט מאַיאָר זענען געווען איבערצייגט אין אירע גוטע כוונות.

מחמת דעם, וואָס אין שפּיץ פון דער אַדמיניסטראַציע איז געשטאַנען אַ ייד, איז דער דאָזיקער דעפּאַרטאַמענט מער ווי אַנדערע געווען געשיצט קעגן די אַנטיפּאַטריאָטישע אידעען און לערונגען. ה׳ וואָרמס־קלאַוועלען האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב, שוין בלויז דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ ייד, צו דינען די אינטערעסן פון די אַנטיסעמיטן אין זיין באַצירק מיט אַ פיל גרעסערער התלהבות, ווי עס וואָלט דאָס געטון אויף זיין אָרט אַ קאַטוילישער פּרעפעקט.

מיט אַ פעסטער און זיכערער האַנט האָט ער דערשטיקט די אויפשטייענדיקע רעוויזיאָנס־פּאַרטיי אין זיין דעפּאַרטאַמענט.

ער האָט פאַוואָריזירט די פּאַרזיינען פון די פרומאַקעס און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען די בירגער פּראַנס! דע פּרעסאַנסע, זשאַן פּסיקאַרי, אָקטאַוו מירבאָ און פּיער קיאַר זע־נען געקומען אין דער הויפּטשטאָט פון דעפּאַרטאַמענט, כּדי אַרויס־צוטרעטן דאָרט פאַר דער רעוויזיע פון פּראָצעס, זענען זיי געווען פעסט איבערצייגט, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ שטאָט פון זעכצנטן יאָרהונדערט. דעם ערשטן קבלת־פּנים האָבן זיי גע־האַט פון אַ באַנדע פאַנאַטישע פּאַפּיסטן, וואָס האָבן אויפגעהויבן קעגן די רעדנער אַ שרעקלעכן ליאַרעם און זיי געדראָט מיטן טויט.

אין דער אמתן איז ה׳ וואָרמס־קלאָוועלען, זינט דעם גע־ריכטס־אורטייל פון יאָר 1894 געווען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז דרייפוס איז אומשולדיק, און ער פלעגט אָפן אויסדריקן זיי־נע איבערצייגונגען ביים ביטאָג, ביי אַ גוטן שמעקנדיקן ציגאַר. נישט געקוקט אָבער דערויף האָבן די נאַציאָנאַליסטן, וואָס זענען איבערצייגט געווען אין זיין טריישאַפט צו זייער זאַך, גע־קאָנט פולשטענדיק רעכענען אויף זיין שטיצע, וואָס איז לגמרי נישט געווען אָפּהענגיק פון וועלכע עס איז פּערזענלעכע געפילן.

די אומערשיטערלעכע שטעלונג פון דער גאַנצער עפנט־לעכער מיינונג אין דעפּאַרטאַמענט, ווו ה׳ מאַזור איז געווען אַרכיוואַר, האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט. אמת איז, אַז ער איז טאַקע געווען אַ פלאַמענדיקער יאַקאָבינער און פעיק אויף אַ העלדנטאַט, אָבער ווי אַלע העלדן האָט ער געקאָנט מאַרשירן נאָר אונטערן טאַקט פון פּויקן.

ה׳ מאַזור איז חס־וחלילה נישט געווען קיין ברוטאַלער מענטש. ער האָט קיינעם נישט געוואָלט אָנוואַרפן זיינע מיינונגען. להיפך, ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב ווי ווייט מעגלעך צו מאָטיווירן זיינע געדאַנקען. בעת דער הפסקה צווישן דער זופּ און דאָס געבראָטענע, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אָן טיש, און זיך געווענדעט צום ה׳ בערזשערע מיט פאָלגנדע רייד:

— טייערער הער בערזשערע, איך בין אַ פּאַטריאָט און אַ רעפּובליקאַנער, איך ווייס נישט, צי דרייפוס איז שולדיק אָדער אומשולדיק. איך וויל עס אויך נישט וויסן. דאָס איז נישט מיין

דאגה. ס'קאָן זיין אז ער איז אומשולדיק. איינס איז אָבער פאַר מיר זיכער, אז די דרייפוס־אָנהענגער זענען פאַרברעכער. דערמיט אַליין, וואָס זיי האָבן זייער אייגענע פּערזעגלעכע מיינונג אַנטקעגנגעשטעלט דעם באַשלוס פון דער רעפּובליקאַנישער יוסטיץ זענען זיי באַגאַנגען אַ געוואַלטיק חוצפּהדיקע טאַט. נאָך מער, זיי האָבן אריינגעבראכט אַ צערודערונג און אַ תוהו ובוהו אין דער רעפּובליקאַנישער מלוכה, דער האַנדל ליידט שטארק דערפון.

— גיט אַ קוק דאָרט אויף יענער שיינער פרוי, — האָט ה' בערזשערע זיך אָנגערופן. — זי איז שלאַנק און גלייך געוואָקסן ווי אַ יונגער בוים.

— ע, — האָט ה' מאַזור געענטפערט, — אַ ליאַלקע.

— ווי קאָן מען אזוי לייכטזיניק זיך אָפּגערופן וועגן מענטשן — האָט ה' בערזשערע געזאָגט, — צי איז דען אַ לעבעדיקע ליאַלקע נישט קיין באַווייז פון די וואונדערבארע נאַטור־קרעפטן.

— מיך אינטערעסירט זי פונקט אזוי ווייניק, ווי אַלע אנדערע פרויען, — האָט ה' מאַזור געזאָגט. — אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס מיין פרוי איז זייער גוט געבויט.

ער פלעגט דאָס אָפּט איבערחזרן און אַליין געוואָלט גלייבן אין זיינע רייד. ער האָט חתונה געהאט מיט דער אלטער דינערין־באַלעבאָסטע פון זיינע ביידע פאָרגייער, וואָס איז אין משך פון צען יאָר געשטאַנען מהוץ פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט.

אָבער בעת איר מאן איז צוגעשטאַנען צו דער נאַציאָנאַליסטישער קליקע אין דעפּארטאמענט, האָט זי מיטאַמאָל באַקומען אַ פרייען צוטריט צו דער בעסערער געזעלשאפט אין שטאָט. די גענעראַלין קארטיע דע שאלמאָ פלעגט זיך עפנטלעך מיט איר באווייזן, און די פרוי פון קאָלאָנעל דעפּאָטער פלעגט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.

— איך וועל קיינמאָל נישט מוחל זיין די דרייפוס־אָנהענגער, — האָט ה' מאַזור צוגעגעבן, — וואָס זיי האָבן מיט

זייער האנדלונג אָפּגעשוואכט און צעבראָכן די נאציאָנאַלע פארטיידיקונג און פארקלענערט אוזער פרעסטיזש אין אויסלאנד.

די זון האָט פאַגילדט די שוואַרצע פניאקעס מיט אירע לעצטע פורפור-שטראַלן, ה׳ בערזשערע האָט זיך געפילט פארפליכטעט צו ענטפערן:

—נעמט אין באטראַכט, מיין טייערער ה׳ מאַזור, אַז אויב דער פראָצעס פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן קאַפּיטאַן איז געוואָרן אַ נאציאָנאלער ענין, איז עס נישט אונזער שולד, נאָר די שולד פון אונזערע מיניסטאָרן, וואָס האָבן באשטעטיקט אַ אומלעגאלן און פעלערהאפטן געריכטס-אורטייל און געמאכט דערפון אַ רעגירונגס-סיסטעם. ווען דער יוסטיץ-מיניסטער וואָלט געטון זיין פליכט און פאראָרדנט אַ רעוויזיע פון פראָצעס באלד ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס דאָזיקע איז נויטווענדיק, וואָלט ער דערמיט אליין געצווונגען די פארטיקולאריסטן צו שווייגן.

דאָס קלאָגעריקע שווייגן פון דער יוסטיץ האָט אונז געצווונגען אויפצוהייבן אונזער שטים. אויב אין לאנד הערשט אַ צערודערונג, אויב דער פראָצעס האָט אונז געבראכט שאָדן סיי אין לאנד, סיי מחוץ די גרענעצן פון לאנד, האָבן מיר עס צו פארדאנקען דער רעגירונג, וואָרים זי האָט מיט אן אויסטערלישער עקשנות באשטעטיקט די דאָזיקע הימלשרייענדיקע אומגערעכטיקייט. פון טאָג צו טאָג ווערט זי גרעסער אונטער דער משא פון די אומגעהייערע שקרים, וואָס מיט זיי וויל מען פארהוילן דעם אמת.

—אָבער וואָס ווילט איר דען?.. — האָט ה׳ מאזור זיך פארטיידיקט, — איך בין אַ גוטער פאטריאָט און אַ רעפובליקאנער.

— דווקא ווייל איר זענט א רעפובליקאנער, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט, — דארפט איר זיך פילן פרעמד און איינזאם צווישן אייערע מיטבירגער. ס׳איז נישט פאראן מער קיין רעפּובליקאנער אין פראנקרייך. די רעפובליק האָט נישט פארשטאנען צו דערציען אמתע רעפובליקאנער.

באַר אַן אבסאָלוטע רעגירונג שאפט רעפּובליקאנער. אויפן שלייפשטיין פון אַ קעניגרייך אָדער פון אַ צעזארישער אָרדנונג ווערט געשאַרפט די ליבע צו דער פרייהייט, זי פארלירט אָבער איר קראַפט, בעת דאָס לאַנד איז פריי אָדער עס איז כלומרשט פריי.

די מענטשן זענען גאָרנישט געווינט ליב צו האָבן דאס, וואָס זיי פארמאָגן, און די ווירקלעכקייט איז אויך ווייניק ליבנס־ווערט. מ׳דאַרף פארמאָגן אַ שפּאָר ביסל חכמה כדי זיך צופרי־דנצושטעלן מיט דער ווירקלעכקייט. מ׳קאָן דרייסט זאָגן, אַז ביים היינטיקן טאָג זענען די פראנצויזן, וואָס זענען יונגער פון פופציק יאָר, לחלוטין נישט קיין רעפּובליקאנער.

— זיי זענען אָבער אויך נישט קיין מאָנארכיסטן.

— ניין, זיי זענען נישט קיין מאָנארכיסטן, וואָרים אויב די מענטשן האָבן נישט אַלעמאָל ליב דאָס, וואָס זיי פאַרמאָגן, — ווייל דאָס איז גאַנץ אָפט נישט ווערט געליבט צו ווערן, — האָבן זיי נאָך פיל שטארקער מורא פאר אן ענדערונג, וואָרים זי באהאלט פאר זיי דאָס אומבאקאנטע.

זיי שרעקן זיך צום מערסטן פאר דאָס אומבאקאנטע, וואס איז דער קוואַל און דער רעזערוואַר פון יעטוועדער מורא. דאָס דאַזיקע פילט זיך באזונדערס ביים אלגעמיי־נעם וואלרעכט, וואָס וואָלט גורם געווען אומבארעכנטע רעוול־טאַטן, ווען נישט די שרעק פאַר דאָס אומבאקאנטע, וואָס פּאַ־ראליזירט זיין פונקציאָנירונג. עס איז פאראן אין אים אַ קראַפט, וואָס וואָלט בכוח געווען צו שאַפן וואונדער אין אַ גוטן אָדער אין אַ שלעכטן זין. אָבער די מורא פאר די ענדערונגען, וואס פארבאהאלטן אין זייער שויס דאָס אומבאקאנטע האלט עס אויף, און דאָס פארזעעניש שטעקט אריין דעם קאפּ אין אַ געשפּאַן.

— די הערן וועלן אפשר טרינקען מאראסקען־ליקער, — האָט דער אויבערקעלנער געפרעגט.

זיין שטים איז געווען זיס און איבערצייגנד, און זיינע חאכזאמע בליקן האָבן געוואנדערט פון איין טיש צום אנדערן.

די בערזשערע האָט אים אָבער נישט געענטפערט, וואָרים ער האָט גראָד באַמערקט אויפן זאַמדיקן וועג א דאַמע אין אַ מוסלין קלייד. זי האָט געטראָגן אַ שטרויענעם-הוט אין סטיל פון לואי דעם פערצנטן, באַפוצט מיט אָן אַ שיעור בלומען. אַ ראָזער זיידנבאַנד האָט פעסט אַרומגענומען איר טאַליע, און איר וווּנדערבאַר מלאכים-קעפּל האָט אַרויסגעשיינט פון צווישן די טייערע פעדערשפּיצן אַרום איר האַלז.

ה׳ בערזשערע האָט דערקענט די מאַדאַם דע גראַמאַנס, וואָס די באַגעגעניש מיט איר אין דער לאַנגווייליקער פּראָווינציאַנעלער שטאָט פלעגט אים נישט איינמאָל שטאַרק צעטומלען. ער האָט געזען, אַז זי איז געווען אין דער באַגלייטונג פון זייער אַן עלעגאַנטן און קאָרעקטן מאַן.

איר באַגלייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ טישל, נישט ווייט פון פּראָפעסאָר און אַרכיוואַר. מאַדאַם דע גראַמאַנס האָט מיט איין בליק אַרום זיך באַמערקט דעם ה׳ בערזשערע. איר פּנים האָט אויסגעדריקט פאַרדרוס און אומצופרידנקייט, און זי האָט מיטגעצויגן איר באַגלייטער טיפער אינעם וועלדל, אונטערן שאָטן פון אַ גרויסן בוים. ביים אָנבליק פון מאַדאַם דע גראַמאַנס האָט ה׳ בערזשערע דערפילט יענע שמערצלעכע זיסקייט, וואָס די שיינקייט פון לעבעדיקע פאָרמען רופט אַרויס ביי עמפּפינדלעכע נשמות.

ער האָט געפרעגט דעם אויבערקעלנער, צי ער קען דאָס דאָזיקע פּאָר-פאָלק.

— איך קען זיי בלויז פון זען, — האָט דער אויבערקעלנער געענטפערט. — זיי קומען דאָ גאַנץ אָפט, איך ווייס אָבער נישט, ווי זיי הייסן. ביי אונז זעט מען אַזויפיל מענטשן! שבת האָט מען דאָ קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

— באמת? — האָט ה׳ בערזשערע געפרעגט, — אַלע פלעצער זיינען געווען באַזעצט?

— אַפילו אויף דער טעראַסע און אין קיאָסק.

ה׳ מאַזור איז אין דער זעלבער צייט געווען באַשעפטיקט

ביים קנאקן מאנדלען, און ער האָט דעריבער נישט געזעען די דאמע אין מוסלין־קלייד. ער האט געפרעגט, ווער עס איז די דאַמע, ה׳ בערזשערע האָט אָבער נישט געענטפערט או ס׳האָט אים געפרייט, וואָס ער קאן פאַרבאהאלטן דעם סוד פון מאַדאַם דע גראַמאנס.

בינו לבינו איז צוגעפאלן די נאכט, אַ טונקלקייט האָט איינגעהילט דעם גראַזפּלאַץ און די ארומיקע ביימער; אין דער פינצטערניש האָבן דאָ און דאָרט שימערירט קליינע פייערלעך אין ווייסע אָדער רויטע פאַפּירענע אַבאַזשורן, און אַלץ ארום האט אָנגענומען מאָדנע אויסטערלישע געשטאלטן.

ביי א שכנותדיק טישל האָט זיך אינם דיסקרעטן ליכט ארויסגעזען אַ העלער שטרויענער הוט מיט ווייסע פעדערן, וואָס האָט זיך אלע וויילע דערנענטערט צום פליכטוואָטן קאָפּ פון אן עלטערן פארשוין; ביי אַ צווייט טישל האָט מען געזען צוויי יונגע קעפּלעך, בלי ספק אַ סך לייכטזיניקער פון די נאכט־שמעטערלינגען, וואָס האָבן אַרומגעפלאטערט איבערן פּלאַץ. און נישט אומזיסט האָט זיך אויפן בלאָסן הימל מיטאַמאָל באַוויזן די ווייסע קיילעכדיקע לבנה.

— די הערן ווינשן נאָך עפּעס? — האָט דער אויבערקעלנער געפרעגט.

און נישט וואַרטנדיק אויף אן ענטפער, איז ער אוועק מיט זיינע וואכזאַמע טריט.

און ה׳ בערזשערע האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— גיט אַ קוק אויף די דאָזיקע מענטשן, וואָס עסן אינם געמיטלעכן שאָטן. אָט־אָ די קליינע ווייסע פעדערן און דאָרט אַראָפּ־צו, אונטער אַ שאָטנדיקן בוים, יענער שטרויענער הוט מיט די בליענדיקע רויזן, — זיי אַלע עסן און טרינקען און האָבן זיך ליב. פאַרן דאָזיקן קעלנער האָבן זיי אַ באַדייטונג בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי פאַרנעמען אַ פּלאַץ.

די אַלע מענטשן ארום אונז פאַרמאָגן אינסטינקטן, באַגערן און אפשר אויך אַ פּאָר געדאַנקען און פאַר אים איז דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ פאַרנומען אָרט; וואָס פאַרא קראפט

פון אויסדרוק און פון הארץ! דער דאזיקער שפראך-העלד איז באמת גרויס.

— מיר האָבן זייער פיין פארבראַכט די צייט, — האָט ה' מאַזור זיך אָנגערופן און זיך אויפגעהויבן פון טיש. דער דאָזיקער רעסטאָראַן ווערט באזוכט פון זייער א פיינער געזעלשאַפט.

— די גאנצע געזעלשאפט, — האָט ה' בערזשערע געענטפערט, — האָט אפשר אַ גאַנץ קנאפּן ווערט. זי איז אָבער אין אַ געוויסער מאָס פּיקאַנט. כ'מוז מודה זיין, אַז זינט דעם דרייפוס-פּראָצעס, וואָס האָט פולשטענדיט צעמישט אַלע קליינטשיקע מוחות און אויפגעוועקט אין זיי אַ מוראדיקן פאַנאַטיזם האָב איך שוין נישט אַזאַ הנאה ביים אָנבליק פון די אַזוי גערופענע עלעגאַנטע לייט.

דער דרייפוס-פּראָצעס האָט אויפגעדעקט די מאָראַלישע חולאתן, וואָס פּלאָגן אונזער געזעלשאַפט. פונקט ווי קאָכס באַציל האָט קאָנסטאַטירט די פאַרוויסטונגען פון טובערקולאָז אין מענטשלעכן אָרגאַניזם. צום גליק געפינען זיך נאָך אונטער דער דאָזיקער שוים טיפע כוואַליענדיקע מענטשלעכע געפילן. ווען זעט שוין אָבער מיין פאָטערלאַנד אָפּטרייסלען פון זיך דעם יאָך פון פאַרבלענדונג און שנאה?

X

די אלמנה פון אלטן און פון קליינעם באַראָן, די באַראָנעסע זשיליעט דע באַנגאַן, האָט פאַרלוירן איר פריינד ראָול מאַרסיאַן אין אַלגעמיין באַקאַנטע אומשטענדן.*) זי האָט געהאַט אַ צו גוט הארץ כדי זי זאָל לעבן איינזאַם. עס וואָלט אויך באמת געווען אַ שאָד, אַז זי זאָל אַזוי יונג פאַריועלקן.

און עס איז געשעען, אַז אין אַ שיינער זומער-נאַכט האָט זי אין אַ רעסטאָראַן צווישן דעם בולאָנער וועלדל און דער עטואַל, געפונען אַ נייעם פריינד. די דאָזיקע געשיכטע דאַרף מען גענוי איבערגעבן, ווייל זי איז ענג פאַרבונדן מיט די עפנטלעכע ענינים.

די באַראָנעסע זשיליעט דע באַנמאַן, וואָס האָט פאַרבראַכט דעם חודש יוני אין איר שלאָס דע מאָנטיל, ביים ברעג פון דער לואַרע, איז געקמען קיין פאַריז כדי פון דאָרט אָפּצופאָרן קיין גמונדען. מחמת דעם, וואָס איר ווינונג איז געווען פאַרחתמעט, האָט זי געגעסן מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן אין בולאָנער וועלדל צוזאַמען מיט איר ברודער, דער באַראָן וואָלשטיין, הער

---

*)זע: די געשיכטע פון אונזער צייט. דריטער באנד: דער אמעטיסטן-רינג.

און פרוי דע גראַמאָנס, ה' דע טערמאַנדער און דער יונגער ׳אק-
ריס, וואָס האָט אויך צופעליק פאַרבייפאָרנדיק, פאַרבראַכט אין
פאַריז.

מחמת דעם וואָס זיי האָבן אַלע געהערט צו דער בעסע-
רער געזעלשאַפט, זענען זיי אַלע געווען פאַרברענטע נאַציאָנאַ-
ליסטן, און דער באַראָן וואַלשטיין איז לחלוטין נישט אפגעשטאַנען פון
זיי. צוליב זיין יידישער אָפשטאמונג און דער אנטיסעמיטישער
העצע איז ער געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן פון וויען. ער
האָט זיך איינגעאָרדנט אין פראַנקרייך. ווו ער האָט געגרינדעט
אַ גרויסע אנטיסעמיטישע טעגלעכע צייטונג און אָנגעקניפט
פריינדלעכע באַציונגען מיט דער קירך און ארמעע.

ה' דע טערמאַנדר, וואָס האָט געהערט צום קלענערן אָרע-
מערן אַדל, האָט ווען מ'האָט באַדארפט, ארויסגעוויזן אַ ווייטגיי-
ענדע סימפאַטיע פאַרן קלער און ארמעע כדי אויף אזא אופן
זיך צוצופאַסן צו דער הויכער פריצישער אַריסטאָקראַטיע, מיט
וועלכער ער האָט פאַרקערט.

די פאַמיליע דע גראַמאַנס איז געווען זייער שטאַרק פאַר-
אינטערעסירט אין דעם צוריקקער פון דער מאָנארכיסטישער אָר-
דנונג, וואָרים זייער פינאַנסיעלע סיטואַציע איז גאָרנישט גע-
ווען אזא פריילעכדיקע.

מאדאם דע גראַמאַנס, שיין און פראכטפול געבויט, איז
פריי געווען פון געלט-דאגות און האָט אַלעמאָל געוווסט ווי זיך
אַן עצה צו געבן. אָבער איר מאַן, וואָס איז שוין נישט געווען
אַזוי יונג און האָט דערגרייכט די יאָרן, ווען אַ מענטש הייבט
אָן צו בענקען נאָך אַ געזיכערטער עקזיסטענץ און אלגעמיינער
אַכטונג, האָט זיפצנדיק געהאפט אויף בעסערע צייטן און מיט
אומגעדולד געוואַרט אויף דעם צוריקקער פון קיניג פון ארלעאַן.

ער האָט געהאָפט, אַז פיליפּ דער נייער קיניג, וועט אים
נאָמינירן אַלס פער פון פראַנקרייך. ער האָט באַרעכטיקט זיינע

פּרעטענסיעס אויף אַ פּאָטעל אין לוקסעמבורג-פּאַלאַץ *) דערמיט וואָס ער איז געווען אַ טרייער פאַרבונדעטער פון דער קרוין און ער האָט זיך פאַררעכנט צום דעם מין רעפּובליקאַנער, וואָס דער קיניג איז פּשוט פאַרפליכטעט זיי צו באַפרידיקן, ווארים ער נויטיקט זיך אין זייער דינסט.

דער יונגער לאַקריס איז געווען סעקרעטאַר פון דער ראָיאַליסטישער יוגנט אין דעם דעפּאַרטאַמענט, ווו די באַראָנעסע האָט פאַרמאָגט אירע גיטער און די פאַמיליע דע גראַמאַנס — אַן אַ שיעור חובות.

זיי זענען געזעסן ביי אַ קליין טישל אונטער דעם שאָטן פון דיביימער, ביים שיין פון ליכט אין ראָזע אַבאַזשורן, וואָס ארום זיי האָבן אַרומגעפלאַטערט שמעטערלינגען. עאַלע פינף, פאַרזאַמלט ביי איין טיש, זענען געווען באַגייסטערט פון איין איינציקן געדאַנק, וואָס זשאַזעף לאַקריס האָט אויסגעדריקט און פּאָלגנדע רייד:

— מען דאַרף ראַטעווען פראַנקרייך!

דאָס איז געווען אַ צייט פון גראַנדיעזע, פּלענער און גלענצנדע האָפנונגען. אמת איז אַז מ׳האָט פאַרלוירן דעם פּרעזידענט פאָר **) און דעם מיניסטער מעלין; דער ערשטער, שטאַרק אָנגעבלאָזן אין זיין פראַק און שיכלעך, דער צווייטער אין אַ פּויערישן אַנצוג און הויכע שטיוול, געקאָוועט מיט טשוועקעס, — זיי ביידע האָבן צוגעפירט די רעפּובליק און די יוסטיץ ביז צום ראַנד פון אָפּגרונט. אָבער מעלין האָט זיך אָפּגעגעבן אין דימיסיע, און פאָר איז פּלוצלינג געשטאָרבן בעת אַ נאַציאָנאַלער פייערלעכקייט.

אמת איז, אַז די לוידה פון פּרעזידענט האָט גישנ

---

*) דער לוקסעמבורג-פּאַלאַץ איז די געביידע פון פראַנצויזישן סענאַט. (באַמ. פון איבערזעצער).

**) פעליקס פאָר האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון מלוכה פּרעזידענט אין פראַנקרייך פון יאָר 1885 ביז 1899. (באַמ. פון איבערזעצער).

פאַרווירקלעכט די האָפנונגען וואָס מ'האָט אויף איר געלייגט, אמת איז אַז די הערן פון דער „ווייסער נעלקע" און פון דער „קאָרנבלום" האָבן אָנגעטון די פרעזידענטן-קרוין אופן קאָפּ פון לובע, הגם זיי האָבן עס געטון אונטערן דרוק פון די סאָציאַליסטישע פויסטן. אמת איז אויך, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונג מיט אַ געזיכערטער מערהייט.

די רעאַקציע האָט אָבער געהאַט הינטער זיך דעם קלער, דאָס געריכטס-וועזן, די אַרמעע, די לאַנד-אַריסטאָקראַטיע, די אינדוסטריע, דעם האַנדל, אַ טייל פון פּאַרלאַמענט און כמעט די גאַנצע פּרעסע. און דער יונגער לאַקריס האָט זיך גאַנץ ריכטיק אויסגעדריקט, אַז אַפילו דער יוסטיץ-מיניסטער וואָלט געפּועלט ביי זיך דורכצופירן אַ רעוויזיע אין די ראָיאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע קאָמיטעטן און געזוכט ביי זיי קאָמפּראָמיטירנדע דאָקומענטן, וואָלט אין גאַנץ פראַנקרייך זיך נישט געפונען קיין איין פּאָליציי-קאָמיסאַר, וואָס וואָלט זיך אונטערגענומען דאָס דאָזיקע דורכצופירן אין לעבן.

— וואָס איז מיר אַ נפקא-מינה, — האָט ה' דע טער-מאָגדר זיך אָנגערופן, — דער אָרעמער פאָר האָט אונז געטון זייער אַ סך טובות,

— ער האָט ליב געהאַט די אַרמעע, — האָט מאַדאַם דע באָנמאָן אַ זיפץ געטון.

— בלי ספק — האָט ה' דע טערמאָנדר געמיינט. — חוץ דעם האָט ער מיט זיין פאַרשוווּנדערישן שטייגער-לעבן צוגע-וויינט דאָס פאָלק צו דער מאָנאַרכיסטישער אידעע. אויב נאָך אים וועט קומען צו דער מאַכט דער קיניג, וועלן זיינע עקי-פּאַזשן קיינעם מער נישט פאַרוווּנדערן.

מאַדאַם דע באָנמאָן האָט אומבאַדינגט געוואָלט, מ'זאָל זי פאַרזיכערן, אַז דער קיניג וועט אַריינפאָרן קיין פּאַריז אין אַ קאַרעטע, איינגעשפּאַנט אין זעקס ווייסע פערד.

— דעם פּאָריקן זומער, — האָט ה' דע טערמאָנדר ווייטער גערעדט, — האָב איך שפּאַצירט איבער דער לאַפּיעט-גאַס. און אָט האָב איך דערזען אַ לאַנגע שורה קאַרעטעס און דראָשקעס.

פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען אין מיטן גאַס אין קלענערע גרו־פּעס, און די פּוסגייער האָבן געבילדעט אַ שפּאַליער אויפן טראָטואַר.

כ׳האָב אָפּגעשטעלט עפּעס אַ בראַוון מאַן און אים גע־פרעגט, וואָס דאַרף באַדייטן דאָס אַלץ. ער האָט מיר געענטפערט מיט אַן ערנסטער שטים, אַז דער עולם וואַרט שוין אַ גאַנצע שעה אויפן פּרעזידענט, וואָס קערט זיך אום אין עליזייען־שלאָס נאָך אַ באַזוך אין סען־דעני.

איך האב מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט די גאַסן־יונג־לעך, וואָס האָבן געוואַרט מיט גרויס רעספּעקט און די בירגער, וואָס זענען רויק און אויפמערקזאַם געזעסן אין זייערע דראָש־קעס און געוואַרט מיט אַ קליין פּעקעלע אין האַנט.

איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב געקענט קאָנס־טאַטירן, אַז די אַרומיקע פּאַרזאַמלטע האָבן זיך געהאָרכזאַם צוגעפּאַסט צו די מנהגים פון דער מאָנאַרכיע. דער פּאַרי־זער איז באמת ראוי אויפצוגעמען זיין מאָנאַרך.

— פּאַריז איז שוין נישט מער רעפּובליקאַניש, — האָט זשאָ־זעף לאַקריס געזאָגט. — אַלץ איז אויפן בעסטן וועג צו דער מאָנאַרכיע.

— איז דאָך אוודאי גוט, — האָט מאַדאַם דע באָנמאָן צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און אייער פּאָטער האָט אויך די זעלבע האָפנונגען, וואָס איר? — האָט ה׳ דע גראָמאָנס אַ פרעג געטון דעם סעק־רעטאַר פון דער מאָנאַרכיסטישער יוגנט.

די מיינונג פון הער לאַקריס, אַדוואָקאַט פון די קירכלעכע קאָנגרעגאַציעס, האָט מען נישט געקאָנט אַזוי לייכט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. ה׳ לאַקריס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיטן גע־נעראַל־שטאַב און צוגעגרייט דעם פּראָצעס פון רען. ער האָט אויך רעדאַגירט די ד ספּאָזיציעס פון די גענעראַלן און זיי אייגעהז־ט מיט זיי.

ער איז געווען איינער פון די געציילטע נאַציאָנאַליסטישע גדולים. מ׳האָט אים אָבער חושד געווען, אַז ער באַציט זיך מיט

ווייניק צוטרוי צום דערפאָלג פון די מאָנאַרכיסטישע פאַרשווערונגען.

דער אַלטער לאַקריס האָט אַמאָל מיט יאָרן צוריק, געאַרבעט לטובת דעם גראַף דע שאַמבאָר און גראַף פון פאַריז. ער האָט פון זיין דערפאַרוגג געוווסט, אַז די רעפובליק וועט זיך נישט לאָזן שפייען אין דער קאַשע, און זי איז גאָרנישט אַזוי גוטמוטיק-נאַיוו, ווי זי מאַכט דעם איינדרוק. ער האָט אויך נישט שטאַרק געהאַלטן פון סענאַט.

און אַזוי, ווי ער האָט געהאַט אַ גאַנץ שיינע הכנסה פון זיין יוסטיץ-פּראַקטיק האָט ער שלום געמאַכט מיטן געדאַנק צו לעבן אין פראַנקרייך אין אַ מאָנאַרכיסטישן רעזשים אָן אַ קיניג. ער איז קנאַפּ וואָס נתפעל געוואָרן פון זיין זונס האַפנונגען, ער האָט אָבער געהאַט אויף אַזוי פיל שכל, כדי נישט אָפּצוקילן די התלהבות פון דער ענטוזיאַסטישער יוגנט.

— מיין פאָטער, — האָט זשאָזעף לאַקריס געענטפערט, — אַרבעט אויף זיין אייגענער אחריות. איך ווידער טו מיר דאָס מייניקע. מירביידע שטרעבן אָבער צו איין און דעם זעלבן ציל.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו דער מאַדאַם דע באָנמאָן און צוגעגעבן מיט אַ נידעריקער שטים:

— מיר וועלן מאַכן די איבערקערעניש בעתן פּראָצעס פון רען.

— הלואי זאָל אייך גאָט בייִשטיין! — האָט ה׳ דע גראַמאָנס אויסגערופן מיט אַן אויפריכטיקן יראת-שמימדיקן זיפץ. — עס איז שוין די העכסטע צייט צו ראַטעווען דאָס פראַנצויזישע פאָטערלאַנד.

ס׳איז געוואָרן שטאַרק הייס. שווייגנדיק האָט מען געגעסן די פאָרציעס אייז-קרעם. דערנאָך איז דער געשפּרעך אויפסניי אויפגענומען געוואָרן, ער האָט זיך אָבער מער געדרייט אַרום פריוואַטע און גלייכגילטיקע ענינים. מאַדאַם דע באָנמאָן און מאַדאַם דע גראָמאָנס האָבן געשמועסט וועגן דער טואַלעטע.

— משמעות, דעם היי־יאָריקן ווינטער וועלן זיין מאָדערן גאַנץ ברייטע קליידער, — האָט זיך אָנגערופן מאַדאַם גראַמאַנס און מיט צופרידנקייט זיך פאַרגעשטעלט ווי די בּאַראָנעסע מיט איר דיקלעכער פיגור וואָלט אויסגעזעען אין אַ ברייט קלייד.

— טרעפט אדרבא, ווו איך בין היינט געווען, — האָט ה׳ דע גראַמאַנס געזאָגט. — כ׳בין געווען אין סענאַט, ס׳איז היינט נישט געווען קיין זיצונג. לאַפּראַ טעלע האט מיר געוויזן דעם גאַנצן פּאַלאַץ. כ׳האָב אַלץ געזעען, די זיצונגס־זאַלן, די ביוסטן־גאַלעריע, די ביבליאָטעק. זייער אַ שיינע געביידע.

ער האָט אָבער נישט פאַרציילט, אַז ער האָט באַטאַפּט די סאַמעטענע פאָטעלן, ווו עס וועלן זיצן די קיניגליכע פערן נאָך דער מאָנאַרכיסטישער איבערקערעניש. ער האָט אויסגעקליבן אַ פּלאַץ אין צענטרום. פאַרן אַרויסגיין פון סענאַט האָט ער אָפּרעגט דעם הער לאַפּראַ טעלע, ווו ס׳געפינט זיך די קאַסע.

דער באַזוך אין קינגפּטיקן פערן־פּאַלאַץ האָט נאָך מער צעדרייצט זיין פאַנטאַזיע. און ער האָט פון גאַנצן הארצן געמורמלט:

— מיר מוזן ראַטעווען פראַנקרייך, הער לאַקריס, מיר מוזן ראַטעווען אונזער פאָטערלאַנד: ס׳איז שוין די העכסטע צייט.

לאַקריס איז געווען גרייט צו נעמען אויף זיך די גאַנצע משא פון דער אַ בעט. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע אמונה אין דער צוקונפט און זייער דיסקרעט געהאַנדלט. מ׳קאָן אים גלויבן, אַלץ איז גרייט. מ׳וועט נאַטירלעך זיין געצווונגען אָפּצורוימען פון וועג דעם פּרעפעקט וואָרמס קלאַוועלען און נאָך אַ דריי אַנדערע דרייפוס־אָנהענגער פון דע אַרטאַמעגט.

און ער האָט צוגעגעבן, איינשלינגענדיק אַ שטיק איינקרעם:

— דאָס אַלץ וועט גיין פון זיך אַליין.

דער באַראָן וואַלשטיין האָט אנגעהויבן צו רעדן. ער האָט גערעדט אַ לענגערע צייט און געגעבן אָנצוגעהערן, אז ע׳ אָרייענ־טירט זיך זייער גוט אין אַלע ענינים. ער האָט געגעבן צוות און דערציילט ווינער לוסטיקע מעשהלעך, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע פריילעכקייט.

צום סוף האָט ער צוגעגעבן:

— אַלץ גייט כשורה, — האָט ער געזאָגט מיט אַ דייטשן אַקצענט — אַלץ גייט כשורה. מ׳מוז אָבער מודה זיין, אז בעת פאָרס לויה, האָט איר דורכגעלאָזט אַ גלענצנדע געלעגנהייט פאַר אייער פאַרשווערונג. אויב איך זאָג עס אייך, איז עס דערפאַר, וואָס איך בין אויסן אייער טובה. אַ פריינד דאַרף מען זאָגן דעם אמת. מאַכט אָבער נישט קיין צווייטן פעלער, וואָרים אַז נישט פאַרלירט איר אייער גאַנצן פּרעסטיזש.

ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין זייגער, און אַזוי ווי ס׳איז שוין געווען די העכסטע צייט זיך צו באַווייזן אין דער אָפּערע נאָך פאַ״ן סוף פון דער פאָרשטעלונג, האָט ער פאַררוי־כערט אַ ציגאַר און זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

זשאָזעף לאַקריס איז געווען דיסקרעט, ווייל אַזוי האָט גע־פאָדערט זיין ראָל אַלס פאַרשווערער. ער האָט אָבער ליב געהאַט צו באַווייזן פאַר אנדערע זיין קראַפט און איינפלוס. ער האָט אַרויסגעצויגן פון דער קעשענע זיין בלויען לעדערנעם פּאָרט־פעל, וואָס ער פלעגט טראָגן אויף דער ברוסט, ביים האַרץ; ער האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ בריוו און מיט אַ שמייכל אים דערלאַנגט דער מאדאַם דע באָנמאָן.

— מ׳קאָן מאַכן אַ רעוויזיע ביי מיר אין ווינונג. איך טראָג אַלץ ביי זיך.

מאַדאַם דע באָנמאָן האָט גענומען דעם בריוו, שטילערהייט איבערגעלייענט אין איז אַזש פאַרוויטלט געוואָרן פון גרויס געריכטקייט און רעספּעקט. דערנאָך האָט זי אים מיט אַן עטוואָס ציטערנדיקער האַנט צוריק איבערגעגעבן דעם יונגן לאַקריס.

און אַז דער חשיבותדיקער בריוו, פאַרשלאָסן אינם בלויען לעדערנעם פּאָרטפּעל, האָט ווידער פאַרנומען זיין פּלאַץ אויף דער ברוסט פון סעקרעטאַר פון דער ראָיאַליסטישער יוגנט, האָט די באַראָנעסע געוואָרפן אויף זיין ברוסט אַ באַגייסטערטן בליק, וואָס איז געווען פייכט פון טרערן. דער יונגער לאַקריס איז מיט-אַמאָל אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן, ווי אַ העלד, באַשטראַלט פון העראָישער שיינקייט.

די פייכטקייט און די פרישקייט פון דער נאכט האָט דורכ-גענומען מיט אַ לייכטער קעלט די געסט, וואָס זענען געווען פאַר-זאַמלט ביים רעסטאָראַן-טישל. די ראָזע לעמפּלעך, וואָס האָבן גע-וואָרפן אַ צאַרטן אָפּשיין אויף די בלומען און גלעזער האָבן זיך איינס נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן אויסצולעשן אויף די ליידי-קע טישלעך.

אויף דער ביטע פון מאַדאַם דע גראַמאָנס און דער באַ-ראָנעסע האָט זשאָזעף לאַקריס אַ צווייט מאָל ארויסגעצויגן פון בוזעם-טאַש דעם קיניגליכן בריוו און אים איבערגעלייענט מיט אַ פאַרשטיקטער אָבער דייטלעכער שטים:

„מיין טייערער זשאָזעף

„כ'בין אויסערגעוויינלעך גליקלעך פון דער פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג, וואָס האָט באַהערשט אונזערע פריינד אַ דאַנק אייער השפּעה. איך האָב גערעדט מיט פּ. ד. און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט פיל סימפּאַטיע פאַר אונזער באַוועגונג.

פון גאַנצן הארצן אייער

פיליפּ".

נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו האָט אים זשאָזעף לאַקריס צוריק אריינגעלייגט אין זיין בלויען לעדערנעם פּאָרטפּעל און באַהאַלטן אויף דער ברוסט, אונטער דער ווייסער זעלקע, וואָס ער האָט געטראָגן אין לאַץ.

ה׳ דע גראַמאַנס האָט ארויסגעשעפטשעט אַ פּאָר אנערקע-נונגס-ווערטער.

— אויסגעצייכנט! אַזוי רעדט אַ מאַן, וואָס איז געבוירן גע-וואָרן צו זיין אַ הערשער.

— איך האָב אויך דאָסזעלבע געפיל, — האָט זשאָזעף לאַקריס געזאָגט. — ס׳איז ממש אַ פאַרגעניגן צו פאָלגן די באַפעלן פון אַזאַ הערשער.

— און אויסגעדריקט אין אַזאַ קורצער, יאָדערדיקע פאָרם — האָט ה׳ דע גראַמאַנס ווייטער גערעדט. — משמעות, דער פירשט פון אָרלעאַן האָט איבערגענומען פון גראַף דע שאמבאָר דעם סוד פון זיין סטיל... איר ווייסט דאָך מסתמא, מייַנע דאַמען, אַז גראַף דע שאַמבאָר האָט געשריבן די שענסטע בריוו אין דער וועלט. ער האָט געהאַט אַ גוטע פעדער. איינס איז אמת: ער האָט זיך הויפּטזעכלעך אויסגעצייכנט אין דער קאָ-רעספּאָדענץ.

אין דעם בריוו, וואָס ה׳ לאַקריס האָט אונז נאָר וואָס איבערגעלייענט, איז פאַראַן עטוואָס פון זיין גרויסאַרטיקן סטיל. דער פירשט פון אָרלעאַן האָט אָבער מער שוווּנג, מער יוגנט-לעכן פייער... אַ הערלעכע געשטאַלט דער דאָזיקער יונגער פרינץ! אַ ריטערלעכע און דורכאויס פראַנצויזישע געשטאַלט! ער האָט דערפאָלג, ער איז פאַרפּירעריש. מ׳האָט מיך פאַרזיכערט, אַז אין די פאָרשטעט איז ער געווען שטאַרק פּאָפּולער אונטערן צונאָמען „גאַמעל״.

— ער באַקומט וואָס אַמאָל מער אָנהענגער צווישן די פאָלקס-מאַסן. — האָט לאַקריס געזאָגט, — די קראַוואַט-נאָדלען מיטן בילד פון קיניג, וואָס מיר פאַרטיילן אָן אַ שעור, הייבן אָן ביס-לעכווייז אַריינצודרינגען אין די פאַבריקן און ווארשטאַטן. דאָס פאָלק האָט אַ סך מער פאַרשטאַנד ווי מ׳שטעלט זיך עס פאָר אין אַלגעמיין. מיר מוזן פאַהאַלטן אַ נצחון.

ה׳ דע גראַמאַנס האָט געענטפערט מיט אַן גינציקן און חשיבותדיקן טאָן.

— ביי אייער התלהבות, באַדזיכטיקייט און מסירת-נפש, הער

לאַקריס, קאָן מען האָבן די בעסטע האָפנונגען. און איך בין זיכער אַז כּדי אָפּצוהאַלטן אַ נצחון וועט איר לחלוטין נישט זיין געצווּנגען צו אַ סך קרבנות. אייערע קעגנער וועלן מחנות־ווייז איבערגיין אויף אייער זייט.

הגם ער איז געשטאַנען אין דינסט פון דער רעפּובליק האָט עס אים פונדעסטוועגן נישט געשטערט אויסצודריקן דעם ווונטש וועגן צוריקקער פון מאָנאַרכיסטישן רעזשים; ער האָט אָבער נישט געקאָנט אָפנהאַרציק מסכּים זיין מיט די געוואַלט־זאַמע פּלענער, וואָס דער יונגער לאַקריס האָט אַנטוואָרפן ביים דעסער.

די גראַמאַנס, וואָס פלעגט באַזוכן די בעלער אין דער פּרעפעקטור און מאַכן חנדלען צו דער מאַדאַם וואָרמס־קלאַווע־לען, האָט דערפאַר דיסקרעט געשוויגן, בעת דער יונגער סעק־רעטאַר פון ראָיאַליסטישן קאָמיטעט האָט אויסגעדריקט די נויט־ווענדיקייט אָפּצורוימען פון וועג דעם פּרעפעקט וואַרמס־קלאַווע־לען. קיינער וואָלט אים אָבער נישט געקאָנט פאַרווערן צו ליבן דעם בריוו פון פּרינץ, און אין איצטיקן מאָמענט איז ער געווען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות לטובת זיין פאָטערלאַנד.

דער טערמאַנדר איז געווען נישט קיין קלענערער פּאַטריאָט און דער בריוו פון פּרינץ האָט אויך שטאַרק ביי אים אויסגע־נומען. ער איז אָבער גלייכצייטיק געווען אַ ליידנשאַפטלעכער אויטאָגראַפן־זאַמלער און ער האָט קודם כּל געטראַכט ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען דעם בריוו פון יונגן לאַקריס: צי אויפן וועג פון אַ טויש, אָדער גאָר באָרגן אים אויף אַ געוויסע צייט, אָדער אפשר באַקומען דעם בריוו אַלס מתּנה.

מיט דער הילף פון פאַרשידענע מיטלען האָט ער זיך פאַרשאַפן אַ גרויסע צאָל בריוו פון אַ סך פּערזאָנען, וואָס זע־נען געווען פאַרמישט אינם דרייפוס־פּראָצעס, און אין רעזול־טאַט באַקומען זייער אַן אינטערעסאַנטע זאַמלונג.

איצט איז אים איינגעפאַלן צונויפקליבן אַלץ, וואָס האָט נעהאַט אַ שייכות מיט דער מאָנאַרכיסטישער פאַרשווערונג. און אין דער דאָזיקער זאַמלונג וואָלט דער בריוו פון פּרינץ פאַר־

בומען דאָס פּכבודיקסטע אָרט. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס וועט אים זייער שווער אָנקומען און דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים אויסשליסלעך באַשעפטיקט.

— באַזוכט מיך, כ׳בעט אייך, טייערער הער לאַקריס, אין מיין וווינונג, אין נעי, — האָט ער געזאָגט; — איך וועל נאָך דאָרט פאַרבלייבן אַ פּאָר טעג. איך וועל אייך ווייזן גאָר אינטערעסאַנטע זאַכן און מיר וועלן אויך שמועסן בפּרטות וועגן דאָזיקן בריוו.

מאַדאַם דע גראַמאַנס האָט מיט גרויס ימפּערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צום אינהאַלט פון קיניגלעכן בריוו; זי האָט געהערט צו דער העכערער געזעלשאַפט און זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט ווי מ׳דאַרף זיך פאַרהאַלטן לגבי היכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן: זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ ביי די רייד פון פּרינץ פּונקט ווי זי וואָלט זיך טיף פאַרנייגט פאַרן קיניגלעכן בריוו, ווען זי וואָלט געהאַט דעם כּבוד אים צו האַלטן אין דער האַנט.

איר האָט אָבער געפעלט התלהבות און זי האָט לחלוטין נישט געהאַט דאָס געפיל פון יראת־הכּבוד. חוץ דעם האָט זי גאַנץ געניו געוווּסט, וואָס עס איז אַזעלכעס אַ פּרינץ. זי האָט געהאַט זיינער צייט די געלעגנהייט פון גאַנץ נאָענט זיך צוצוקוקן צו אַ קרוב פון פירשט.

דאָס איז פאָרגעקומען אַנומלט נאָכמיטאָג, אין אַ דיסקרעטער וווינונג אויף די עליזייען־פעלדער. מ׳האָט זיך אַלץ געזאָגט, וואָס מ׳האָט זיך געהאַט צו זאָגן, זיין עמינענץ האָט זיך אַנשטענדיק פאַרהאַלטן, אָבער אָן יענער חשיבות, וואָס פּאַסט זיך אַזוי צו זיין פּערזאָן. זי האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך געוווּסט ווי אָפּצושאַצן דעם כּבוד, זי האָט אָבער נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער דאָזיקער כּבוד איז געווען אויסערגעוויינלעך.

זי האָט זיך באַצויגן מיט רעספּעקט צו פּרינצן, ביי אַ געלעגנהייט פלעגט זי זיי אויך ליב האָבן; זי האָט אָבער נישט געחלומט וועגן זיי. און דער קיניגלעכער בריוו האָט זי אַבסאָלוט נישט גערירט

וואָס שייך ווידער דעם יונגן לאַקריס האָט זי געפילט צו אים אַ געוויסע, סימפּאַטיע, וואָס האָט אָבער גאָרנישט געהאַט צו טון מיט שטורעמדיקער הייסער באַגייסטערונג. זי האָט פאַרשטאַנען און געוווסט, ווי אָפּצושאַצן דעם דאָזיקן בלאָנדן יונגנמאַן מיטן עטוואָס געשטופּלטן פּנים, וואָס איז נישט געווען גאָר רייך און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו גיין פאָראויס און ווערן איינפלוסרייך.

פון איר אייגענער דערפאַרונג האָט זי אויך געוווסט, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי לייכט צו פירן אַ לעבן אויפן ברייטן שטייגער, בעת מ'האָט נישט אַ סך געלט. ביידע האָבן געאַרבעט אין דער העכערער געזעלשאַפט. דאָס איז שוין געווען א גענוגנדער מאָטיוו צו האַלטן זיך צוזאמען און סאָלידאַריש. ביי אַ געלעגנהייט האָט איינער דעם אַנדערן געקאָנט קומען צו הילף, אָבער נישט מער!

— איך גראַטוליר אייך, טייערער הער לאַקריס, — האָט זי זיך אָנגערופן, — איך ווונש אייך דערפאָלג פון גאַנצן האַרצן.

דערפאַר אָבער זענען די געפילן פון דער באַראָנעסע זשילייעט געווען אָן אַ שיעור ריטערלעכער און צערטלעכער. די זיסע ווינטערין האָט זיך פון גאַנצן האַרצן אינטערעסירט מיט דער דאָזיקער עלעגאַנטער פאַרשווערונג, וואָס איר סימבאָל איז געווען די ווייסע נעלקע, בפרט ווען זי איז געווען אַ באַגייסטערטע ליבהאָבערין פון בלומען!

נעמען אָנטייל אין אַ קאָנספּיראַטיווער פאַרשווערונג פון סאַמע דזשענטלמענער, און דאָס נאָך לטובת דעם קיניג, דאָס איז פאַר איר געווען דאָס זעלבע, וואָס באַקומען אַן אָפענעם צוטריט צום אַלטן פראַנצויזישן אַדל, אַריינצודרינגען אין די גאָר הויכע אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען און אפשר אויך פאָרגעשטעלט ווערן אין קיניגלעכן הויף.

זי איז געווען טיף גערירט, באַגייסטערט און צעטומלט. איר עמפּפינדלעכקייט איז געווען שטאַרקער פון איר אַמביציע, און איר גערירטע נשמה האָט איז קיניגלעכן בריוו קודם כל אַנט-

דעק אַ בעוויסע פּאָעזיע, וואָס האָט געפונען אַן אויסדרוק אין אירע אויפריכטיקע רייד, און די אומשולדיקע פרוי האָט אויסגעדריקט דאָס, וואָס זי האָט געטראַכט:

— הער לאַקריס, דער דאָזיקער בריוו איז לויטער פּאָעזיע.

— דאָס איז אמת. — האָט ה' לאַקריס געענטפערט

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אַ לאַנגע ווײַלע.

און אַ לאַנגע צייט האָט ביים קליינעם רעסטאָראַן-טישל, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט בלומען, געהערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט.

ס'איז געוואָרן שפּעט און מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען. זשאָזעף לאַקריס האָט אויסגעשפּרייט דעם מאַנטל איבער די פּראַכטפולע פּלייצעס פון מאַדאַם דע באָנמאָן. די לעצטע האָט דערלאַנגט די האַנט דעם ה' דע טערמאָנדר, וואָס האָט זיך געזעגנט מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט, ער איז געגאַנגען צו פוס קיין נעי, ווו ער האָט געהאַט זיין וווינונג.

— ס'איז זייער באָנט פון דאַנען,—האָט ער ביים געזעגענען געזאָגט, — אינגאַנצן פינף הונדערט טריט ווייט, כ'בין זיכער, מאַדאַם, אַז איר קענט נאָך ניעט נעי. איך האָב אַנטדעקט אין סען-זשעמס אַן איבערבלייבעניש פון אַן אַלטן פּאַרק מיט אַ סטאַטוע פון לעמוען, פאַרשטעקט ערגעץ אין אַן אַלטאַנע. איך וואָלט זי אייך גערן געוואָלט ווייזן.

ער איז אַוועק, און אַ ווייל האָט מען אין דער טונקעלער אַלעע געזען זיין לאַנגע קרעפטיקע געשטאַלט, וואָס האָט זיך געבאָדן אינם בלויען שיין פון דער לבנה.

די באַראָנעסע דע באָנמאָן האָט פאַרגעלייגט דעם פּאַרפאָלק דע גראַמאַנס אָפּצופירן זיי אהיים אין דער קלוב-קאַרעטע, וואָס איר ברודער, דער באַראָן וואַלשטיין האָט געשיקט נאָך איר.

— זעצט אייך איין, ס'וועט זיין אָרט פאַר אַלע דריי.

די מאַן און ווייב דע גראַמאַנס האָבן אָבער געוואָלט זיין דיסקרעט. זיי האָבן צוגערופן אַ פיאַקר, וואָס איז געשטאַנען ניט

ווייס פון רעסטאָראַן, און זיי זענען אַזוי שנעל נעלם געוואָרן, אַז די באַראָנעסע האָט זיי צומאָל נישט געקענט פאַרהאַלטן, זי איז פאַרבליבן איינע אַליין מיט זשאָזעף לאַקריס, פאַר דער אָפענער טיר פון איר קאַרעטע.

— זאָל איך אייך אָפפירן אַהיים, — האָט לאַקריס?

— כ'האָב מורא אייך צו באַלעסטיקן.

— בשום אופן נישט, ווו זאָל איך אייך אָפפירן?

— אויף די עטואַל.

זיי זענען געפאָרן דורך דער ווייגנדיקער נאַכט, איבערן בלויען וועג, אַרומגערינגלט פון ביידע זייטן מיט שוואַרצע ביימער...

די קאַרעטע האָט זיך אָפגעשטעלט. און די באַראָנעסע האָט געפרעגט מיט אַ שטים, ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף:

— ווו זענען מיר?

— אויף עטואַל, ליידער! — האָט זשאָזעף לאַקריס געענטפערט.

ער איז אויסגעשטיגן, און די באַראָנעסע איז איינע אַליין אין איר קאַלטער קאַרעטע געפאָרן איבער דער מאַרסאָ-אַוועניו, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, די ליפּן לייכט-צעעפנט, מיט אַ צע-קוועטשטער ווייסער נעלקע צווישן די פינגער. אַ זיסער ציטער האָט זי דורכגענומען ביי דער דערינערונג וועגן דער פלאַמענ-דיקער און גליענדיקער אומאַרמונג, וואָס האָט דערנענטערט דעם קיניגלעכן ברייוו צו איר ברוסט, און צוזאַמען מיט דער תאווה-דיקער ליבע געוועקט אין האַרצן אַ שטאָלץ געפיל צוליבן דאָזיקן כבוד.

זי האָט געפילט, אַז דער דאָזיקער ברייוו האָט איינגעהילט אירע אינטימע איבערלעבנישן און פּאַסירונגען אין נאַציאָנאַלער גרויסקייט און היסטאָרישער מאַיעסטעטישקייט.

XI

דאָס איז פאָרגעקומען אויף די דע-בעררי, אין אַ קליינער ווינונג אויפן פּאַרטער, טיף אין הויף. אַן אומעטיקער פאַס ליכט האָט זיך מיט גרויס מי געגליטשט איבער די טונקעלע שטיינער. אַנרי דע ברעסע, אַ זון פון פירשט זשאַן, פאָרזיצנדער פון אויס-פיר-קאָמיטעט, איז געזעסן ביים שרייבטיש פאַר אַ בויגן ווייס פּאַפּיר און אָנגעוואָרפן מיט דער פעדער גרויסע טיגט-פלעקן, פון וועלכע ער האָט געמאכט פאַרשידענע משונהדיקע פיגורן.

אויף דער וואנט הינטער אים איז געהאָנגען אַ גרויס בילד פון פּרינץ פון אָרלעאַן. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַ וויל-ערע חשיבות און גראָבע גוטמוטיקייט. די ראַמען פון בילד זע-ען געווען דעקאָרירט מיט דרייפאַרביקע פענער, באַצירט מיט בלומען. די ווינקלען פון צימער זענען געווען באַפּוצט מיט פענער, וואס אויף זיי האָבן די דאַמען פון ברעטאָן און וואנדעע אויסגעהאָפטן גאָלדענע ליליעס און מאָנאַרכיסטישע לאָזונגען.

אויף דער מיטלסטער וואַנט זענען געהאָנגען קאַוואַלעריע-שווערדן, אַרומגעצוימען מיט אַ טאָוולנעם באַנדעראָל, וואָס האָט געטראָגן די אויפשריפט: „זאָל לעבן די אַרמעע!” אין הינטער-גרונט איז געהאנגען אַ קאַריקאַטור פון זשאזעף ריינאַך אַלס גאָ-ריל, באַדעקט מיט אַן אַ שיעור שפּילקעס.

חוץ דעם זענען אין צימער געשטאַנען א פייער-קאַסע, א סאָפע, א רעגיסטער, פיר שטולן, א טיש פון שוואַרץ האָלץ — און דאָס אַלץ האָט געטראָגן אויף זיך אַן אינטימען און גלייכ-צייטיק א ביורא-מעס׳קן חותם; לעננאויס די ווענט זענען גע-לעגן אנגעוואָרפן גאַנצע שטויסן פּראָפּאַגאַנדע-בראָשורן.

זשאָזעף לאַקריס, סעקרעטאַר פון דעפּארטאַמענטאַלן קאָמי-טעט פון דער ראַיאַל סטישער יוגנט, איז געשטאַנען ביים קאַ-מין און שווייגנדיק דורכגעקוקט די מיטגלידער - רשימה. אַנרי לעאָן, וויצעפּרעזידענט פון ראַיאַליסטישן קאָמיטעט אין די דרום-מערב-פּראָווינצן איז געזעסן צעשפּרייט אויף אַ שטול, און מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק און געררונצלטן שטערן אנטוויקלט זיי-נע אידעען.

מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מענטש מיט א סך חוצפה, וואָס האָט אַלץ געזען אין שוואַרצע פאַרבן. מ׳האָט אים אָבער געשעצט פאַר זיינע פינאַנסיעלע פעיקייטן, וואָס ער האָט באַקו-מען בירושה. ער איז געווען א זון פון לעאָן-לעאָן, באַנקיר פון די שפּאַנישע בורבאָנען, וואָס איז רוינירט געוואָרן צוליבן קראַך פון דער „יוניאָן זשענעראַל"

— ס׳וועט וואָס אַמאָל ערגער — האָט ער געזאָגט — איר קענט זאָגן, וואָס איר ווילט — ס׳וועט וואָס אַמאָל ערגער. איך פיל עס. פון טאָג צו טאָג ווערט דער קרייז ענגער ארום אונז. בעת דער רעגירונג פון מעלין האָבן מיר כאָטש געקענט פריי אָטעמען, מיר האָבן געהאַט אַ ברייטן טעטיקייטס-געביט. מיר האָבן געטון, וואָס אונז האָט זיך נאָר געגלוסט, מיר זענען געווען פריי אין אונזערע באַוועגונגען.

ער האָט צעשפּרייט זיינע הענט, כדי בולט צו באַווייזן ווי לייכט מ׳האָט זיך געקאָנט באַוועגן אין יענע גליקלעכע צייטן, וואָס וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן. און ער האָט ווייטער גערעדט:

— בעת מעלינס הערשאַפט האָבן מיר געהאַט אַלץ, וואָס מיר האָבן געוואָלט, טמיר, מאָנאַרכיסטן דהאָבן רעגירט, מיר האָבן

געהאט הינטער אונז די ארמעע, דאס געריכטס-וועזן, די אדמי-ניסטראציע, די פּאָליציי.

— דאָס אַלץ האָבן מיר נאָך היינס, — האָט אַנרי דע ברע-סע געזאָגט. — און די עפנטלעכע מיינונג האָט נאָך קיינמאָל נישט ארויסגעוויזן פאר אונז אַזוי פיל סימפּאַטיע ווי די לעצ-טע צייטן, זינט די רעגירונג האָט פארלוירן איר גאַנצע פּאָפּו-לאַריטעט.

— דאָס איז שוין נישט דאָס זעלבע. בעת מעלינס רע-גירונג האָבן מיר געהערשט אָפיציעל. מיר זענען געווען אַ רע-גירונגס-פּאַרטיי און דערצו קאָנסערוואטיוו, דאָס איז געווען אן אויסגעצייכנטע לאַגע פאַר קאָנספּיראַציע. מאכט אייך נישט מער קיין אילוזיעס: דער פראנצויז גענומען אַלס מאסע איז דורכ-אויס קאָנסערוואטיוו. ער האָט ליב זיך צו וואַרעמען ביים אויוון, ער ציטערט פשוט פאַר יעטוועדער איבערקערעניש.

מעלין האָט אונז געטון אַ גרויסע טובה, וואָרים בעת זיין הערשאפט האָט מען אונז געהאלטן פאַר מענטשן, וואָס פאַרדי-נען צוטרוי און זענען פונקט אזוי אומשעדלעך, ווי ער אליין. ער פלעגט זאָגן, אַז מיר זענען די אמתע רעפּובליקאַנער, און דאָס פאָלק האָט אים געגלויבט. בעת מ׳האָט דערביי געקוקט אויף זיין פּנים, האָט מען אים בשום אופן נישט געקאָנט חושד זיין, אַז ער מאכט שפּאַס. אַ דאַנק אים האָט אונז די עפנט-לעכע מיינונג אַקצעפּטירט. דאָס איז גאָרנישט קיין קליינע טובה!

— מעלין איז געווען אַן אָרנטלעכער מאַן! — האָט אַנ-רי דע ברעסע אַ זיפץ געטון. — דאָס מוז מען מודה זיין.

— ער איז געווען אַ פּאַטריאָט! — האָט זשאָזעף לאַקריס אויסגערופן.

— ווי לאַנג ער איז געווען ביים רודער, — האָט אנרי לעאָן ווייטער גערעדט, — האָבן מיר געהאט אלץ, מיר זענען גע-ווען אַלץ און מיר זענען אַלץ געווען בכוח צו טון. מיר האָבן-אפילו נישט באַדאַרפט זיך צו באהאלטן מיט אונזערע אַנשויאונ

גען. מיר זענען נישט געווען מחוץ פון דער רעפובליק: מיר זענען געווען איבער איר.

מיר האָבן זי באהערשט פון דער הויך פון אונזער פאטריאָטיזם, מיר זענען געווען דאָס פאָטערלאַנד, מיר זענען געוועזן פראַנקרייך! איך האָב ווייניק סענטימענטן פאר דער רעפובליק. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז זי האָט טיילמאָל א גוט, ווייך האַרץ.

בעת דער הערשאַפט פון מעלין האָט אונז די פאָליציי אויסערגעוויינלעך העפלעך באהאנדלט. איך בין נישט מגזם, זי איז געווען אויסערגעוויינלעך העפלעך, אויף אַ ראָיאַליסטישער דעמאָנסטראציע, וואָס איר ברעסע האָט אויף אזא ליבנסווירדיקן אופן אָרגאַניזירט, פלעג איך אָן אויפהער רופן: „זאָל לעבן די פאָליציי!" אַז ס'איז מיר אזש טרוקן געוואָרן אין האלדז. איך האָב עס באמת געמיינט פון גאנצן הארצן. די פאָליציאַנטן האָבן טאַקע גאָר פיין אויפגענומען די רעפובליקאנער.

זשערע־ריקאר איז ארעסטירט געוואָרן, ווייל ער האָט אויסגערופן: „זאָל לעבן די רעפובליק!" מעלין האָט געוווסט ווי אונז דאָס לעבן זיס צו מאכן. ווי אַן אַם האָט ער אונז איינגעוויגט און איינגעשלעפערט. דער גענעראַל דעקיר האָט דאָך צו אים געזאָגט:

— צו וואָס זאָלן מיר אומוואַרפן די בויד און זיין אויסגעשטעלט אויף א מעגלעכע מפלה, בעת מיר האָבן אלץ וואָס מיר ווילן.

אָ, גליקלעכע צייטן! מעלין האָט געפירט דעם אויבנאָן אין טאַנץ. און ביים קלאַנג פון זיין דאָרפישער פידל האָבן מיר אַלע געטאַנצט — נאַציאָנאַליסטן, מאָנארכיסטן, אַנטיסעמיטן און באָנאַפּאַרטיסטן.

אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי פאָלקסטימלעך, און מ'האָט זיך געפילט גליקלעך! בעת דער הערשאַפט פון דיופּי בין איך שוין נישט געווען אַזוי צופרידן; מ'האָט שוין מיט אים נישט געקאָנט רעדן אַזוי אָפנהאַרציק. מ'האט זיך שוין נישט געפילט אַזוי זיכער.

אמת איז, אַז ער האָט לחלוטין נישט געהאַט בדעה אינו צו שאַדן. ער איז אָבער נישט געווען קיין אמתער פריינד. דאָס איז שוין נישט געווען מער יענער לוסטיקער דאָרפס־ליך, וואָס האָט געפירט דעם אויבן־אָן אינם חופה־טאַנץ. דאָס איז געווען אַ מגושמדיקער קוטשער, וואָס האָט אונז געפירט איבער קרומע, געפערלעכע וועגן.

מ׳האָט כסדר זיך געמוזט האַלטן פעסט אויף די פיס און יעדן אויגנבליק האָט אונז געדראָט אַ געפאַר זיך אויסצוגליטשן. ער האָט געהאַט אַ האַרטע האַנט. איר וועט אפשר זאָגן, אַז ער איז געווען אַ פאַלשער שלימזל. אָבער די פאַלשע שלימזל־דיקייט איז פולשטענדיק ענלעך צו דער אויפריכטיקער אומגע־שיקטקייט. חוץ דעם האָט ער אַליין נישט געוווסט, וווהין ער דאַרף אייגנטלעך גיין.

עס זענען פאַראַן קוטשערס, וואָס ווייסן גישט, וווהין זיי פאָרן, גאַנצע שעהן קענען זיי זיך אַרומשלעפן איבער די גאַסן און דערביי מאַכן זיי אַזעלכע מאָדנע העוויות און פינטלען אָן אויפהער מיט די אויגן. דאָס ווירקט צו שטאַרק אויף די נערוון!

— איך פאַרטיידיק נישט דיופין, — האָט אַנרי דע ברעסע געזאָגט.

— איך פאַל נישט אָן אויף אים, איך קוק מיך בלויז צו אים צו, איך שטודיר אים. איך האָב אים לחלוטין נישט פיינד. ער האָט אונז אויך געטון אַ גרויסע טובה. מיר טאָרן דאָס נישט פאַרגעסן. ווען נישט ער וואָלטן מיר שוין לאַנג געזעסן אונטערן שלאָס. געוויס, מיינע קליינע שעפסעלעך ווען נישט ער, וואָלטן מיר בעת דער קבורה פון פרעזידענט פאָר, ווען אונזער פאַרשווערונג איז אַזוי מיאוס דורכגעפאַלן גאָרנישט אַזוי לייכט אָפּגעשניטן.

— נישט אונז האָט ער דעמאָלט געמיינט. — האָט זשאַ־זעף לאַקריס זיך אָנגערופן, די נאָז פאַרטיפט אין זיינע רעגיסטערס.

— כ׳ווייס עס גאַנץ גוט. ער האָט באַלד איינגעזען, אַז

מ׳קאָן דאָ גאָרנישט מאַכן, אַז אינם ענין זײַנען אויך פֿאַרמישט געװעזן, און די אויספֿאָרשונג װאָלט אים צו װײַט פֿאַרפֿירט. פֿונדעסטװעגן האָבן מיר אים זייער פֿיל צו פֿאַרדאַנקען.

— באַ! האָט ה׳ דע ברעסע געזאָגט, — מיר װאָלטן סײַ װי פֿרײַגעשפּראָכן געװאָרן. װי דערװײַל למשל.

— דאָס איז מעגלעך, אָבער נאָך דער מפּלה בײַ דער לויה, האָט ער אונז געלאָזט פֿרײַ לויפֿן, און דערפֿאַר בין איך אים זייער דאַנקבאַר. פֿון דער אַנדערער זײַט װידער האָט ער אפֿשר אָן אַ שום בייזער כּװנה, געטון אונז זייער פֿיל שלעכטס.

מיטאַמאָל, אין אַ מאָמענט, װען מ׳האָט זיך צום װײַניקסטנס דערװײַל געריכט, האָט דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער פֿאַרשװײַן געמאַכט דעם אָנשטעל, װי ער װאָלט שטאַרק אין כּעס געװען אויף אונז. ער האָט געװאָלט אָנגיין פֿאַר אַ פֿאַרטיידיקער פֿון דער רעפּובליק. איך װײס גאַנץ גוט, אַז דאָס האָט געפֿאָדערט זײַן שטעלונג אַלס שעף פֿון דער רעגירונג, ער האָט עס נישט געמיינט ערנסט. דאָס פֿלעגט אָבער מאַכן אַ שלעכטן אײַנדרוק.

איך מוז נאָכאַמאָל אונטערשטרײַכן: פֿראַנקרײַך איז קאָנסערװאַטיװ. דיופּי האָט אונז אָבער נישט געהאַלטן פֿאַר רעפּובליקאַנער און קאָנסערװאַטיװן, װי מעלין האָט עס געטון. איבעריקנס, װען ער װאָלט יאָ געהאַט אַזאַ מיינונג, װאָלט מען אים אויך נישט געגלויבט. מ׳האָט אים בכלל קיינמאָל נישט געגלויבט.

בעת זײַן הערשאַפֿט איז אונזער אויטאָריטעט אין לאַנד עטװאָס אָפּגעשװאַכט געװאָרן. מיר האָבן אויפֿגעהערט צו זײַן אַ רעגירונגס־פּאַרטיי. מיר האָבן אויפֿגעהערט צו װעקן צוטרוי.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַאומרויקן די פּראָפֿעסיאָנעלע רעפּובליקאַנער. דאָס האָט אונז פֿאַרשאַפֿן כּבֿוד, אונזער לאַגע האָט אָבער אָנגעהויבן צו װערן געפֿערלעך. אונזערע ענינים האָבן זיך פֿאַרערגערט אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דיופּי. זיי האָבן זיך אָבער גאָר שטאַרק פֿאַרענדערט בעת דער הערשאַפֿט

פון וואלדעק-רוסאַ. דאָס איז דער אמת, דער ביטערער אמת.

— ס'איז קלאָר, — האָט אַנרי דע ברעסע געענטפערט, און גע־צופט דערביי זיינע וואָנסעס. — ס'איז קלאָר, אַז דאָס מיניס־טעריום פון וואלדעק-רוסאָ איז באַהערשט פון שלעכטע כוונות; איך אָבער זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז ס'איז אומפּאָפּולער און עס וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן.

— דאָס מיניסטעריום איז אומפּאָפּולער. — האָט אַנרי לעצן געזאָגט, — צי זענט איר אָבער זיכער, אַז עס וועט זיך נישט האַלטן אַזוי לאַנג, וויפיל עס איז נויטיק כדי אונז צו דערדריקן? די אומ אפּולערע רעגירונגען דויערן פונקט אַזוי לאַנג, ווי אַלע איבריקע רעגירונגען. ס'איז בכלל נישט פאַראַן קיין פּאָפּולערע רעגירונגען. רעגירן הייסט — שאַפן אומצו־פרידענע.

מיר זענען צווישן איינענע; מיר דאַרפן איינער דעם אַנדערן נישט אָפּנאַרן. צי גלויבט איר, אַז מיר וואָלטן געווען פּאָפּולער, ווען מיר וואָלטן איבערגענומען דעם רודער פון דער מאַכט אין אונזערע הענט? צי גלויבט איר, ברעסע, אַז דאָס פאָלק וועט וויינען פאַר פרייד, בעת ס'וועט אייך זען אין אייער שאַמבעלאַן-אוניפאָרם, מיט די שליסלען אין טאַש? און איר לאַקריס, צי מיינט איר, אַז בעת איר וועט ווערן פּאָ־ליציי-פּרעפעקט, וועלן אייך די אַרבעטער פון די פּאָרשטעט, שוינען בעת אַ שטרייק?

גיט אַ קוק אין שפּיגל אריין, און זאָגט, צי איר זעט אויס ווי אַ פאָלקס-אָפּגאָט. לאָמיר זיך אַליין נישט אָפּנאַרן. מיר זאָגן, אַז דאָס מיניסטעריום פון וואלדעק-רוסאָ באַשטייט פון בלויז שוטים. מיר האָבן דאָס רעכט אַזוי צו זאָגן, אָבער מיר טאָרן אַזוי נישט טראַכטן.

— מיר קענען זיין רויק, — האָט זשאָזעף לאַקריס זיך אָנגערופן, — די רעגירונג שטייט אויף הינערשע פיסלעך, און קיינער וועט נישט אויספירן אירע באַפעלן.

— מיר האָבן אין משך פון אַ לאַנגער צייט געהאַט שוואַ־

ע רעגירונגען, — האָט אַנרי לעאָן אָפּאָנירט, — און פונדעסטוועגן זענען מיר שטענדיק געשלאָגן געוואָרן.

— דאָס מיניסטעריום פון וואַלדעק־רוסאָ האָט נישט קיין איין פּאָליציי־קאָמיסאַר צו זיין דיספּאָזיציע, — האָט ה׳ זשאָזעף לאַקריאָ אויסגערופן, — אפילו נישט קיין איינעם!

— נאָך בעסער! — האָט אַנרי לעאָן געזאָגט. — וואָרים אויף אַזאַ אופן וועט זיין גענוג איין איינציקער קאָמיסאַר, וואָס זאָל אונז אַלע דריי איינזעצן אין תּפיסה. געדענקסט וואָס איך זאָג אייך, דער קרייז ווערט וואָס אמאל ענגער.

פאַרטראַכט אייך איבער די רייד פון אַ פילאָזאָף, זיי זענען ווערט די מי: „די רעפּובליקאַנער רעגירן שלעכט, זיי פאַרטיידיקן זיך אָבער זייער גוט בעת א סכנה".

בינו־לבינו איז אַנרי דע ברעסע געזעסן איבערגעבויגן אין בערן טיש; ער האָט פאַרוואַרלט אַ צווייטן טינטפלעק אין אַן אינזעקט, און אים צוגעגעבן אַ קאָפּ, צוויי פילהערנדלעך און זעקס פיסלעך, ער האָט געוואָרפן אַ צופרידענעם בליק אויף זיין ווערק, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— מיר האָבן נאָך גאַנץ שיינע קאָרטן אויסצושפּילן, די אַרמעע, דער קלער...

אַנרי לעאָן האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— די אַרמעע, דער קלער, דאָס געריכטס־וועזן, די בורזשואַזיע, די קצבים־יונגען... נישט אמת, אַ גאַנץ פיינע חברותא!.. אָבער נישט געקוקט דערויף דרייט זיך דאָס ראָד אַלץ ווייטער און ווייטער, און עס וועט זיך דרייען אַזוי לאַנג ביז וואַנען דער מאַשיניסט וועט עס נישט אָפּשטעלן.

— אַך! — האָט זשאָזעף אַ זיפץ געטאָן, — ווען פרעזידענט פאָר וואָלט געלעבט!

— פעליקס פאָר, — האָט אַנרי לעאָן ווייטער גערעדט, — איז געגאַנגען מיט אונז בלויז מחמת אייטלקייט. ער איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט כדי צו קענען זיך באַטייליקן אין די יאַגדן פון דע ברעסע. ער וואָלט זיך אָבער גאָר גיך אָפּגעווענדעט פון אונז, ווען ער וואָלט אונז געזען נאָנט ביים ציל. ס׳איז אים

לחלוסין נישט געגאנגען אין לעבן ווידער אויפצולעבן די מאָנאַרכיע.

צו אַלדי רוחות! וואָס וואָלט ער דען באַקומען פון דער מאָנאַרכיע? מיר וואָלטן אים דאָך נישט געקאָנט צומאָל פאָרלייגן די שווערד פון א קאָנעטאַבל, מיר האָבן באמת וועגן וואָס טרויעריק צו זיין, ווארים ער האָט ליב געהאַט די אַרמעע; לאָמיר אים באַווייגען, מיר דאַרפן אָבער צוליב זיין טויט נישט אריינפאַלן אין אַ פארצווייפלונג

חוץ דעם איז ער לחלוטין נישט געווען דער מעכאַניקער אויבן אָרט און לובע איז אויך נישט דער פאַסיקער מאַשיניסט, דער פרעזידענט פון דער רעפובליק, ווער ער זאָל נישט זיין, איז ער לכל הדעות נישט דער מאַן ביים רודער. זעט איר מיינע פריינד, דאָס שרעקלעכסטע איז, וואָס די רעפובליק ווערט געפירט פון אַ מאַשיניסט-געשפענסט. מ׳זעט אים נישט, און דער לאָקאָמאָטיוו גייט כסדר פאָראויס. דאָס טאַקע פארשאַפט מיר שטאַרק עגמת-נפש.

און נאָך איין זאַך באַאומרויקט מיך שטאַרק, — האָט אנדריי לעאָן ווייטער גערעדט: — דאָס איז די אלגעמיינע אַפּהעטיקייט. איך וויל אייך אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערמאָנען די טיפזיניקע רייד פון בירגער ביסאָלאָ. דאָס איז געשען, בעת מיר האָבן צוזאַמען מיט די אנטיסעמיטן אָרגאַניזירט ספּאָנטאַנישע מאַניפעסטאַציעס קעגן לובע. אונזערע באַנדעס זענען געלאָפן איבער די גאסן און געשריגן „פּאנאמא! דימיסיע! זאָל לעבן די אַרמעע!”

עס איז געווען פראַכטפול! דער קליינער פּאַנטיע און די צוויי זין פון גענעראַל דעקיר האָבן מאַרשירט מיט אויפגעהויבענע קעפּ, אַ ווייסע נעלקע אין לאַץ, און האַלטנדיק אין האַנט אַ שפּיצרוטע מיט אַ גאָלדן קעפּל. די בעסטע פּאַריזער קאַמעלאָטן האָבן געבילדעט דעם צוג.

מ׳האָט געקאָנט אויסקלייבן צווישן זיי אַ נעם נאָכן אַנדערן. גוט באַצאָלט און אָן ריזיקע! עס וואָלט זיי שטאַרק פאַרדראָסן, ווען זיי וואָלטן זיך נישט באַטייליקט אין אַזאַ פייערלעכקייט, נו —

און די אָנגעבײלטע פּויסטן, די צעהיצטע פּנימער און די גראָבע שטעקנס!

מ׳האָט נאַטירלעך נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף אַ קאָנטר־מאַניפעסטאַציע, אַנדערע באַנדעס, נישט אַזוי גרויס אין דער צאָל, ווי מיר, אָבער דערפאַר אַנטשלאָסן און קריגעריש געשטימט, האָבן מאַניפעסטירט קעגן אונז און געשריגן: „זאָל לעבן די רעפּובליק! נידער מיט די גל״חים!״

פון צייט צו צייט פלעגן אויך אונזערע קעגנער אַרויסלאָזן אַ קלאָגעדיק, פאַרביטערט געשריי: „זאָל לעבן לובע!״ דער דאָזיקער אומגעווײנלעכער אויסרוף האָט אויפגערעגט די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג דער מאַניפעסטאַציע, זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די קאָנטר־מאַניפעסטאַנטן וואָס זענען גלײכצײטיק אויך באַפאַלן געוואָרן פון הינטן דורך אַ באַנדע אַגענטן.

אויף אַזאַ אופן איז עס דער פּאָליציי גאָר גיך געלונגען צו צעטרייבן די אָנהענגער פון הער לובע, און די אומבאַדייטנדע שרידי־פּלטה זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן. דאָס דאָזיקע איז געשען אין יענע אומרויקע טעג.

צי זענען דעם הער לובע אין עליזייען־פּאַלאַץ, נישט געווען באַקאַנט די מיטלען, וואָס די פּאָליציי האָט אָנגענומען, כדי צו באַשיצן דעם כבוד פון מלוכה־ראש אויף די בולוואַרן? און אויב דאָס איז אים יאָ געווען באַקאַנט, צי איז ער נישט געווען בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן, צי האָט ער נישט געוואָלט איינפירן קיין ענדערונגען? איך ווייס עס נישט.

ניין, איך גלויב. אַז ער איז גראָד געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער האָט נישט באַדאַרפט אונטערוועגירן. איינס איז אָבער זיכער, אַז די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אימפּולסיוו געהאַנדלט, ווי זייער האַרץ האָט זיי באַפוילן, האָבן מיט זייער האַנדלונג געוועקט אַ געוויסע סימפּאַטיע און אַ פּאָלקסטימלעכע פרייד.

שטרענג גענומען האָבן זיי אונז געבראַכט פיל מער שאָדן

די גוזן, וואָס די [illegible] האָבן אויפגעשטעלט דאָס פּובליקום,
פֿאַר אונז וואָלט בעסער געווען, אַז די אַלגעמיינע אומצופֿרי-
דנקייט זאָל כסדר וואַקסן.

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, אין איינער פון די לעצטע נעכט אין יענער אומרויִקער וואָך, בעת דער מאַנעוור איז אויס-געפירט געוואָרן לויט אַלע פֿאָראויסגעזעענע פּרטים פון פּראָגראַם, און די קאָנטר-מאַניפעסטאַציע איז גענומען געוואָרן אין קלעם דורך די פּאָליציאַנטן און אַגענטן, האָב איך מיטאַמאָל דערזעען דעם בירגער ביסאָלאָ, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם באַדראָטן פראָנט פון די רעגירונגס-אָנהענגער; ער איז געגאַנגען מיט גרויסע שפּרייזן, געמאַכט משונהדיקע העוויות מיט זיין קליינעם קערפּער און זיך דערנענטערט צום עק פון די דרויִ, ווו איך בין געשטאַ-נען מיט אַ טוץ קאַמעראַטן, וואָס האָבן געליאַרעמט אונטער מיין אָנפירונג:

„פּאַנאַמאַ! דימיסיע!"

איך זאָג אייך, דאָס איז געווען אַ רויִקער, געמיטלעכער ווינקל! איך האָב דיריגירט מיט טאַקט, און מיינע לייט האָבן אַקצענטירט די איינצלנע זילבן: פּאַ-נאַ-מאַ". דאָס איז באמת געמאַכט געוואָרן מיט אַ סך געשמאַק.

ביסאָלאָ האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, ער האָט פאַר מיר ווייניקער מורא געהאַט, ווי פאַר די פּאָליציאַנטן, און ער איז אויך נישט געווען אומגערעכט, אין משך פון צוויי יאָר פּלעגן מיר ביידע, ביסאָלאָ און איך, זיך באַגעגענען פּנים אל פּנים אויף אַלע מאַניפעסטאַציעס: ביים אריינגאַנג און ביים ארויסגאַנג פון אַלע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, מיר פלעגן זיך שטענדיק באַוואַרפן מיט די גרעבסטע זילזולים און זידל-רייד: „גלחישער קנעכט, פאַרקויפטער הונט, פעלשער, פאַררעטער, מערדער, גזלן, ניהיליסט!"

דאָס דאָזיקע פאַרבינדט די מענטשן, עס שאַפט אַ קעגנ-זייטיקע סימפּאַטיע. חוץ דעם האָט מיר גלאַט אַזוי הנאה געטאָן צו זען ווי אַ סאָציאַליסט און אפשר נאָך אַן אַנאַרכיסט בּאַ-

שיצט לובען, וואס איז שטארק מעסיק און איינגעהאלטן אין זיינע מעשים. איך האב מיר געטראכט:

— ער מוז זיך שלעכט פילן, דער פרעזידענט, בעת עס פארטיידיקט אים עפעס א ביסאלא, דער דאזיקער קארליק מיט דער דונערדיקער שטים, וואס שרייט אויף די עפנטלעכע פארזאמלונגען, אז מ׳מוז נאציאנאליזירן דעם קאפיטאל. דער פרעזידענט וואלט מסתמא געוואלט ליבער אונטערגעשטיצט ווערן פון אזא בירגער, ווי זא ק. איבריקנס, עס ארט מיך זייער ווייניק. זאל ער דא פארקריכן, פאנאמא! פאנאמא? דימיסיע! דימיסיע! זאל לעבן די ארמעע! נידער מיט די יידן! זאל לעבן דער קיניג!"

דאס אלץ צוזאמען גענומען האט געווירקט, כ׳זאל טאקע אויפנעמען ביסאלא מיט א געוויסער העפלעכקייט. איך האב בלויז באדארפט זאגן: „אהא! ביסאלא!" און מיינע יונגען וואלטן אים אין דער זעלבער רגע צעריסן אויף שטיקער, דאס האט אבער נישט געהאט קיין שום צוועק. איך האב גארנישט געזאגט. מיר זענען געשטאנען רויק איינער לעבן דעם אנדערן און זיך צוגעקוקט, ווי די אנהענגער פון לובע זענען מיט געוואלט ארויסגעפירט געווארן אין תפיסה אריין.

צום גרעסטן טייל זענען זיי געווען גוט צעקײלט און ווייטע גולמס זענען זיי ארויסגעהאנגען פון די פאליציאישע הענט. צווישן זיי האט זיך געפונען א סאציאליסטישער דעפוטאט, א שיינער מאן מיט א לאנגער באָרד. די ארבל האבן אים געפעלט... עפעס א לעריונגל, וואס האט געשלויכצט אין גערופן „מאמע! מאמע!" און א רעדאקטאר פון עפעס א בלעטל, מיט בלוט-פארלאפענע אויגן, פון זיין נאז האט געשטראמט בלוט... פאראויס! די מארסעליעזע!

באזונדערס האט זיך מיר געווארפן אין די אויגן א מענטש מיט זייער אן איידל און אומגליקלעך פנים. דאס איז מסתמא געווען א פראפעסאר, א חשיבותדיקער עלטערער מאן. ער האט אפים זיך געוואלט פארענטפערן: ער האט זיך באמיט איבערצייגן די פאליציאנטן מיט געלאסענע, געקליבענע ווערטער. ס׳איז

באמת שווער געווען צו פארשטיין, פארוואס זיי האבן אים אזוי באארבעט די ביינער מיט זייערע געקאוועטע שטיוול, און געזעצט מיט די שווערע פויסטן איבער זיינע פלייצעס

אזוי ווי ער איז געווען זייער לאנג און דאר, שוואך און לייכט אין דער וואג האט עס באמת זייער קאמיש אויסגעזען, ווי ער פלעגט אויפשפרינגען ביי יעדן זעץ מיט דער פויסט און פרווון אנטלויפן. זיין פליכעוואטער קאפ האט געמאכט א קלאגעדיקן איינדרוק.

ער איז געווען קורצזיכטיק, און מחמת דעם, וואס ער האט פארלוירן די ברילן, האט ער הילפלאז און אומעטיק געבלינצלט מיט די אויגן. זיין פנים האט אויסגעדריקט דעם אומענדלעכן צער פון א באשעפעניש, וואס האט פארלוירן דעם קאנטאקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, און בלויז די קלעפ פון די קרעפטיקע פויסטן און גענאגלטע שטיוול האבן אים פארבונדן מיטן לעבן.

אז דאס אומגליק איז פארביי, האט דער בירגער ביסאלא נישט געקוקט דערויף, וואס ער האט זיך געפונען אויף א פיינדלעכער טעריטאריע, זיך מער נישט געקענט איינהאלטן. ער האט א זיפץ געטון און געזאגט:

— ס'איז באמת א חוזק, אז אין א רעפובליק, זאלן רעפובליקאנער באהאנדלט ווערן אויף אזא אופן.

איך האב העפלעך געענטפערט, אז דאס איז באמת זייער קאמיש.

— ניין, בירגער מאנארכיסט. — האט ביסאלא געענטפערט. — דאס דארף אייך גארנישט אזוי פרייען. דאס איז טרויעריק. דאס איז נאך אבער נישט דאס אמתע אומגליק. דאס ערגסטע אומגליק, כ'וויל עס אייך זאגן, דאס איז די עפנטלעכע אפהענגיקייט.

דאס זענען געווען די רייד פון בירגער ביסאלא, און דערמיט האט ער באוויזן, אז ער האט צו מיר צוטרוי, און דאס מאכט אונז ביידע כבוד. ווייל האב איך באטראכט דעם המון

און ס'ד'האט זיך מיר באמת אויסגעוויזן, אַז ער איז שוואַך, אָפּהענטיק און הילפלאז.

ווי אַ קינד, וואס ווארפט אַ פעטאַרדע, אַזוי האט פון צייט צו צייט זיך ארויסגעריסן פון דער מאסע א געשריי: „נידער מיט לובע!" אַ טויט די גנבים! אַ טויט די יידן! זאל לעבן די אַרמעע!" דער המון האט זיך באצויגן מיט סימפאַטיע צו די בראַווע פאָליציאנטן, ס'האט אבער געפעלט די אָנציגדונגס-קראַפט, וואס עלעקטריזירט די מאַסן און זאגט אָן אַ שטורעם.

דאָס ערגסטע אומגליק – האָט ביסאָלאָ ווייטער גערעדט, – איז די עפנטלעכע אָפּהענטיקייט. מיר, רעפּובליקאנער, סאציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, מיר לײדן הײנט צרות דערפון, איר, מיינע הערן מאנארכיסטן און צעזאַריסטן, איר וועט לײדן דערפון מאָרגן. און ערשט דעמאלט וועט איר איינזען, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי לייכט צווינגען אן אייזל צום טרינקען, בשעת עס האט גאָרנישט קיין דורשט.

מ'ארעסטירט די רעפּובליקאנער, און קיינער טוט נישט צומאל א פּיפּס. בעת ס'וועט קומען די צייט, ווען מ'וועט ארעסטירן די מאנארכיסטן, וועט אויך קיינער נישט רירן מיטן פינגער. איר מעגט זיין זיכער, דער המון וועט צומאל נישט א ריר טון מיטן פינגער, כדי צו באפרייען אייך, הער אנרי לעאן און אייער פריינד, דעם ה' דערולעד.

און מען מוז מודה זיין, אז בעת איך האב געהערט די דאזיקע רייד, האב איך מיטאמאל קלאר דערזען דעם פינצטערן אָפּגרונט, וואָס טיילט אונז אָפּ פון דער צוקונפט. אבער נישט געקוקט דערויף האב איך אים געענטפערט אין א חוצפּהדיקן טאן:

— בירגער ביסאלא, צווישן אייך און אונז איז אבער אַ גרויסער אונטערשיד: איר זענט אין די אויגן פון המון א געמיין פארעטעריש געזינדל, און מיר, מאנאַרכיסטן און נאציאנאַליסטן, מיר געניסן פון אן עפנטלעכן רעספּעקט, מיר זענען פּאטולער.

דערויף האט דער בירגער ביסאלא אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

— דאָס אייזל איז אָנגעזאָטלט, גענעדיקער הער: איר דאַרפֿט זיך נאָר אויפֿזעצן. און אַז איר וועט שוין זיצן אויף זיין קאַרק, וועט עס זיך רויִק אַוועקלייגן אויפֿן וועג און אייך אַראָפּוואַרפֿן. ס'איז נישט פֿאַראַן קיין גרעסערע נאַרישקייט. ווי שטיצן זיך אויף פּאָפּולאַריטעט. איך וואָרן אייך טאַקע דערפֿאַר, ווייזט מיר פּאַטש איינעם, וואָס האָט נישט געבראָכן דעם קאַרק צוליב איר. צי איז דען דער המון געקומען אַמאָל צו הילף זייַנע העלדן, בעת זיי זענען געווען אין סכּנה?

איר זענט גאָרנישט אַזוי פּאָפּולער ווי איר שטעלט זיך פֿאָר, מייַנע הערן נאַציאָנאַליסטן, און אייַער פּרעטענדענט, גאַמעל, איז עפּנטלעך זייער ווייניק באַקאַנט. און אויב דער המון טראָגט זיך איצט מיט אים אַרום, וועט ער גאָר איגיכן אַרויסווייזן לגבי אייך זיין אָפּהענטיקייט און פּחדנות.

איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן און פֿאָרגעוואָרפֿן דעם בירגער ביסאָלאָ, אַז ער באַוואַרפֿט מיט זלזולים די פּראָווינצישע פֿאָלקס־מאַסע. ער האָט מיר דערויף געענטפֿערט, אַז ער איז אַ סאָציאָלאָג, און זיין סאָציאַליזם איז באַגרינדעט אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן יסוד. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז ער פֿאַרמאָגט אין אַ קליין קעסטל אַ קאָלעקציע פֿאַקטן, גענוי קלאַסיפֿיצירט, וואָס מיט זייער הילף קאָן ער מעטאָדיש דורכפֿירן די רעוואָלוציע. און ער האָט צוגעגעבן:

— די אמתע הערשערין איז די וויסנשאַפֿט, און נישט דאָס פֿאָלק. אַ טפּשות, וואָס ווערט איבערגעחזרט פֿון זעקס און דרייסיק מיליאָן מיילער, הערט נאָך דערמיט נישט אויף צו זיין אַ טפּשות. די מערהייט האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו קנעכטישקייט. וואָס גרעסער די צאָל שוואַכע יחידים, אַלץ גרעסער איז זייער שוואַכקייט. דער המון איז שטענדיק אומבאַהאָלפֿן.

ער באַקומט ערשט דעמאָלט כּוח, ווען דער מאָגן הייבט אָן צו פֿאָדערן דאָס זייניקע. איך בין אימשטאַנד אייך צו באַווייזן, אַז אין דעם באַוווסטן רעוואָלוציאָנערן פֿרימאָרגן, דעם

צענטן אויגוסט פון יאָר 1792, איז דער פאַריזער המון נאָך געווען מאָנאַרכיסטיש געשטימט. שוין גאַנצע צען יאָר. ווי איך טרעט אַרויס אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, און כ׳האָב שוין נישט איינמאָל מיאוס אָפּגעשניטן.

די דערציִונג פון פאָלק האָט זיך ערשט קוים אָנגעהויבן, אָט ווו ס׳ליגט דער אמת. אין מוח פון אַרבעטער, דאָרט וווּ דער בורזשוי האָט פאַרבאַהאַלטן זיינע גאַרישע און אכזריות־דיקע פאָראורטיילן, איז פאַראַן אַ גרויס לאָך. דאָס לאָך מוז ערשט אויסגעפילט ווערן. ס׳וועט אויך קומען די צייט, ווען דאָס וועט געשען. ס׳קאָן אָבער גאָך לאַנג דויערן.

בעת מ׳וואַרט אויף דער צייט, איז שוין פיל גלייכער, אַז דער מוח זאָל זיין פוסט איידער אָנגעשטאָפּט מיט שלאַנגען און ווערים. דאָס אַלץ איז וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, און ס׳גע־פינט זיך ביי מיר אין קעסטעלע. עס איז אויך אין הסכם מיט די געזעצן פון פראָגרעס.

— ווי עס זאָל נישט זיין — עס נעמט מיך ממש אָן אַן עקל, בעת איך קוק מיך צו צו דער אַלגעמיינער הילפלאָזיקייט, אויף אייער אָרט וואָלט איך מיך באמת געשראָקן. גיט בעסער אַ קוק אויף אייערע אָנהענגער, אויף די פאַרטיידיקער פון דער שווערד און טבילה־כלי, גיט אַ קוק, ווי צעבראָכן און הילפלאָז זיי זענען!

ביי די רייד האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס און אויסגעשריגן מיט אַ שרעקלעך קול: „זאָל לעבן די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע!״ מ ט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער זיך געוואָרפן אין האַרץ פון המון און איז נעלם געוואָרן.

זשאָזעף לאַקריס, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דער דאָ־זיקער לאַנגער רעדע מיט נישט קיין איבריק גרויסן השק, האָט אַ פרעג געטון, צי דער בירגער ביסאָלאָ איז נישט אַמאָל אַ פראָסטער בעל־גוף.

— להיפך, ער איז זייער אַן אינטעליגענטער מענטש, — האָט אַנרי לעאָן געענטפערט. — און איר וואָלט געמעגט ווי־

נען מיט אים אין שכנות, ווי ביסמארק פלעגט זיך אויסדריקן
וועגן לאסאלן. ביסאלא איז לײדער געוועכט. מ׳קאָן דעם אייזן
נישט צווינגען טרינקען, ווען עס איז נישט דורשטיק.

XII

מאַדאַם דע באָנמאָן האָט אויפגעפּאַסט די ליבע, ווי אַ תהום פון גליקזעליקייט. נאָך יענעם מאָלצייט אין רעסטאָראַן „מאַדריד" אין בולאָנער וועלדל, בעת זי איז באַערט געוואָרן דורך דער פאָרלעזונג פון קיניגלעכן בריוו האָט זי, טיף גערירט פון היסטאָרישן קוש אין דער קאַרעטע, זיך געווענדעט צו זשאַזעף לאַקריס מיט די פאָלגנדע ווערטער: „דאָס וועט זיין אויף שטענדיק!"

אויב מ׳זאָל נעמען אין באַטראַכט די שוואַכע דויערהאַפטיקייט פון די עלעמענטן, וואָס פון זיי באַשטייט די סובסטאַנץ פון די עראָטישע עמאָציעס, וואָלטן די דאָזיקע רייד געקלונגען פוסט, אָבער גייסט געקוקט דערויף האָבן זיי עדות געזאָגט אויף אַ העכערע אויפפאַסונג פון ליבע און אַן אויסגעשפּראָכענעם זין פאַרן אין־סוף. „זעלבסטפאַרשטענדלעך!" — האָט זשאָזעף לאַקריס דערויף געענטפערט.

צוויי וואָכן זענען פאַרביי זינט יענער נאָכט, און אין משך פון די דאָזיקע צוויי וואָכן האָט דער סעקרעטאַר פון דעפּאַרטאַמענטאַלן קאָמיטעט פון דער ראַיאַליסטישער יוגנט געטיילט זיין צייט צווישן ליבע און פאַרשווערונג.

די באַראָנעסע, געקליידט אין אַ שפּאַציר־קאָסטיום, דאָס פנים פאַרדעקט מיט אַ ווייסן שפּיצן־שלייער, איז געקומען אין

דער באַשטימטער שעה אין דער דיסקרעטער וווינונג אויף דער גאַס לאָרד בייראָן. די וווינונג איז באַשטאַנען פון דריי צימערן, וואָס זי האָט אַליין איינגעאָרדנט מיט פיל זאָרגעוודיקייט און געשמאַק. די ווענט זענען געווען באַדעקט מיט הימל־בלויע טאַ־פּעטן. געגנוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן, בעת זי האָט געליבט דעם קאַפּיטאַן מאַרק א.

זשאָזעף לאַקריס פלעגט דאָרט וואַרטן אויף איר. ער איז שטענדיק געווען קאָרעקט, שטאָלץ, אָפּטמאָל אומגעצוימט אין זיינע באַוועגונגען, עלעגאַנט און יונג — און דאָך איז ער נישט איינגאַנצן איר געווען צום האַרצן. ער איז מערסטנטייל געווען אין אַ פינצטערער שטימונג און אַפּנים זייער אומרויִק. בעת ער האָט געמורמלט די ברעמען און צוזאַמענגעביסן די דינע ליפּן, האָט ער איר איינגאַנצן דערמאָנט ראַוואַ, ווען נישט דאָס, וואָס זי האָט זיך זיך אויסגעצייכנט מיט דער גליקלעכער איינג־שאַפט צו פאַרגעסן דאָס פאַרגאַנגענע.

זי האָט געוווּסט, אַז אויב ער האָט געהאַט אַ פאַרזאָרגט פּנים, איז עס מסתּמא נישט געווען אָן אַ סיבה. זי האָט גע־וווּסט, אַז ער נעמט אָנטייל אין דער פאַרשווערונג, און אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן די מיסיע אויסצופירן אַ פאַרשווע־רונג קעגן דעם פּרעפעקט און די אָנגעזעענסטע רעפּובליקאַנער פון אַ שטאַרק באַפעלקערטן דעפּאַרטאַמענט; אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג האָט ער לטובֿת דעם טראָן און אַלטאַר איינגע־שטעלט זיין פרייהייט, זיין לעבן.

זי האָט זיך אין אים פאַרליבט טאַקע דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ פאַרשווערער. אָבער אין איצטיקן מאָמענט האָט זי אים ליבער געוואָלט זען אַ שמייכלדיקן און אַ צערטלעכן. ער האָט זי היינט אויך זייער פיין אויפגענומען, ער האָט איר גע־זאָגט: „איך ווער באַרויִשט, בעת איך זע דיך. אין משך פון גאַנצן טאָג גיי איך אַרום, ווי אין חלום.“

און ער האָט צוגעגעבן: „ווי וווּנדערבאַר דו זעסט היינט אויס! אָבער דערביי האָט ער קוים אַ קוק געטון אויף איר, ער איז באַלד צוגעגאַנגען צום פענצטער, ער האָט אויפגעהויבן

דעם פוירהאַנג, און אין משך פון גאַנצע צען מינוט ארויסגע־קוקט אין גאַס.

ער האָט זיך צו איר געווענדעט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ:

— איך האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, אז מיר מוזן האבן צוויי ארויסגאַנגען. דו האָסט מיר נישט געוואָלט גלויבן... א גליק, וואָס די פענצטער גייען ארויס אויף דער גאַס. דער בוים פאַר־שטעלט מיר אבער אַלץ.

— די אקאַציע, — האט די באַראָנעסע א זיפץ געטון און פאמעלעך אראָפּגענומען איר שלייער.

די פענצטער פון דער וווינונג זענען ארויסגעגאנגען אויף א קליין גערטנדל, ווו ס'איז געוואָקסן אַן אקאַציע און עטלעכע שפּנדל־ביימער; דאָס הויז איז געווען ארומגערינגלט מיט א צוים, באוואָקסן מיט ווילדן וויין.

— זאָל זיין די אקאַציע.

— וואָס קוקסטו אזוי, מיין פריינד

— איך באטראַכט אַ מענטש, וואָס שטייט דאָרט לעבן דער מויער.

— וואָס איז דאָס פאַרא פּאַרשוין?

— כ'ווייס נישט, איך וואָלט געוואָלט וויסן, צי דאָס איז איז נישט אמאָל א געהיים־ אגענט. מ'שפּירט מיר נאָך. זינט איך בין אין פּאַריז, ווער איך אויף שריט און טריט נאכגעשפּירט פון צוויי אגענטן. דאָס דאָזיקע קאָן איינעם סוף כל סוף ארויספירן פון געדולד, אויב עס דויערט צו לאנג. דאָס מאָל דוכט זיך מיר, אז איך האָב זיי ארויפגעפירט אויף א פאַלשן שפּור.

— אפשר וואלסטו דיך דערויף באקלאָגט?

— ביי וועמען?

— כ'ווייס נישט... ביי דער מאכט...

ער האָט נישט געענטפערט און א געווויסע צייט נישט אראָפּגעלאזט זיין אויג פון פענצטער. דערנאָך, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אז יענער פּאַרשוין איז נישט קיין געהיים־אגענט, האָט ער שוין אַביסל בארויקט זיך געווענדעט צו איר:

— ווי ליב איך האָב דיך! דו ביסט היינט שענער, ווי אַלעמאָל. איך פאַרזיכער דיך, דו ביסט אַנטציקנדיק שיין... סוף כל סוף קאָן זיין, אַז מיינע אַגענטן האָבן זיך געביטן... דיופּי האָט זיי מיר אָנגעוואָרפן. איין אַגענט איז הויך, דער אַנדערער איז נידעריק. דער הויכער טראָגט שוואַרצע ברילן. דער נידעריקער האָט אַ קרומע נאָז, ווי אַ פּאַפּוגײַ און שיקלט אויף ביידע אויגן. כ'קאָן זיי גאַנץ גוט. ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר זיי.

בעת איך בין געקומען אין מיין קלוב, פלעגן אַלע מיינע באַקאַנטע מיך באַגעגענען מיט די רייד: „לאַקריס. דיינע אַגענטן שטייען שוין אינדרויסן פאַר דער טיר”.

איך פלעג אַרויסשיקן די דאָזיקע בראַווע לייט ביר און ציגאַרן. אָפט פלעג איך מיך אַליין פרעגן, צי דיופּי ד'האָט זיי אַמאָל נישט געשיקט, כדי מיך צו באַוואַכן. ער איז טאַקע אַ פאַנטאַסט, אַ משונהדיקער און אימפּולסיווער פּאַרשוין, דער דאָזיקער דיופּי, סוף כל סוף איז ער דאָך אָבער פאָרט אַ פּאַטריאָט.

איך פאַרגלייך אים נישט מיט די איבעריקע מיניסטאָרן. מיט זיי פילט מען זיך אַלעמאָל נישט ווי צום בעסטן. וואָס וועל איך אָבער טון, אויב זיי האָבן געטוישט מיינע אַגענטן, אַ נידערטרעכטיקע!

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער.

— גיין!... ס'איז אַ פערד-טרייבער. וואָס רויכערט זיין פייפקע. כ'האָב לכתחילה נישט באַמערקט זיין געל געשטרייפט וועסטל. דער פחד האט גרויסע אויגן!... כ'מוז מיך מודה זיין, אַז כ'האָב מורא געהאַט: דו שטויסט דיך מסתמא אָן, אַז צוליב דיר. מ'טאָר בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז דו זאָלסט קאָמפּראָמיטירט ווערן צוליב מיר. דו ביסט אַזוי איידל, אַזוי רייצנד!...

ער האָט זיך דערנענטערט צו איר, איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס און באַדעקט איר קערפּער מיט הייסע, ליידנשאַפט-לעכע קושן. גאָר אינגיכן זענען אירע קליידער געווען אין

אזא אומארדנונג, אז אויב שוין נישט קיין אנדער שפיל, וואלט זי די בושה גופא געצוווּנגען זיי אראפצוּוואַרפן.

— עליזאבעטע, זאג, אז דו האסט מיך ליב...

— מיר דוכט זיך, אז ווען איך וואלט דיך נישט ליב געהאט ...

— דו הערסט אונטן אין גאס די שווערע, רעגלמעסיקע טריט?

— ניין, מיין טייערער.

זי איז פארזונקען אין אזעלכע זיסע חלומות, אז זי האט באמת נישט געלייגט קיין אכט אויף די גערוישן פון דער אויסערלעכער וועלט.

— דאס מאל בין איך מיך נישט טועה. דאס איז ער, מיין אגענט, דער נידריקער, וואס שיקלט. כ'קאן גאנץ גוט זיינע טריט. איך וואלט זיי דערקענט אין גרעסטן טומל.

און ער איז ווידער צוגעגאנגען צום פענצטער.

ער איז געווארן שטארק אויפגערעגט. זינט דער מפלה פון 23 פעברואר האט ער פארלוירן זיין זעלבסטזיכערקייט. ער האט אנגעהויבן צו גלויבן, אז דער קאמף וועט זיין לאנג-דויערנדיק און שווער. די גרעסטע צאל פון זיינע פארבינדעטע האבן אויך פארלוירן דעם קוראזש. ער איז אריינגעפאלן אין א מרה-שחורה. יעטווועדע קלייניקייט האט אים ארויסגעבראכט פון געדולד.

צום אומגליק האט זי זיך אין דער רגע אנגערופן:

— מיין טייערער, פארגעס נישט, אז דו ביסט אויף מארגן איינגעלאדן אויף מיטאג צו מיין ברודער וואלשטיין. מיר וועלן האבן די געלעגנהייט זיך צו זען.

ער האט אויסגעבראכן:

— דיין ברודער וואלשטיין. גוט! לאמיר טאקע רעדן וועגן אים! ער איז א גלענצנדער פארשטייער פון זיין ראסע! אנרי לעאן האט אים יענע וואך פארציילט וועגן אן אינטערעסאנטן ענין, ער האט געוואלט, ער זאל פינאנסירן א פראפאגאנדע-בלאט און עס פארשפרייטן אומזיסט צווישן די פויערן און

אין די אַרבעטער-צענטרען. דיין ברודער, דער תכשיט, האָט אָבער געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט אים נישט פאַרשטאַנען. דערפאַר האָט ער אים נישט געשפּאָרט קיין עצות. צי מיינט ער אפשר, אַז מיר דאַרפן האָבן זיינע עצות?

עליזאַבעטע האָט פיינד געהאַט יידן. זי האָט געפילט, אַז ס'וואָלט נישט געהאַט דעם מינדעסטן זין צו פאַרטיידיקן איר ברודער וואַלשטיין פון וויען, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט אים ליב געהאַט. זי האָט דעריבער באַשלאָסן בעסער צו שווייגן.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּילן מיט זיין קליינעם רעוואָלווער, וואָס איז געלעגן אויף זיין נאַכט-טישל.

— אויב זיי וועלן קומען נאָך מיר... — האָט ער געזאָגט.

ווידער איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ שרעקלכן כעס. ער האָט געוואָרפן פייער און שוועבל אויף די יידן, פּראָטעסטאַנטן, מאַסאָנען, פריידענקער, רעפּובליקאַנער, פּאַרלאַמענטאַריסטן און מיניסטאָרן, ער האָט געוואָלט אַלע צונויפזאַמלען אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ און באַגיסן זיי מיט וויטריאָל. ער איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות און געוואָרן שטאַרק באַרעדעוודיק:

— די יידן און די מאַסאָנען פרעסן אויף דאָס פראַנצויזישע פאָטערלאַנד. זיי רויבירן און עסן אונז אויף לעבעדיקערהייט. נאָר געדולד! לאָמיר וואַרטן אויפן פּראָצעס אין רען, און דעמאָלט וועסט זען, ווי מיר וועלן פון זיי שינדן די הויט, ברענען זייערע ווילן, בראָטן אויפן פייער און אויסהענגען זייערע קעפ פאַר די וואָרטס-געשעפטן!...

אַלץ איז גרייט. דער אויפשטאַנד וועט גלייכצייטיק אויסברעכן אין פּאַריז און אין רען, די דרייפוס-אָנהענגער וועלן פאַרטיליקט ווערן אויף די גאַסן. לובע וועט איינגעזעצט ווערן אין ברענענדן עליזייען-פּאַלאַץ. ס'איז שוין די העכסטע צייט.

מאַדאַם דע באָנמאַן האָט אויפגעפּאַסט די ליבע, ווי אַ תאווהדיקן אָפּגרונט. זי האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נישט קיין אומגליק, ווען מען פאַרגעסט אין דאָזיקן הימל-בלויען צימער

פּאַטש אויף איין טאָג די אויסערלעכע וועלט. זי האָט דעריבער געפּרווט איבער אַרויפפירן אויף מילדערע געדאַנקען. זי האָט געזאָגט צו אים:

— דו האַסט אַזעלכע שיינע ווייעס.

און זי האָט לייכט געקושט זיינע ווייעס.

נאָך אַ קורצן אויגנבליק פון אומענדלעכער, זיכער פּאַרגעסנקייט האָט זי ווידער אויפגעעפנט אירע אויגן און דערזען דאָס פאַראומערטע פּנים פון איר געליבטן; ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען ווייט פון איר, הגם זי האָט אים בעהאַלטן אַרומגענומען מיט אירע נאַקעטע און ווייכע אָרעמס. זי האָט אַ זיפץ געטון און מיט אַ צאַרטער שטים צו אים געזאָגט:

— וואָס איז דיר, מיין טייערער? מיר זענען דאָך איצט געווען אַזוי גליקלעך!

— זיכער, — האָט זשאָזעף לאַקריס געענטפערט. — איך טראַכט אָבער וועגן דעם, אַז איך מוז אָך היינטיקע נאַכט אוועקשיקן דריי שיפרירטע דעפּעשן, דאָס איז אַ קאָמפּליצירטער און געפערלעכער ענין. איין אויגנבליק האָט זיך אונז אויסגעוויזן, אַז דיופּי האָט איבערגענומען אונזערע דעפּעשן פון 22-טן פעברואַר. דאָס וואָלט פולשטענדיק געגוג געווען, כדי אונז איינצוזעצן אין חד-גדיא.

— צי האָט ער זיי דען איבערגענומען, טייערער?

— ווייזט אויס, אַז ניט, וואָרים מ'לאָזט אינז נאָך צורו: איך האָב אָבער אַ גרונט צו גלויבן, אַז זינט די לעצטע צוויי וואָכן לאָזט די רעגירונג נישט אַראָפּ פון אינז קיין אויג, און אַזוי ווי מיר האָבן נאָך נישט אָפּגעדרייט דעם שונא דעם קאָפּ בין איך אַלץ נישט רויק.

אַ צאַרטע און אַ שטראַלנדע האָט זי אים פאַרוואָרפן צום האַלז אירע אָרעמס, וואָס האָבן געשמעקט ווי אַ צעבליטער בלומען-קראַנץ, זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע פייכט-גלאַנצנדיקע סאַפיר-בלויע אויגן און מיט אַ שמייכל אויף אירע פלאַמענדיקע און פרישע ליפּן זיך געווענדעט צו אים:

— זײַ רויִק, מײַן פרײַנד. קווּעל דיך נישט אַזוי, דו ווייסט ג׳ וויס האָבן דערפאָלג, כ׳בין פולשטענדיק זיכער. די רעפובליק איז פאַרלוירן און דו ווילסט, אַז זי זאָל דיר שטעלן אַ ווידערשטאַנד? מ׳וויל שוין מער נישט וויסן פון פאַרלאַמענ-טאַריזם, מ׳וויל שוין מער נישט קענען די מאַסאָנען, פרייזענ-קער און אַלע אַנדערע מיאוסע לײַט, וואָס גלייבן נישט אין גאָט, און האָבן נישט קיין רעליגיע און פאָטערלאַנד.

דאָס איז דאָך אײַנס און דאָס זעלבע, רעליגיע און פאָ-טערלאַנד, נישט וואָר? אַלע זענען באַהערשט פון אַ געוואַלטי-קער באַגייסטערונג. זונטיק זענען אַלע קירכעס איבערגעפולט מיט מתפללים. ס׳איז נישט אמת, ווי די רעפובליקאַנער ווילן אונז אײַנרעדן, אַז בלויז פרויען קומען אין קירך אַרײַן. מענער און דאָס פון דער בעסערער געזעלשאַפט, ווי אויך אָפיצירן קומען זייער אָפט אין קירך אַרײַן.

גלויב מיר, מײַן טײַערער, דו וועסט האָבן דערפאָלג. קודם כל וועל איך אָנצינדן אַן אַ שיעור ליכט אין דער קאַפליצע פון הייליקן אַנטאָני.

ער האָט איר געענטפערט ערנסט און פאַרטראַכט:

— יאָ, מיר הייבן אָן אין די ערשטע טעג פון סעפטעמ-בער. די אַלגעמיינע שטימונג איז גינסטיק. מיר האָבן אויף אונזער זײַט דאָס פאָלק מיט אַלע זײַנע האָפנונגען און ווונטשן. אָ, ווי עס זאָל נישט זײַן, קיין פאָפולאַריטעט פעלט אונז שוין נישט ברוך-השם.

זי האָט אים אומפאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, וואָס עס פעלט אים.

— אונז פעלט, אָדער עס וואָלט אונז לכל הדעות געקאָנט אויספעלן, ווען דער קאַמף זאָל זיך פאַרציִען לענגער — וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרבאַהאַלטן צו אַלדי רוחות — אונז פעלט קודם-כל געלט. מ׳גיט אונז געלט פון אַלע זײַטן. מיר מוזן אָבער האָבן זייער פיל געלט.

דרײַ דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט האָבן אונז גע-בראַכט דרײַ הונדערט טויזנט פראַנק. דער פירשט ווייס, ווי

אָפּצושאַצן אַזאַ גרויסהאַרציקייט. זאָג אַליין, צי אין דער דאָזיקער נדבה, וואָס גרויסאַרטיקע און אײדעלע פרויען האָבן געגעבן לטובת אונזער באַוועגונג, איז נישט פאַראַן עפּעס, וואָס דערמאָנט אונז דאָס אַמאָליקע גרויסע פאָטערלאַנד ?

די באַראָנעסע איז אין דער זעלבער צייט געשטאַנען פאַרן שפּיגל און געבראַכט אין אָרדנונג איר טואַלעטע. זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט נישט געהערט זיינע רייד.

ער האָט פּרעציזירט זיינע געדאַנקען:

— יאָ, די דריי מאָל הונדערט טויזנט פראַנק, וואָס זיינען אונטערגעטראָגן געוואָרן דעם קיניג דורך די ווייסע פרויען-הענט, זיינען אונז שטאַרק צונוץ געקומען. דער פּרינץ האָט אונז געזאָגט מיט ריטערלעכער גרויסהאַרציקייט: „גיט אויס די דריי הונדערט טויזנט פראַנק ביז צום לעצטן סו“.

ווען אַ קליינע פרויען-האַנט וואָלט אונז אויך איצט אַנט-קעגנגעטראָגן כאָטש אַ הונדערט טויזנט פראַנק, וואָלט זי דער-פאַר געווען געבענטשט. זי וואָלט צוגעהאָלפן אויסלייזן פראַנקרייך, ס'איז נאָך פאַראַן אַ פרייער ערן-פּלאַץ צווישן די טשעק-אַמאָאָנקעס, צווישן די שיינע קאָמפּעריגס פון דער ליגע.

דער דאָזיקער פרוי קאָן איך צוזאָגן, און איך האָב להלוטין נישט קיין מורא צו בלייבן אַ ליגנער, אַז איך בין גרייט איר צו געבן אַ פערזענלעכן אויטאָגראַף פון פּרינץ, און נאָך מער, איך וואָלט זי אפילו אַריינגעפירט אין קיניגלעכן הויף.

די באַראָנעסע האָט זיך געפילט טיף געקרענקט פון זיינע רייד. דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל. זי איז שוין אָבער געווען געוווינט צו דעם. זי האָט איבעריקנס געהאַלטן פאַר איבעריק מיטצוהעלפן פאַר אירע געלטער דער צוריקשטעלונג פון דער מאָנאַרכיע.

זי האָט טאַקע ליב געהאַט דער שיינעם פּרינץ מיט זיינע ראָזע באַקן און העל-בלאָנדע, זיידענע באָרד. זי

האט פון גאנצן הארצן געוואלט, ער זאל זיך אומקערן קיין פראנקרייך, און זי האט פשוט מיט אומגעדולד אויסגעקוקט די רגע, ווען ער וועט מיט גאראד אריינפארן קיין פאריז און דארט ווערן געקרוינט, זי האט אבער גלייכצייטיק געהאלטן, אז ביי א הכנסה פון צוויי מיליאן, מוז זי זיך דערווייל צופרידנשטעלן מיט ליבע, בלומען און פרומע ווונטשן.

בעת זשאזעף לאקריס האט אויפגעהערט צו רעדן, האט א ווייל געהערשט א פיינלעכע שטילקייט. שטייענדיק נאך אלץ ביים שפיגל, האט זי שטילערהייט פאר זיך געשעפטשעט:

— מיין גאט, ווי שרעקלעך מיין פריזור זעט אויס!

אז זי איז ענדלעך פארטיק געווארן מיט איר טואלעטע האט זי ארויסגעצויגן פון איר בייטעלע א קליינעם גאלדענעם מעדאליאן, זי האט אים דערלאנגט איר פריינד און געזאגט מיט א סענטימענטאלער שטים:

— ער וועט דיר ברענגען גליק. זאג מיר צו, אז דו וועסט אים שטענדיק טראגן ביי זיך.

זשאזעף לאקריס האט דער ערשטער פארלאזט די הימלבלויע וווינונג פון דער באראנעסע, כדי אפצוווענדן די אויפמערקזאמקייט פון די אגענטן פון זיין געליבטע; אויף די טרעפ האט ער זיך פארקרומט און ארויסגעשעפטשעט:

— אן עכטע וואלשטיין! יישט געקיקט אויף דעם, וואס זי האט זיך געשמדט איז זי פארט פארבליבן א יידישקע.. א ייד בלייבט שטענדיק ייד.

XIII

דער אָוונט איז צוגעפאַלן א װאַרעמער און א ליכטיקער, דער לוקסעמבורגער גאָרטן האט זיך געבאָדן אין א גאָלדענעם שטויב. ה׳ בערזשערע איז געזעסן צוזאמען מיט די ה׳ ה׳ דע־ני און גובצן אויף דער טעראַסע, צופוסנס דער סטאטוע פון דער קיניגין מארגעריט ד׳אנגולעם.

— מיינע הערן, — האט ה׳ בערזשערע זיך געווענדעט צו זיינע חברים, — כ׳וויל אייך איבערלייענען אן ארטיקל, וואס איז דערשינען אין דער היינטיקער מאָרגן־אויסגאבע פון „פיגאראָ“. איך וויל אייך נישט זאָגן דעם נאמען פון מחבר. כ׳רעכן, אז איר וועט עס אליין שפעטער געוויר ווערן. דער צופאל וויל אויך, אז איך זאל אייך איבערלייענען דעם ארטיקל אין דער קעגנווארט פון דער דאזיקער רייצנדער פרוי.

זי האט געוווסט, ווי אפצושאצן דעם מענטשלעכן גייסט און די עכטע מענטשלעכע געפילן, און דער פאקט וואס זי איז געווען געבילדעט, אויפריכטיק, טאָלעראנט און גוטהארציק, און נישט איין אומשולדיקן קרבן געפרווט ארויסרייסן פון תליונס הענט, האט אויפגערייצט קעגן איר אלע קופערנע מוחות און דעם גאנצן קלער.

מ׳האט אונטערגעהעצט קעגן איר די גאסן־יונגען פון נא־װארא־קאָלעדזש, און ווען זי וואלט נישט געווען די שוועסטער

פון פראנצויזישן קיניג, וואלטן זיי בלי ספק איינגעניט איר קערפער אין א זאק און אריינגעווארפן אין דער סענע אריין.

זי האט געהאט א מילדע, טיפע און שמייכלענדיקע נשמה. כ׳ווייס נישט, צי בעת זי האט געלעבט, האט איר פנים געהאט יענעם אויסדרוק פון חוזק און קאקעטעריע, וואס מיר זעען אויסגעקריצט אין דער דאזיקער מערמלנער סטאטוע פון א ווייניק באקאנטן סקולפטאר: ער האט געדרייסן לעקארנע.

זיכער איז, אז דעם דאזיקן אויסדרוק געפינען מיר נישט אין די נאיווע און עטוואס טרוקענע בליישטיפט־צייכנונגען פון דער קיניגין, וואס זענען איבערגעבליבן פון קלויס תלמידים. איך וואלט פיל מער געגוויגט געווען צו גלויבן, אז איר שמייכל איז גאנץ אפט געווען איינגעהילט אין אן אומעט, און א ווייטיקפולער קנייטש האט זיך צעשפרייט איבער אירע ליפן, בעת זי האט געזאגט: „מיר איז באשערט ... צו טראגן אויף זיך נישט בלויז די משא פון לאנגווייליקייט, וואס איז דער גורל פון א״ע הויכגעבוירענע״.

זי איז קיינמאל נישט געווען גליקלעך אין איר פריוואט־לעבן, און זי האט זיך געזעען ארומגערינגלט פון שלעכטע און בייזע מענטשן, וואס האבן אפלאדירט ביים אקאמפאניאמענט פון עמי־הארצים און פחדנים. כ׳גלויב, אז זי וואלט מיט פארגעניגן זיך צוגעהערט צו מיין איצטיקער לעקטור, ווען אירע אויערן וואלטן נישט געווען פון מערמלשטיין.

ה׳ בערזשערע האט פונאנדערגעשפרייט די צייטונג און אנגעהויבן צו לייענען:

בירואקראטיזם

„אויב מ׳וויל זיך אריענטירן אין דעם דאזיקן ענין, מוז מען אים קודם כל שטודירן גרונטלעך און זיך האלטן ביי א געוויסן קריטישן מעטאד. מ׳זעט למשל, אז די ערשטע דערגרייכן דעם אמת די מענטשן, וואס אדאנק זייערע גייסטיקע פעיקייטן און דער נאטור פון זייערע פארשונגען, זענען זיי

מער ווי אַנדערע מסוגל צו געפינען אַ וועג אין דעם קאָמפּליצירטעסטן לאַבירינט. חוץ דעם איז דערביי נויטיק אַ געוויסע מאָס אינטעליגענץ און אויפמערקזאַמקייט. ביים היינטיקן טאָג איז דער נאָרמאַלער מענטשלעכער פאַרשטאַנד פולשטענדיק דערצו געניט.

„מ'דאַרף זיך לחלוטין נישט חידושן, אויב דער המון האָט ביז איצט אַזוי לאַנג זיך געווערט קעגן דעם אמת. יעדע דערשיינונג האט זיך אירע סבות. אונזער זאַך איז צו אַנטפּלעקן די דאָזיקע סבות. אין איצטיקן פאַל דאַרף מען זיך גאָרנישט אַזוי פאַרטראַכטן, כדי זיך איבערצוצייגן, אַז די עפנטלעכע מיינונג איז גאַנץ לייכט אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות און מ'האָט פשוט מיסברויכט מיט איר לייכטגלויביקייט.

„די פּרעסע האָט פיל מיטגעהאָלפן דעם דער-פאָלג פון שקר. דער גרעסטער טייל צייטונגען זע-נען געקומען צו הילף די פעלשער, די גאַסן-בלעט-לעך פלעגן אָן אויפהער פאַרעפנטלעכן פאַלשע דאָקומענטן אָדער פאַלסיפיקאַטן, רכילות און שקרים.

„מ'מוז אָבער מודה זיין, אַז אין גרעסטן טייל פאַלן האָט די פּרעסע אַזוי געהאַנדלט, ווייל ז האט געוואָלט דערמיט צופרידנשטעלן דאָס פּוב-ליקום און אַנטקעגנ|ומען די אינטימע ווונטשן פון לייענער. אויף אַזוי פיל איז אָבער זיכער, אז דער ווידערשטאַנד קעגן דעם אמת איז געקומען דווקא פון פאָלקס-אינסטינקט.

„דער המון, — און אַלס המון באַצייכן איך די אַלע, וואָס זענען נישט בכוח זעלבסטשטענדיק צו דענקען, — האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער איז בכלל נישט אימשטאַנד עפּעס צו פאַרשטיין. דער

המון האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעלן באַגריף וועגן דער אַרמעע. אין זיינע אויגן איז די אַרמעע דאָס זעלבע, וואָס פּאַראַד, דעפילאַדע, מאַנעוורן, אוני־פאָרמען, זעלנערישע שטיוול, שפּאָרן, עפּאָלעטן, קאַנאָנען, פּײַער.

„די אַרמעע — דאָס זענען אין זיינע אויגן רעקרוטן מיט בענדער אויפן הוט און פלעשלעך ווײַן אונטערן אָרעם, קאַזאַרמעס, מיליטער־איבונ־גען, פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, קאַנטינע. די אַרמעע איז פאַרן המון אַ נאַציאָנאַל בילדערבוך: — עס אַנט־האַלט אַן אַ שיעור קליינע גלאַנצנדיקע בילדער פון אונזערע קריגס־מאָלער, וואָס מאָלן אוניפאָרמען, פריש אָראָפּגענומען פון דער נאָדל און זייבערע עלאַכטן. די אַרמעע — דאָס איז ענדלעך דער סימבאָל פון קראַפט און זיכערקייט, פון נאַציאָנאַלן כבוד און רום.

„צי האָט מען געקאָנט גלויבן, אַז די דאָזיקע אָפיצירן, וואָס פּאַראַדירן אויף פערד אין גאָלדענע גאַלאַ־אוניפאָרמען און קלינגען מיט די שווערדן, זאָלן זיך פאַרשליסן אין איין צימער און צוזאַ־מען מיט די געהיים־אַגענטן פון דער פּאָליציי זיצן איינגעבויגן ביים טיש, מאַניפּולירן מיט דער מעק־גומע און פעלשן דאָקומענטן, כדי אומצוברענגען אַן אומשולדיקן מענטש.

„זייערע פאַרברעכנס האָבן גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט דער אַטמאָספער פון מאָרגן־אַרויסמאַרש, פון מאַנעוורן און פון שלאַכט־פעלד. פון זיי האָט זיך געטראָגן דער דעמפיקער ריח פון קאַנצעלאַריעס. און אין דער אמתן, אַלע מיטלען, וואָס מ'האָט זיך באַדינט מיט זיי כדי צו פאַר־דעקן דאָס יוסטיץ־פאַרברעכן פון יאָר 1895. די גאַנצע עקלהאַפטע, מיאוסע העץ־קאָמפּאַניע, אַלע די

שענדלעכע און פארברעכערישע שיקאנעס, — זענען דורכגעזאפט מיט אן עפושדיקן ריח, מיטן דעמפיקן שווייס פון קאנצעלאריעס.

„אט־א די פיר קאנצעלאריע־ווענט. אויסטאפעטירט אין גרינער קאליר, דער דערמאנער אביגאטיש, דער פארצעליינער טינטער, דער שראם, דאס פאפיר־מעסער, די קארטקע אויפן קאסטן, די טעקע מיט די פארשידענע אקטן, דער לעדערנער שטול — אט די אלע קאנצעלאריע־מכשירים ווארפן אן אן אומהיימלעכע מרה־שחורה און ברענגען ארויף אויפן געדאנק יענע באנק־קוועטשער, אזוי אפט באזונגען פון דיכטער, יענע פוילע און עלנטע קאנצעלאריע־שרייבערלעך, וואס זענען הכנעהדיק און גלייכגילטיק איינגעבילדעט צוליב זייער פולשטענדיק אומנוצלעכער ארבעט, און דערביי אינטריגירן זיי איינער קעגן דעם אנדערן.

„און אלץ, וואס איז נידערטרעכטיק, פאלש, צביעותדיק, געמיין און עקלדיק, אלץ, וואס איז געשאפן געווארן מיט דער הילף פון פעדער און פאפיר. פון ביזוויליקייט און קליינקעפלדיקייט, דאס אלץ שטאמט פון א ווינקל אין יענער געביידע, וואס אויף איר זענען אויסגעהאקט אין שטיין שטאלצע קריגס־טראפעען און רויכערדיקע גראנאטן.

„די ארבעטן, וואס זענען דארט אויסגעפירט געווארן אין משך פון גאנצע פיר יאר, האבן געהאט דעם צוועק אנצוזאמלען קעגן א פאראורטיילטן באווייזן, וואס מ'האט נישט באוויזן זיך צו פארשאפן פאר זיין פאראורטיילונג; מיט דער הילף פון די געפעלשטע דאקומענטן האט מען געוואלט באפרייען דעם אמתן שולדיקן. דהגם יעדער האט אים געהאלטן פאר שולדיק און ער אליין האט

עס אויך נישט פאַרלייקנט. דאָס אַלץ איז אַזוי צומדערהערט און שרעקלעך, אַז דער פשוטער דורכשניטלעכער פראַנצויז איז ממש נישט אימשטאַנד עס צו באַגרייפן.

„דאָס אַלץ ווירקט, ווי אַ טראַגישע פאַרסע, וואָס מאַכט אַ שלעכטן איינדרוק אין אַ לאַנד, ווו אין דער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ שאַרפע מחיצה צווישן די פאַרשידענע דיכטונג־מינים. מען מוז אויסטאַרפן און זיך גענוי באַקענען מיט אַלע דאָקומענטן און מיט דעם גאַנג פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען, כדי זיך איבערצייגן, אַז די אַלע אינטריגעס און באמת חוצפהדיקע און פאַרברעכערישע מאַנעוורן שטיצן זיך אויף דער נאַקעטער ווירקלעכקייט. און ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס דאָס שלעכט אינפאָרמירטע פובליקום האָט נישט געוואָלט גלויבן דעם אמת, הגם ער איז אַלגעמיין באַקאַנט געווען.

„און דאָך איז עס אמת, אַז ערגעץ אין די קולוארן פון קריגס־מיניסטעריום, אויף אַ שטח פון דרייסיק קוואַדראַט־מעטער אויסגעוואַקסן דיל, האָבן אַ פּאָר ביוראָקראַטן אין קעפּי פאַרראַטן די יוסטיץ מיט זייערע אומפאַרשעמטע פעלשונגען און אַ גאַנץ פאָלק אַריינגעפירט אין אַ טעות. אָבער אויב דער דאָזיקער פּראָצעס האָט אַרויסגעטראָגן אויף דער ליכטיקער שיין אַ טיפע פאַרדאָרבנקייט פון די מדות, האָט ער גלייכצייטיק געגעבן אַ געלעגנהייט פאַרן אַרויסטריט פון עטלעכע שיינע מענטשלעכע כאַראַקטערן.

„און אין דער זעלבער קאַנצעלאַריע האָט זיך געפונען איינער, וואָס איז לחלוטין נישט ענלעך געווען צו זיינע א בריקע חברים. זיין גייסט איז געווען קלאָר, שאַרף און פאַראויסזעעוודיק, זיין

כאראקטער — גרויסהארציק, זיין נשמה — געדולדיק, הומאניטאר און אומענדלעך גוט.

„ער האט געהאט א נאמען פון איינעם פון די אינטעליגענטסטע אפיצירן אין דער ארמעע. נישט געקוקט דערויף, וואס זיינע אויבן אויסגערעכנטע מעלות האבן אים געקאנט ברענגען פיל מער שאדן, איז ער דער ערשטער צווישן די אפיצירן אין זיינע יארן, נאמינירט געווארן אלס לייטענאנט-קאלאנעל, און מ'האט אים פאראויסגעזאגט א גלענצנדע צוקונפט.

„זיינע פריינד אין גאנץ גוט באקאנט געווען זיין עטוואס איראנישע גוטסקייט. זיי האבן אויך געוווסט, אז ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט א שטארק אנטוויקלט עסטעטיש געפיל, אז ער האט געהאט אסך חוש פאר מוזיק און שיינע ליטעראטור און זיך זייער גוט געפילט אין דער וועלט פון אי-דעען און געדאנקען.

„ווי אלע מענטשן, וואס פירן א טיף-דורכ-געטראכט, אינערלעך לעבן, אזוי האט ער איינזאם און אפגעזונדערט פון אלע, אנטוויקלט זיינע אינ-טעלעקטועלע און מאראלישע פעיקייטן. די דאזיקע נייגונג צו פירן אן אינערלעך, פארשלאסן לעבן, זיין גאטירלעכע פשטות, זיין גרייטקייט צו מסירת-נפש, זיין מילדער כאראקטער, — דאס אלץ האט געשאפן פון אים יענעם טיפ זעלנער, וואס אל-פרעד דע וויני האט אים באזונגען אין זיינע ווערק, — שטילע העלדן פון א וואכעדיקן טאג, וואס באהויכן די איינפאכסטע טאג-טעגלעכע אר-בעטן מיט זייער אידעלן גייסט; ער האט גע-הערט צו דעם טיפ העלדן, וואס פאר זיי איז די אויספירונג פון זייערע רעגלמעסיקע פליכטן די פאעזיע פון לעבן.

„אַט דער דאָזיקער אָפיציר איז איבערגעשיקט געוואָרן אין דער צווייטער אָפּטיילונגז און דאָרט האָט ער אַ געוויסן טאָג אַנטדעקט, אַז דרייפוס איז פאַרמשפט געוואָרן פאַרן פאַרברעכן פון ד'עסטערהאַזי. ער האָט דאָס מיטגעטיילט זיינע עלטסטע.

„לכתחלה האָבן זיי געפּרוווט מיט גוטן, דערנאָך מיט בייזן, אַז ער זאָל איבעררייסן זיינע אויספאָרשונגען. וואָרים, אויב די אומשולד פון דרייפוס וואָלט טאַקע אויפגעקלערט געוואָרן, וואָלטן דאָך דערמיט אויפגעדעקט געוואָרן זייערע פעלערס און פאַרברעכנס. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער מאַכט אַ תל פון זיין קאַריערע, אויב ער וועט זיך באַצייטנס נישט צוריקציען פון דאָזיקן אומאַנגענעמען ענין. אָבער נישט געקוקט דערויף איז ער פאַרט געבליבן ביי דאָס זייניקע.

„לאַנגזאַם און זיכער, רויק און איינזאַם אין זיין העלדישער אַרבעט, האָט ער ווייטער געפירט די אויספאָרשונג. מ'האָט אים דערווייטערט פון זיין אַמט. מ'האָט אויסגעזוכט עפּעס אַן אויסרייד און אים אַוועק עשיקט קיין גאַרדע און דערנאָך צו דער טריפּאָליטאַנישער גרענעץ, אין דער האָפנונג, אַז ער וועט אומקומען אין די קאַמפן מיט די אַפריקאַנישע פאַרטיזאַנען.

„דער פּלאַן אומצובריינגען אים פון דער וועלט איז נישט געלונגען; ט'האָט דעריבער געפּרוּווט אָנצורירן זיין כבוד. אַ מבול פון געמיינע און ביזוילעקע רכילות האָט פון אַלע זייטן זיך אָנגעהויבן צו שיטן אויף אים. מ'האָט אים געגעבן די פאַרשידנסטע הבטחות, אַבי נאָר נישט צו דערלאָזן, אַז ער זאָל אַרויסטרעטן אויפן זאָלאַ-פּראָצעס.

„ער איז אָבער ארויסגעטרעטן אויפן פּראָצעס. ער האָט גערעדט רויק, מיט דער אויפריכטיקייט פון אַ מענטש, וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום געפאַר, אין זיין קאמף פאַר גערעכטיקייט און יושר. אין זיין רעדע איז נישט געווען קיין איין איבעריק און איבערגעטריבן וואָרט. די שטים פון אַ מענטש, וואָס טוט זיין טאָג-טעגלעכע התחיבות, און פאַרטראַכט זיך אפילו נישט אויף איין רגע, אז צו אזא ארויסטריט מוז מען באמת האָבן אַן אויסערגעוויינלעכן קוראַזש. און די דראָונגען און פאַרפאָלגונגען פון זיינע שונאים האָבן אפילו אויף קיין איין רגע נישט געקאָנט צעברעכן זיין מוט.

„אַ סך מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז כדי אויסצופירן זיין טאַט, צו באַווייזן די אומשולדיקייט פון אַ ייד און דאָס פאַרברעכן פון אַ קריסט, האָט ער געמוזט זיך אויפהייבן איבער אַלע קלעריקאַלע איבערגלייבענישן, גובר זיין די אנטיסעמיטישע ליידנשאַפטן, וואָס זענען איינגעוואָרצלט געווען אין זיין נשמה נאָך פון די קינדער-יאָרן אָן. וואָרים ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אויף דער אַלטער, פראַנצויזישער עלזאַס-ערד.

„אָבער די אַלע, וואָס קענען אים, ווייסן גאַנץ גוט, אַז ער איז פולשטענדיק פריי פון יעגליכן פאַנאַטיזם, אַז זיינע געדאַנקען זענען קיינמאָל נישט באַהערשט געווען פון אַ סעקטאַנטישן גייסט, און זיין חויכע, ווייט נישט דורכשניטלעכע אינטעליגענץ האָט אים אויפגעהויבן איבער יעדער שנאה און פאַרטייאישקייט, וואָרים ער איז געווען דורכאויס אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער גייסט.

„זיינע שונאים זענען אָבער נישט אימשטאַנד געווען צוצונעמען ביי אים זיין אינערלעכע פרייהייט וואָס איז דער גרעסטער אוצר פון מענטש. ער

איז פאַרבליבן פריי אין דער תּפיסה ווו זיי האָבן אים איינגעזעצט, וואָס אירע שטיינער וועלן, לויט די רייד פון פענאַנד גרעג, בילדן דעם פונדאַמענט פון זיין דענקמאָל. די בריוו, וואָס ער האט געשריבן אין די טעג פון זיין אַרעסט אָטעמען מיט אינערלעכער רויקייט און נשמה-גרויסקייט און זענען אַ באַווייז פון אַ זעלטן פרייען גייסט. און דווקא נישט קיין אַנדערע ווי זיינע פאַרפאָלגער און שונאים זענען געפאַנגען געוואָרן אין דער נעץ פון זייערע אייגענע שקרים און פאַרברעכנס.

„אַ ריי עדות האָבן געשילדערט ווי ער האָט אפילו הינטערן שלאָס פאַרבאהאלטן זיין אינערלעכע רויקייט. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלטיקע באַוועגונג. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער געלערנטע, סטודענטן און אַרבעטער, און פון אַלע זייטן זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן אַן אַ שיעור פּעטיציעס, ווו מ'האָט געבעטן, געפאָדערט צו מאַכן אַ סוף צום דאָזיקן אומדערהערטן יוסטיץ-סקאַנדאַל; און בעת לואי אווע האָט אים באַזוכט אין תּפיסה האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט: „איך בין רויקער פאַר אייך.”

„איך גלויב פונדעסטוועגן, אַז ער האָט געליטן. איך גלויב, אַז ער האָט שווער געליטן פון דער אַרומיקער געמיינקייט און צביעות, פון דער שרעקלעכער, אומדערהערטער אומגערעכטיקייט, פון דער עפּידעמיע פון פאַרברעכנס און שגעון, וואָס האָט באַהערשט און געמאַכט בלאָנזשען דעם פינצטערן המון. און ווי זשע-דען האָט ער נישט געקענט ליידן, בעת ער האָט געזען, אַז די מענטשן זענען אַ סך ערגער ווי זיין פילאָזאָפישער גייסט האט

דאס פאראויסגעזעען, ווי זיי זענען פי נרעסערע פחדנים און שוטים, ווי עס האבן צומאָל נישט פאראויסגעזעען די פסיכאלאגן אין זייערע ארבעטס קאַבינעטן ?

„איך גלויב, אז ער האָט טיף אין הארצן געליטן, אין זיין הארץ וואָס האט שטענדיק געשוויגן, איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון סטאָיציזם.

„איך וואָלט מיך בער געשעמט צו באַקלאגן זיין גורל, איך וואלט מיך געשראָקן, אז די געפילן פון מענטשלעכן רחמנות זאָלן נישט אמאל דערגרייכן צו זיינע אויערן און באַליידיקן דעם גערעכטן שטאָלץ פון זיין הארץ.

„זייט פון צו באַדויערן אים, וואָלט איך געזאגט, אַז ער איז געווען גליקלעך, גליקלעך, ווייל ער איז שטענדיק געווען גרייט און פריי פון יעדער שוואכקייט. ער איז געווען גליקלעך מחמת דעם, וואָס אומגעריכטע אומשטענדן האָבן אים דערלויבט צו באווייזן די אמתע גרויסקייט פון זיין נשמה, זיין ליבע צו גערעכטיקייט און זיין פשוטע העלדישקייט.

„ער איז געווען גליקלעך, ווייל ער האט געגעבן אַ ביישפיל די בירגער און סאלדאטן. לאָמיר איבערלאָזן דעם רחמנות פאר די, וואס זענען געפאלן אויפן וועג. דער קאלאנעל פיקאר פארדינט בלויז באוואונדערונג.״

ה׳ בערזשערע דאט געענדיקט לייענען און איינגעלייגט דאס בלאט. דער דענקמאל פון דער קיניגין מארגעריט פון באווארע האט זיך געבאדן א ראזן ליכט. אויף מערב-זייט איז דער הימל געווען באדעקט מיט גליענדע וואָלקנס, וואָס זענען ענלעך געווען צו אַ פאַנצער פון רויטן קופער.

XIV

יענעם אָווגוסט האָט דעם ה׳ בערזשערע באַזוכט זיין פריינד זשימאזש.

אַלפאָנס זשימאַזש און לוציאן בערזשערע זענען געבוירן געוואָרן אין איין און דעם זעלבן טאָג, אין דער זעלבער שעה, און זייערע מאמעס, צוויי גוטע פריינדינס, פלעגן גאַנץ אָפט פירן לאַנגע שמועסן אויף דער דאָזיקער טעמע. זיי זענען טאַקע ביידע צוזאַמען אויפגעוואַקסן.

אויף לוציאנען האָט עס נישט געמאכט קיין באַזונדערן איינדרוק, וואָס ער האָט דערזען די שיין פון דער וועלט אין דער זעלבער רגע, וואָס זיין פריינד אַלפאָנס. אַלפאָנס אָבער, וואָס איז געווען מער עמפפינדלעכער פון דער נאַטור, פלעגט מיט גרויס הנאה טראַכטן וועגן דאָזיקן געשעניש.

ער פלעגט זיך נוהג זיין גאַנץ אָפט צו פאַרגלייכן זייערע ביידע עקזיסטענצן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין איין און דער זעלבער צייט, און ביסלעכווייז איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג אַז זיי זענען ביידע אַוועק אויף איין און דעם זעלבן לעבנס-וועג.

ביידע האָבן שטודירט פילאָזאָפיע, און אַזוי ווי זשימאַזש האָט ליב געהאַט דורכצופירן פאַראַלעלן צווישן זייער צווילינגס

קאַריערע פלעגט ער זיך פאַרשאפן אַן אַ שיעור דאגות און אומ־זיסטע קאָפ־פאַרדרייעניש, וואָס האָבן פאַראומערט די נאַטירלעכע פרייטערקייט פון זיין נשמה.

אַז ה' בערזשערע האָט באַקומען אַן אוניווערזיטעטס־קאַטעדרע, בעת ער אַליין איז געווען נישט מער, ווי אַ לערער פון גראַמאַטיק אין אַ מיטלמעסיקן גימנאַזיום, האָט ער דערין געזען אַ פאַרלייקענונג פון דער געטלעכער גערעכטיקייט, וואס איר בילד איז געווען אויסגעקריצט אין זיין הארצן. ער איז געווען צופיל אָרנטלעכער מאן, כדי צוליב דעם האָבן פאראיבל אויף זיין פריינד, אָבער בעת בערזשערע האָט באַקומען א קאַטעדרע אויף דער סאָרבאָנע האָט זיין סימפאַטיע דערפון שטארק געליטן.

ג א ווייטערער, עטוואָס משונהדיקער פועל־יוצא פון דער דאָזיקער פאַראלעל־עקזיסטענץ איז געווען דאָס, וואָס זשימאַזש פלעגט זיך נוהג זיין שטענדיק צו טון פונקט דעם היפך, וואָס בערזשערע. הגם ער איז געווען אַן ערלעכער און אָנשטענדיקער מענטש, האָט ער אָבער בשום אופן נישט געקאָנט גובר זיין אין זיך דעם חשד, אַז זיין פריינד האָט געמאכט אזא גלענצנדע קאריערע א דאנק געוויסע בייזוויליקע שפעקולאציעס.

צוליב די און אנדערע מערקווידיקע סבות, מיט וועלכע ער האָט געפרווט זיך אליין איבערצוצייגן, און מחמת דעם וואָס ער האט זיך בכלל געהאלטן פאר פארפליכטעט צו האנדלען פונקט קאפויער, ווי זיין פריינד, איז ער צוגעשטאנען צו די נאציאנאליסטן, בעת ער איז געווויר געוואָרן, אַז דער אוניווערזיטעט פראָפעסאר איז אַן אָנהענגער פון דער רעוויזיאָנס־פארטיי.

ער האָט זיך פאַרשריבן אַלס מיטגליד אין דער ליגע „אַזשיטאַסיאָן פראַנסעז”, און פלעגט אפילו אָפט אַרויסטרעטן מיט רעדעס אויף אין אַלע אַנדערע פראַגן; אַלץ איינס, צי עס האט זיך געהאַנדלט מכּוח שפּאָרזאַמער באַהייצונג אָדער וועגן דער לאַטיינישער גראַמאַטיק, האָט ער אַלעמאָל געמוזט האָבן פונקט אַ פאַרקערטע מיינונג, ווי זיין פריינד. און פונקט

ווי ה׳ בערזשערע איז נישט אַלעמאָל געווען אומגערעכט, אַזוי איז זשימאַזש נישט אַלעמאָל געווען גערעכט.

די דאָזיקע היפּכדיקייט, וואָס איז אין משך פון אַ סך יאָרן אויסגעוואָקסן ביז צו אַ געגוייען סיסטעם, איז אָבער נישט געווען בכוח אָפּצושוואַכן זייער לאַנג־יעריקע פריינדשאַפט. זשימאַזש פלעגט זיך אויפריכטיק אינטערעסירן מיט זיין פריינדס גורל, און ווי נאָר ער איז געוווי׳ר געוואָרן, אַז ס׳האָט אים געדראָט עפּעס אַן אומגליק, פלעגט ער אים קומען באַלד צוהילף. ער איז געווען אַ פריינד אין אַן עת־צרה.

יענעם אָוונט, בעת ער האָט זיך דערנענטערט צו זיין אַלטן פריינד, איז אין זיין גאַנצער באַנעמונג געלעגן עטוואָס אומרויִקעס, אַ געמיש פון פרייד און זאָרג, וואָס איז בערזשערען גאַנץ גוט באַקאַנט געווען.

— ווי איז דיין געזונט? אפשר שטער איך דיר?

— ניין. כ׳האָב נאָר וואָס דורכגעלייענט אין די „מעשהלעך פון טויזנט אין איין נאַכט״, אין אַ נייער איבערזעצונג פון דאָקטאָר מאַרדרי, די געשיכטע פון טרעגער מיט די צוויי יונגע מיידלעך. די נייע איבערזעצונג האַלט זיך גענוי אין די ראַמען פון אָריגינאַל און צעגייט זיך פולשטענדיק מיט דער אויסגאַבע פון „טויזנט און איין נאַכט״, וואָס איז איבערגעזעצט פון אונזער אַלטן גאַלאַן.

— כ׳האָב געוואָלט מיט דיר איבעררעדן וועגן אַ געוויסן ענין... דאָס איז אָבער נישט אַזוי וויכטיק... אַזוי, דו האָסט אַלזאָ געלייענט די מעשהלעך פון „טויזנט און אײן נאַכט?...

— יאָ. — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט. — איך לייען די דאָזיקע מעשהלעך צום ערשטן מאָל. וואָרים דער אָרנטלעכער גאַלאַן גיט אונז וועגן זיי קוים אַ שוואַכע פאָרשטעלונג. דאָס איז אַ גלענצנדער דערציילער, וואָס האָט מיט געוויס זאָרגעוודיקייט פאַרבעסערט די אַראַבישע מנהגים. זיין שעכערעזאַדע האָט באמת אַ גרויסן ווערט. דערפאַר טראָגט אויף זיך די נייע איבערזעצונג דעם כשוף פון דער אַראַבישער קולטור.

— איך ברעוג דיר אַן אַרטיקל, — האָט זשימאַזש געזאָגט. איך חזר אָבער איבער נאָכאַמאָל, אַז ס'איז נישט אַזוי וויכטיק.

און ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַן אײַנגעוויקלט בלאַט. ה' בערזשערע האָט פּאַמעלע אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער צײַטונג. אָבער זשימאַזש האָט זי צוריק אַרײַנגעלייגט אין טאַש אַרײַן. ה' בערזשערע האָט צוריקגעצויגן די האַנט, און זשימאַזש האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט צוריק אַנידערגעלייגט דאָס בלאַט אויפן טיש.

— כ'חזר איבער נאָכאַמאָל, אַז ס'איז נישט קיין וויכטיקער ענין. כ'האָב אָבער געמיינט, אַז ס'וואָלט געווען בעסער... ס'קאָן זיין, אַז ס'וואָלט בעסער געווען, ווען דו וואָלס געוווּסט... דו האָסט שונאים, אַ סך שונאים...

— דו חנפסט מיך. — האָט ה' בערזשערע געזאָגט.

ער האָט גענומען דאָס בלאַט און אַדורכגעלייענט די שורות, וואָס זענען געווען אונטערגעשטראָכן מיט אַ בלויער בליישטיפט:

„עפּעס אַן אָנהענגער פון דרייפוס, מיטן נאָמען בע־זשערע, וואָס האט ביז נישט לאַנג וועגעטירט אויף דער פּ־אָווינץ, האָט איצט באַקומען אַ קאַטעדרע אויף דער סאָרבאָנע. די סטודענטן פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט פּראָטעסטירן ענערגיש קעגן דער נאָמינאַציע פון דאָזיקן אַנטיפראַנצויזישן פּראָטעסטאַנט.

„עס וווּנדערט אונז גאָרנישט, ווען מיר ווערן געוווּיר, אַז אַ גרויסער טייל פון די סטודענטן איז אַנטשלאָסן אויסצופייפן, ווי ער פאַרדינט, דעם דאָזיקן שמוציקן דײַטשן ייִד, וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן דורכן מיניסטעריום פון עפנטלעכן פאַרראַט".

אַז ה׳ בערזשערע האָט געענדיקט לייענען, האָט זשימאָוש געזאָגט:

— לייען עס בעסער נישט. אַ שאָד די טרחה. נישט וויכטיק!

— דו ביסט גערעכט, ס׳איז טאַקע אַ קלייניקייט, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט. — לאָז מיר איבער די דאָזיקע קלייניקייט, פאַר מיר איז דאָס אַ טונקעלער און שוואַכער, אָבער גלייכצייטיק אַ ערווערדיקער און אמתער באַווייז פון דעם, וואָס איך האָב אויפגעטון אין שווערע צייטן. איך האָב נישט אויפגעטון אַ סך. אך האָב מיך אָבער סוף כּל סוף אויסגעשטעלט אויף אַ געוויסער געפאַר.

דער דעקאַן שטאַפּפער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זיין טעטיקייט פאַר זיין אַרויסטריט וועגן פּראָצעס בעת אַ לויה. ה״ בורזשואַ האָט איצט די אויבערהאַנט אין א.גיווערזי-טעט-סענאַט. איך האָב שוין איבערגעלעבט ערגערע צייטן. ווען נישט די ענערגישע שטיצע פון סענאַט, וואָלט איך שוין לאַנג באַזייטיקט געוואָרן פון אוניווערזיטעט.

פריער האָב איך וועגן דעם אײנגאַנצן נישט געטראַכט. אָבער ווען איך זאָל מיך גוט פאַרטראַכטן, דאַרף איך איצט פאָדערן דעם לוין פאַר מיינע מעשים. צי קאָן איך מיך ריכטן אויף אַ שענערן און בכּבודיקערן לוין, ווי אויף די זלזולים פון די שונאים פון דער יוסטיץ? איך וואָלט מיר באמת גע-ווונטשן, אַז דער זשורנאַליסט, וואָס האָט מיר קעגן זיין ווילן אַרויסגעגעבן אַזאַ אַטעסטאַט, זאָל זיינע געדאַנקען אויסדריקן אין אַן עטוואָס איידעלערער פאָרם. דאָס וואָלט אָבער באַדייט פאָדערן פון אים צו פיל.

ביי די רייד האָט ה׳ בערזשערע גענומען זיין העלפאַנט-ביינערן מעסער און אָנגעהויבן וויטער אויפצושניידן די זייטלעך פון די מעשהלעך פון „טויזנט און איין נאַכט״.

ער האָט ליב געהאַט אויפצושניידן ביכער. ער איז גע-

ווען אַ תּלמיד־חכם און געוואַלט געניסן פון יעדן פאַרגעניגן־ וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר זיין שטעלונג.

דער שטרענגער זשימאַזש האָט אים ניט געקענט פאַר־ גינען דאָס דאָזיקע אומשולדיקע פאַרגעניגן. און ער האָט אים אַ צי געטון פאַרן אויער:

— הער מיך אויס, לוציאַן. איך האָב אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג וועגן פּראָצעס, ווי דו. איך דהאָב פאַראורטיילט דיין האַנדלונג. איך פאַראורטייל זי נאָך איצט. איך האָב מורא, אַז זי וועט ברענגען אַ גרויסן שאָדן דיין צוקונפט. די אמתע פּראָגנאָזן וועלן עס דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין.

איך מוז אָבער פעסטשטעלן, אַז איך בין ניט אינגאַנצן מסכים מיטן אופן, ווי אַזוי געוויסע בלעטער פּאָלעמיזירן מיט דיר. איך פאַראורטייל אַזאַ פּאָלעמיק. דו צווייפלסט מסתמא ניט אין מיין אויפריכטיקייט?

— איך צווייפל ניט אין דיין אויפריכטיקייט.

זשימאַזש האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער ווי־ דער אָנגעהויבן:

— נעם אין באַטראַכט, לוציאַן, אַז מ׳האָט דיך אָנגעגריפן אין דיין אָפיציעלן אַמט. דו קאָנסט אויפפאָדערן צו אַן ערן־ געריכט דעם זשורנאַליסט, וואָס האָט דיך באַליידיקט. איך גיב דיר ניט אַזאַ עצה, וואָרים ער וואָלט סיי ווי סיי פריי־ געשפּראָכן געוואָרן.

— דאָס איז לייכט פאָראויסצוזעען, — האָט ה׳ בערזשע־ רע געזאָגט, — נאָך דערצו, בעת מ׳וועט נעמען אין באַטראַכט, אַז איך וועל ניט קומען אין געריכטס־זאַל אין אַ הוט מיט פעדערן אויפן קאָפּ, מיט אַ שווערד ביי דער זייט, מיט קלינ־ גענדיקע שפּאָרן, אין דער באַגלייטונג פון צוואַנציק טויזנט קאַמעלאָטן. כ׳וויס בכלל ניט, צי מיין אָנקלאַגע וואָלט דורך די ריכטער באַריקזיכטיקט געוואָרן.

נעם אין באַטראַכט, אַז ווען מ׳האָט איבערגעגעבן די ריכטער דעם בריוו, וואָס עמיל זאָלאַ האָט אין אַן איינגעהאַל־ טענעם טאָן געשריבן צום מלוכה־פּרעזידענט, האָבן זיי אים

צומאָל נישט באטראַכט און מיט אַ לייכט הארץ פאַראורטיילט דעם מחבר. זיי האָבן עס געטון אונטערן דרוק פון די זעלבע קאַמיזלאָטן, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט אוממענטשלעכע געשרייען, אונטער שרעקלעכע דראָונגען, ביים סקאַנדאַליעזן געקלאַגג פון געוועד. איך האָב ליידער נישט אין מיין רשות אזא אַפּאַראַט. עס איז דעריבער גאָר וואַרשיינלעך, אַז ער וועט באַפרייט ווערן.

— דו קאָנסט דאָך אָבער נישט לאָזן די רכילות אָן אַן ענטפער. וואָס רעכנסטו צו טון?

— גאָרנישט, איך האַלט מיך פאַר צופרידנגעשטעלט. די רכילות פון דער פרעסע פאַרשאַפן מיר דעם זעלבן כבוד, וואָס אירע לויב רייד. דער אמת באַדינט זיך אין דער פרעסע מיט זיינע שונאים. פונקט ווי מיט זיינע פריינד. בעת אַ נישטיקע צאָל מענער טרעטן אַרויס קעגן דער שענדלעכער פאַראורטיילונג פון אַן אומשולדיקן, כדי צו ראַטעווען פראַנקרייכס כבוד, ווערן זיי פאַרשריגן ווי פאַררעטער און ווי שונאים פון פאָלק און פון דער רעגירונג.

נישט געקוקט אָבער אויף די רכילות, זאָגן זיי אַרויס זייערע איבערצייגונגען, און אַדאַנק זייער שטים זענען זיי די שטאַרקערע. דער גרעסטער טייל פון דער פרעסע אַגיטירט קעגן זיי מיט אויסערגעוויינלעכער התלהבות. דאָס ווייסטו דאָך אליין זייער גוט! אָבער נישט ווילנדיק דינט אויך די פרעסע דעם אמת, און בעת זי פאַרעפנטלעכט די געפעלשטע דאָקומענטן...

— מ'האָט נישט געפעלשט אַזוי פיל דאָקומענטן, ווי דיר ווייזט זיך אויס, לוציאַן.

— ... העלפט זי אַליין מיט, אַז זייער פאַלשקייט זאָל פעסטגעשטעלט ווערן. דער שקר איז קיינמאָל נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרניכטן זיינע צעשטויבטע כוחות. דער אמת פאַרמאָגט אַ פאַרקייטלונגס-קראַפט, וואָס איז גאָרנישט בנמצא ביים שקר. דער אמת איז פאַרפאַנצערט קעגן די רכילות און שנאת-דם מיט אַ קייט, וואָס קיין שום קראַפט אין דער וועלט איז

נישט בכוח זי צו צערייסן. דעם נצחון פון אונזער זאך פאר־דאנקען מיר אין א גרויסער מאס דער פרעסע־פרייהייט.

— איר האט נאך אבער נישט אפגעהאלטן קיין נצחון, — האט זשימאזש אויסגערופן, — און מיר זענען נאך נישט באזיגט! פונקט להיפך. די עפנטלעכע מיינונג האט זיך ארויס־געזאגט קעגן אייך. עס טוט מיר לייד, וואס איך מוז עס דיר זאגן, אבער מ׳האט אייך פיינד, דיך און דיינע פריינד, מ׳האט אייך איינשטימיק געשטעלט מחוץ למחנה. מיר די באזיגטע? דו מאכסט חוזק, דאס גאנצע לאנד איז מיט אונז.

— דערפאר ליידט איר א מאראלישע מפלה, אויב איך זאל בלויז נעמען אין באטראכט דאס אויסערלעכע פון דער זאך, וואלט איך מיך געהאלטן פאר באזיגט און כ׳וואלט מיך איינגאנצען מיאש געווען אין נצחון פון דער גערעכטיקייט ס׳זענען פאראן אומבאשטראפטע פארברעכער. פעלשונגען או פאלש עדות זאגן ווערן ביי אונז עפנטלעך געלויבט. איך וויל מיר אויך נישט איינרעדן, אז די קעגנער פון אמת זאלן זיך ווען עס איז מודה זיין אין זייער טעות. צו אזא גייסטיקער אנשטרענגונג זענען בלויז פעיק געציילטע, אויסדערוויילטע מענטשן.

דער גייסטיקער צושטאנד האט זיך ביז איצט געוויס זייער ווייניק געענדערט. די עפנטלעכע עם־הארצות איז נאך נישט איינגעבראכן געווארן. די מאסע האט נאך נישט געמאכט דעם אומגעריכטן, חידושלעכן קער אויף לינקס.

און פונדעסטוועגן זענען שוין פארביי די צייטן, ווען דער מלוכה־פרעזידענט איז געווען בכוח צו דערנידריקן דעם פרעסטיזש פון דער יוסטיץ און דער כבוד פון פאטערלאנד. ווען די מיניסטארן פון דער רעפובליק זענען געגאנגען האנט ביי האנט מיט די שונאים פון די אינסטיטוציעס, וואס זענען זיי אנפארטרויט געווארן.

ס׳זענען שוין פארביי יענע צייטן פון ווילדקייט און צביעות, ווען די פאראכטונג פון שכל און די שנאה צו דער גערעכטיקייט זענען געווען אין הסכם מיטן פאלקס־גייסט, או

גלייכצייטיק א מלוכה־דאָקטרין, בעת די, וואָס זענען געווען ביים רודער פון דער מאכט האָבן געשטיצט די כוליגאַנעס, און דער אויסרויף: „זאָל לעבן די רעפובליק!" איז געווען א פארברעכן.

יענע צייטן זענען שוין לאַנג פאַרביי, זיי זענען פאַרזונקען אין תהום פון דער פאַרגאַנגענהייט, אינם אָפּגרונט פון די באַרבאַרישע תקופות.

זיי קענען זיך אומקערן; אונז טיילט נאָך נישט אָפּ פון דער פאַרגאַנגענהייט קיין שום פּאָזיטיווע און פעסטע באַשטימטע וואַנט. זיי זענען פאַרשווּנדן, פּונקט ווי די וואָלקנס פון שקר, וואָס האָט זיי געפירעַמט. דער מינדעסטער ווינט קאָן ווידער צוריקברענגען זייערע פינצטערן שאָטן. אָבער ווען אפילו אלע פינצטערע כוחות זאָלן אייך קומען צו הילף, איז אייער גורל אזוי אויך פאַרחתמעט, און איר וועט אומבאַדינגט גיין פאַרלוירן.

איר זענט מאָראַליש באַזיגט, און דאָס וועט זיך שוין בשום אופן נישט לאָזן פאַריכטן. בעת מ'ליידט אן אויסערלעכע מפּלה, קאָן מען נאָך אלץ שטעלן א ווידערשטאַנד און האָפן אויף א רעוואַנזש. איר טראָגט אין זיך דעם חורבן. די אומבאַדינגטע קאָנסעקווענצן פון אייערע שקרים און פאַרברעכנס שפּאַרן ארויס אויף דער ליכטיקער שיין קעגן אייער ווילן, און איר אליין זעט מיט שרעק, ווי ס'דערנענטערט זיך אייער מפּלה.

איר זענט געווען אומיושרדיק און אכזריותדיק. און דווקא אייער אומגערעכטיקייט און אכזריותדיקייט וועט מאכן פון אייך א תל און אפּווישן אייך פון פּנים פון דער ערד. עס דערנענטערט זיך שוין די שעה, ווען אייער ריזיקע פּאַרטיי, וואָס שטיצט זיך אויף שקר און אומגערעכטיקייט, וועט זיך אָנהייבן פונאַנדערצופאַלן און פון זיך אליין אויפגעריסן ווערן, נישט געקוקט דערויף, וואָס אין פּלוג איז זי אומבאַרירט, רעספּעקטירט און מעכטיק.

ווען עס גייט עס אָן, וואָס אונז פעלט די לעגאַלע סאַנקציע! די איינציק אמתע און נאַטירליכע יוסטיץ ליגט אין ד,

קאָנסעקווענצן פון אַ האַנדלונג, און נישט אין די אויסערלעכע פּאָרמולעס, וואָס קאָנען גאַנץ אָפט פאַרשידן אויסגעטייטשט ווערן צוואָס זאָל מען זיך באַקלאָגן, אַז די ווירקלעכע פאַרברעכער האָבן עובר געווען אויפן געזעץ און פאַרבאַהאַלטן דעם פלומרשטן שיין פון כבוד?

דאָס האָט זייער אַ קליינע באַדייטונג אין אונזער סאָציאַלן מצב, פונקט ווי אַמאָל מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט פאַר דער נאַטור געהאַט אַ גאַנץ קליינע באַדייטונג דאָס פאַרשווינדן ווערן פון די אומגעהייערע ים-חיות, וואָס די האָבן געמוזט אָפּ-טרעטן זייער אָרט פאַר העכערע טיפן חיות.

אַז זשימאַזש האָט פאַרלאָזן זיין פריינד האָט ער לעבן ל׳וקסעמבורגער גאָרטן באַגעגנט דעם יונגן ה׳ גובען.

— כ׳האָב מיך נאָר וואָס געזעען מיטן ה׳ בערזשערע, — האָט ער געזאָגט צו אים, — ער פאַרשאַפט מיט אַ סך זאָרג. איך ב אים געפונען אין זייער אַ דערשלאָגענעם, מרה-שחורה-דיקן מצב... דער פּראָצעס האָט אים אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט.

XV

אַנרי דע ברעסע, זשאָזעף לאַקריס און אַנרי לעאָן זענען געזעסן אין ביוראָ פון מאָנאַרכיסטישן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט אויף דער גאַס דע-בעררי. זיי האָבן באַזאָרגט פאַרשידענע לויפנדע ענינים, דערנאָך האָט זשאָזעף לאַקריס זיך געווענדעט צו אַנרי דע ברעסע:

— טייערער פּרעזידענט, איך האָב צו אייך אַ ביטע: זייט אַזוי גוט און גאָמינירט אויפן פּאָסטן פון פּרעפעקט אַ גוטן ראָיאַליסט; כ׳בין זיכער, אַז איר וועט נישט אָפּזאָגן מיין ביטע, ווען איך וועל אייך פאָרשטעלן די פאַרדינסטן פון מיין קאַנדידאַט.

זיין פאָטער, פערדינאַנד דעל׳אָן, וואַלד-באַזיצער אין וואַלקאָמב, פאַרדינט אין אַלע הינזיכטן נושא חן צו זיין ביים קיניג דאָס איז אַן אונטערנעמער, וואָס זאָרגט פאַר דער פיזישער און-מאָראַלישער טובה פון זיינע אַ־בעטער. ער פאַרטיילט צווישן זיי אומזיסט פאַרשידענע רפואות, און זעט, אז זיי זאָלן יעדן זונטיק רעגלמעסיק באַזוכן די קירך; זייערע קינדער שיקט ער אין די קירכלעכע שולן, ער שטייט אויך אויף דער וואַך, אַז זיי זאָלן אויסוויילן אָרנטלעכע לייט און זיך נישט אָרגאַניזירן אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן.

צום אומגליק איז ער זווכגעפאַלן בעת די לעצטע פאַר-

לאמענטס-וואלן און איז באַזיגט געוואָרן פון זיין קעגנער קאַ-טאַר, ער איז אויך נישט אונטערגעשטיצט געוואָרן פון וויצע-פּרעפעקט אין וואַלקאָמב.

זיין זון גוסטאַוו איז איינער פון די אקטיוויסטע און אינ-טעליגענטעסטע מיטגלידער אין מיין דעפּאַרטאמענטאַלן קאָמיטעט. ער האָט מיט אַ סך ענערגיע אָנגעפירט מיט דער אנטיסעמיטי-שער קאַמפּאַניע אין אונזער שטאָט, און ער איז אַרעסטירט גע-וואָרן בעת דער מאַניפעסטאַציע קעגן לובע אין אָטעי. איר וועט בלי ספק נישט אָפּזאָגן מיין ביטע, טייערער פּרעזידענט, און באַשטימען אַ פּרעפעקטור פאַר גוסטאַוו דעליאָן.

— אַ פּרעפעקטור!... — האָט ברעסע געמורמלט, בלע-טערנדיק די רשימה פון די פונקציאָנערן. — אַ פּרעפעקטור... מיר האָבן נאָך אין אונזער רשות גערע און דראַגיניאַן. ווילט איר אפשר גערע?

זשאָזעף לאַקריס האָט כמעט אומבאַמערקבאַר אַ שמייכל גע-טון און געזאָגט:

— טייערער פּרעזידענט, גוסטאַוו דעליאָן איז מיין מיט-אַרבעטער. אינם באַשטימטן טאָג וועט ער מיר מיטהעלפן צו באַזייטיקן דעם פּרעפעקט וואָרמס-קלאַוועלען. ס'וואָלט דעריבער געווען יושרדיק, אַז ער זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

אַנרי דע ברעסע האָט אַלץ נישט אַראָפּגעלאָזט זיין בליק פון דער רשימה, און געענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. דער יורש פון פּרעפעקט וואָרמס-קלאַוועלען איז שוין נאָמינירט געוואָרן. זיין מאַיעסטעט האָט שוין באַשטימט אויפן דאָזיקן פּאָסטן זשאַק דע קאַד, איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן נעחתמעט די ליסטע פון פירשט אַנרי.

לאַקריס האָט באַמערקט, אַז זשאַק דע קאַד איז פולשטענ-דיק טרעמד אין דעפּאַרטאַמענט. דערויף האָט אַנרי דע ברעסע געענטפערט, אַז מ'קאָן בכלל נישט דיסקוטירן איבער אַ קיניג-לעכן באַפעל.

דער סכסוך האָט אבער אָנגעהויבן אָנצוגעמען שאַרפערע פאָרמען, בעת אנרי לעאָן, צעשפרייט איבער זיין שטול, האָט

אויסגעשטרעקט זײַנע הענט און זיך אָנגערופן מיט אַ שניידנ־דיקן טאָן:

— נישט זשאק דע קאַד און נישט גוסטאַוו דעליאַן וועלן פֿאַרנעמען דעם פּאָסטן פֿון וואָרמס־קלאַוועלען, טאַקע נישט קיין אַנדערער, ווי וואַרמס־קלאַוועלען וועט ווײַטער פֿאַרבלײַבן אויפֿן דאָזיקן פּאָסטן.

ל'אַקריס און דע ברעסע האָבן אָנגעהויבן צו פּראָ־טעסטירן.

— דווקא וואָרמס־קלאַוועלען, און נישט קיין אַנדערער, — האָט לעאָן זיך געהאַלטן בײַ דאָס זײַניקע. — וואַרמס־קלאַוועלען וועט נישט וואַרטן, ביז איר וועט אויסהענגען די ווײַסע קי־ניגלעכע פֿאָן אויף זײַן דאַך, און נישט קיין אַנדערער, ווי דער אינערן־מיניסטער, נאָמינירט דורך דעם קיניג וועט אים טעלעפֿאָניש באַשטעטיקן אין זײַן שטעלונג.

וואַרמס־קלאַוועלען — פּרעפֿעקט פֿון דער מאָנאַרכיע! איך קאָן מיר דאָס גאָרנישט פֿאָרשטעלן, — האָט ה' דע ברעסע זיך אָנגערופֿן, און אין זײַן שטים האָט געקלונגען אַ ביטול־טאָן.

— דאָס וועט אין דער אמתן אַ ביסל שאַקירן, — האָט לעאָן צוגעגעבן, — אָבער אויב דער ריטער דע קלאַוועלען וועט באַשטימט ווערן אַלס פּרעפֿעקט וועט דאַמאַלט קיינער שוין גאָר־נישט האָבן קעגן דעם.

לאָמיר זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס. נישט מיר באַקומען פֿון קיניג די בעסטע אמטן. אומדאַנקבאַרקייט איז די ערשטע פֿליכט פֿון יעטוועדן פּרינץ. אַלע בורבאָנען האָבן אַזוי געהאַנדלט. איך וויל עס טאַקע זאָגן צום שבח פֿון דער פֿראַנצויזישער קי־ניגלעכער דינאַסטיע.

צי גלויבט איר טאַקע, אַז דער קיניג וועט הערשן צוזאַ־מען מיט דער ווײַסער נעלקע, מיט דער קאַרנבלום און דער רויז פֿון פֿראַנקרײַך, אַז ער וועט צונויפֿשטעלן זײַן מיניסטאָרן קאַבינעט פֿון די מיטגלידער פֿון דזשאָקעי־קלוב און נאָמינירן

קריסטיאַנין פאַרן צערעמאָניען-מייסטער? אויב איר מיינט עס טאַקע ערנסט האָט איר אַ גרויסן טעות!

די רויז פון פראַנקרייך, די ווייסע נעלקע און די קאָר.בלום וועלן זיך מוזן צופרידנשטעלן מיט אַ באַשיידענעם אָרט, ער-געץ אין שאָטן. קריסטיאַני וועט ארויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי. און מער נישט. דווקא דערפאַר, וואָס ער איז ארויסגע-טרעטן קעגן לובע, האָט ער דערמיט זיך געבראַכט גרויס שאָדן.

לובע, וואָס איז ביים היינטיקן טאָג אין אונזערע אויגן אַ געמיינער אַפעריסט. וועט מיטן מאָמענט, ווען אַן אנדערער וועט פאַרנעמען זיין פלאַץ זיין אַ דימיסיאָנירטער מיניסטער. ווען דער קיניג וועט אויף די פערד-געיעגן אין אָטעי פאַרנעמען דאָס אָרט פון לובע, וועט ער דאמאָלט האָבן דאָס געפיל, אַז קריסטיאַני האָט געשאַפן אַ פאַלשן פרעצעדענס, און ער וועט אים דערפאַר אוודאי און אוודאי נישט דאַנקבאַר זיין.

מיר אפילו, וואָס פירן היינט אָן מיט דער פארשווערונג, מיר אליין זענען אויך פאַרדעכטיק. אין קיניגלעכן הויף האָט מען בכלל נישט ליב קיין פאַרשווערער. איך זאָג עס אייך, כדי איר זאָלט אייך שפּעטער נישט אַנטוישן. לעבן אָן אילוזיעס דאָס איז דער יסוד פון גליק.

איך וועל מיך לגמרי נישט באַקלאָגן, אויב מיינע פאַר-דינסטן וועלן גאָר גיך פאַרגעסן ווערן. די פּאָליטיק האָט גאָר-נישט צו טון מיט סענטימענטן. און איך ווייס נאָך צו גוט, צו וואָס זיין מאַיעסטעט וועט זיין פאַרפליכטעט, בעת מיר וועלן אים העלפן פאַרנעמען דעם טראָן פון זיינע אבות.

אַ גוטער קיניג מוז קודם כל באַצאָלן פאַר די טובות, וואָס מ'האָט אים פאַרקויפט, ערשט שפּעטער קאָן ער באַפרידיקן די, וואָס האָבן אים געדינט בחנם. דע גרעסטער כבוד און די בעס-טע אמטן וועלן קודם כל צופאַלן — די רעפּובליקאַנער. בכדי די פאַרבינדעטע אַליין וועלן בילדן אַ דריטל פון אונזער פּאָלי-טישן פּערסאָנאַל — זיי האָבן די בכורה פאַר אונז. און דאָס וועט אויך זיין יושרדיק.

גראַמאַנס, אונזער אַלטער פאַרבינדעטער, וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דער רעפּובליק, האָט גאַנץ ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע, בעת ער האָט געזאָגט: „צוליב אייך האָב איך פאַרלוירן מיין סענאַטס-מאַנדאַט. איר מוזט מיר דעריבער געבן אַ פּלאַץ אין פּערן-הויז." ער וועט אים אויך באַקומען און סוף כּל סוף האָט ער אים כשר פאַרדינט.

אָבער די צאָל פון די פאַרבינדעטע וועט נאָך אַלץ זיין קליין אין פאַרגלייך מיט דער צאָל פון די טרייע רעפּובליקאַנער, וואָס וועלן איבערגיין צו אונז ערשט אינעם לעצטן מאָמענט. זיי טאַקע וועלן באַקומען די פּאָרטפעלן, די גאָלדגעשטיקטע אוניפאָרמען, די טיטלען און מתנות. צי ווייסט איר כאָטש ווו עס געפינען זיך אין איצטיקן מאָמענט אונזערע צוקונפטיקע מיניסטאָרן און אַ העלפט פון די פראַנצויזישע פּערן? זוכט זיי נישט אין אונזערע קאָמיטעטן, ווו מ'איז אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר איינגעזעצט צו ווערן אין תפיסה ווי אַ פּשוטער פאַרברעכער, ווי אויך נישט צווישן די בלאָנדזשעדיקע הויף-לייט פון אונזער יונגן פּרינץ, וואָס ריכט אָפּ גלות אין דער פרעמד.

איר וועט זיי אָבער געפינען אין די קאָרידאָרן פון די ראַדיקאַלע מיניסטאָרן, אין די סאַלאָנען פון עליזייען-פּאַלאַץ און ביי אַלע קאַסע-פענסטערלעך אין גאַנצן לאַנד. צי האָט איר שוין געהערט אַמאָל וועגן טאַלעיראַן און פושע? צי האָט איר דען קיינמאָל נישט געלייענט די געשיכטע, אַפילו אין די ביכער פון ה' עמבער דע סען-אַמאַן?...

נישט קיין עמיגראַנט, נאָר דווקא אַ קיניגס-מערדער איז אין יאָר 1815 באַשטימט געוואָרן דורך לואי דעם אַכצנטן אויפן פּאָסטן פון פּאָליציי-מיניסטער. אונזער יונגער קיניג איז בלי ספק נישט אַזוי דורכגעטריבן ווי לואי דער אַכצנטער. מ'דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז ער האָט לגמרי נישט קיין שכל. דאָס וואָלט געווען אַ צו שטרענגער אורטייל און אויך נישט אויפן אָרט.

בעת ער וועט ווערן קיניג, וועט ער זיך אָפּגעבן אַ דין-וחשבון וועגן די נויטווענדיקייטן פון דער לאַגע, אַלע פיר'ער

פון דער רעפובליקאנישער פאַרטיי, וואָס מ׳וועט זיי נישט קענען אַרויסטרייבן פון לאַנד, וועט מען מוזן ווי געהעריק באַלוינען אויב ער וועט דאָס נישט טון, וועלן די רעפובליקאַנער זיך ווי דער פאַראייניקן אין אַ מעכטיקע פאַרטיי, וואָב וואָלט מיט דער צייט געקאָנט ווערן געפערלעך. און אַפילו מעלין דעמאָלט וואָלט געווען פאַר אונז געפערלעך.

איך האָב דערמאָנט דעם נאָמען פון מעלין, און זאָגט איר אַליין. הער דע ברעסע, וואָס וועט זיין אַ גרעסערע טובה פאַ׳ן לאַנד, צי ווען אייער פאָטער זאָל ווערן פרעזידענט פון פערן-הויז, אָדער דעם דאָזיקן אַמט זאָל באַקומען מעלין, פירשט פון רעמירמאָן, פרינץ דע יואַג, באַערט מיטן גרויסן קרייץ פון טרן-לעגיאָן און פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרדינסט, ריי־טער פון אָרדן פון דער ווייסער ליליע און פון הייליקן לוא־מיר טאָרן זיך אין דעם פאַל נישט וואַקלען: דער פירשט מע־לין וועט זיין בלי ספק אַ בעסערע שטיצע פאַר דער קרוין, ווי דער פירשט דע ברעסע. צי דאַרף איך אייך לערנען דעם אלף־בית פון דער מאָנאַרכיסטישער פאָליטיק?

פאַר אונז וועלן בלויז בלייבן די טיטלען און די אמטן, וואָס וועלן נישט נושא חן זיין ביי די רעפובליקאַנער, מ׳וועט זיך רעכענען מיט אונזער אומזיסטער איבערגעגעבנקייט. מ׳וועט לחלוטין נישט מורא האָבן פאַר אונזער אומצופרידנקייט, וואָרים מען וועט אונז האַלטן פאַר קנאַפּ געפערלעך. קיינעם וועט צומאָל נישט איינפאַלן, אַז מיר וואָלטן געקאָנט אַריבערגיין אין דער אָפּאָ־זיציע.

אָבער דאָס מאָל וועלן זיי זיך טועה זיין! מיר וועלן זיין געצוווּנגען צום דאָזיקן שריט, און מיר וועלן זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּשרעקן. דאָס וועט אונז ברענגען אַ סך נוצן און ס׳וועט אויך נישט זיין איבעריק שווער.

מיר וועלן זיך נאַטירלעך נישט פאַרבונדן מיט די רעפובליקאַנער; דאָס וואָלט נישט געהאַט קיין שום טעם און ס׳וואָלט אויך נישט געווען לאָיאַל. מיר טאָרן נישט זיין קלענערע מאָנאַרכיסטן, ווי דער קיניג, מיר קאָנען אָבער זיין פיל מער מאָ־

אַרכיסטיש פון זאַים.

זיין מאַיעסטעט, דער פּרינץ פון אָרלעאַן, איז נישט קיין דעמאָקראַט, דאָס מוז מען מודה זיין. אים אַרט זייער ווייניק די לאַגע פון די אַרבעטער. זיינע סאָציאַלע באַגריפן שטאַמען נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע. אָבער סוף כל סוף זאָל ער זיך געזונטערהייט עסן מיטאָג אין קרעטאָנענע הויזן און וועסט, און זיך צרומהענגען מיט אַלע זיינע אָרדערן; אויב ער וועט האָבן ליבעראַלע מיניסטאָרן, וועט ער זיין ליבעראַל.

איך ווייס טאַקע נישט, וואָס עס וואָלט אונז געקאָנט שטערן צו גרינדן אַן עקסטרעמע ראַיאַליסטישע פּאַרטיי? מיר וועלן ציען אויף רעכטס, אַ.ז.וו. די רעפּובליקאַנער אויף לינקס. מיר וועלן זיין געפערלעך און מ׳וועט אונז דעריבער זייער גיכ־ציק באַהאַנדלען, און ווער ווייס, צי דאָס מאָל וועלן די עקסטרעמע מאָנאַרכיסטן נישט ראַטעווען די מאָנאַרכיע פון דער געפאַר?

מיר האָבן אין איצטיקן מאָמענט אַן אַרמעע, וואָס איז די איינציקע אין דער וועלט. די אַרמעע איז ביים היינטיקן טאָג אַסך רעליגיעזער, ווי דער קלער. מיר האָבן אַ בורזשו־אַזיע, וואָס איז געשטימט אַנטיסעמיטיש, פּונקט ווי אין די צייטן פון מיטל אַלטער. לואי דער אַכצנטער האָט נישט געהאַט אַזאַ בורזשואַזיע.

אויב מ׳וואָלט מיר פאַרטרויט דעם פּאָרטפעל פון אינערן־מיניסטער, וואָלט איך מיך פאַרפליכטעט מיט דער הילף פון אונזער אומפאַרגלייכלעכער בורזשואַזיע און אַרמעע אויפצוהאַלטן די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע אין משך פון גאַנצע צען יאָר, דער־נאָך זאָל אפילו קומען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. אָבער צען יאָר, דאָס איז אַ היפּש שטיקל צייט.

ביי די לעצטע רייד האָט אַנרי לעאָן פאַרוויכערט אַ צי־גאַר. זשאָזעף לאַקריס, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען פאַר־נומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט נאָכאַמאָל איבערגע־חזרט זיין ביטע און געפרעגט דעם פירשט דע ברעסע, אפשר איז נאָך פאַרט פאַרבליבן אַ גוטע פּרעפעקטור פאַר זיין פּראָטע־

זשירטן. דער פרעזידענט האָט אָבער נאָכאַמאָל דערקלערט, אַז ס'זענען בלויז פאַרבליבן די פּרעפעקטורן פון גערע און דראַ־גיגיאַן.

— זאָל זיין אַזוי, איך רעזערוויר דראַגיניאַן פאַר גוסטאַוו דעליאָן. — האָט לאַקריס אַ זיפץ געטון. — ער וועט מסתמא נישט זיין צופרידן. איך וועל אים אבער געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס וועט זיין דער אָנהייב פון זיין קאַריערע.

XVI

די באַראָנעסע דע באָנמאַן האָט איינגעלאַדן דעם גאַנצן טיטולירטן אַדל און די גרויסע אינדוסטריעלע און פינאַנסיעלע גרונד־באַזיצער פון דער געגנט אויף אַ וווילטעטיקייטס־באַל, וואָס זי האָט בדעה געהאַט איינצואָרדנען אין איר פּראַכטפולן שלאָס אין מאָנטיל דעם ניין און צוואַנציקסטן פון חודש. דעם דאָזיקן שלאָס האָט בערנאַרד דע פּאָו, גרויסמייסטער פון אַרטילעריע ביים קיניג לואי דעם צוועלפטן, געלאָזט אויסבויען אין יאָר 1508 פאַר ניקאָלעט דע וואָסעל, זיין פּערטע פרוי, און דער באַראָן זשיל דע באָנמאַן האָט אים אָפּגעקויפט נאָכן רעאַליזירן די פראַנצויזישע הלוואה פון יאָר 1871.

די יידישע שלאָס־באַזיצער האָט זי צוליב דעליקאַטע טעמים נישט פאַרבעטן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט צווישן זיי געהאַט אסך קרובים און גוטע פריינד.

נאָכן טויט פון איר מאַן האָט זי זיך געשמדט און איז זינט פינף יאָר געווען נאַטוראַליזירט; זינט דעמאָלט האָט זי זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רעליגיע און פון פאַטערלאַנד. ווי איר ברודער, דער באַראָן וואָלשטיין פון וויען, האָט זי מיט איר אויפריכטיקן אַנטיסעמיטיזם זיך אָפּגעטיילט מיט אַ שאַרפער מחיצה פון אירע יידישע ברידער.

אָבער נישט געקוקט דערויף האָט זי זיך נישט געגרויסט

מיט איר שטעלונג, און זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ נאַטירלעכער נטיה צו די אינטימע פריידן פון לעבן. זי וואָלט זיך צופרידנגעשטעלט מיט אַ באַשיידענער שטעלונג אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, ווען נישט איר זון, וואָס האָט זי געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן אין דער עפנטלעכקייט. נישט קיין אַנדערער טאָקע, ווי דער קליינער באַראָן ערנעסט האָט געווירקט אויף איר, אַז זי זאָל זיך דערנענטערן צו דער פאַמיליע דע ברעסע.

ער האָט אויך צונויפגעשטעלט די ליסטע פון די געסט, וואָס האָבן געזאָלט אנטיילנעמען אויפן באַל. ער האָט אויך אַריינגעפירט צו זיך אין שלאָס אריין די קליינע פּרינצעסן דע מאָזאַק, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מחמת דעם, וואָס זי שטאַמט פון גאָר גרויסן יחוס, מעג זי פאַרברענגען די צייט אין דער געזעלשאַפט פון דזשאָקעיען און קוטשערס; זי האָט זיך אויך געזאָלט באַטייליקן אין די טעאַטער-אויפפירונגען אויפן באַל.

דער פּראָגראַם פון באַל האָט פאַראויסגעזען די אויפפירונג פון דזשאָקאָנדע דורך אַקטיאָרן פון דער בעסערער געזעלשאַפט, אַ קערמאַש אין פּאַרק, אַ ווענעציאַנישע נאַכט אויפן שלאָס-טייך און אילומינאַציעס.

עס איז געווען דער זיבעצנטער טאָג אין חודש. מ'האָט זיך שטאַרק געאײַלט מיט די הכנות און פאַרבאַרייטונגען, און אין שלאָס האָט געהערשט אַ גרויסע סומאַטאָכע. די קליינע טרופּע האָט געמאַכט רעפּעטיציעס מיט דער פּיעסע אין דער לאַנגער רענעסאַנס-גאַלעריע; דער סופּיט פון דער גאַלעריע איז געווען אויסגעמאָלט אין פאַרשידענע וואַריאַציעס פון אַ פּאַווע — דער הערב פון בערנאַרד דע פּאַוו — צוגעטשעפּעט מיט די פּיסלעך צו אַ פּלייט — דער הערב פון ניקאָלעט דע וואָכעל.

הער זשערמען האָט אַקאָמפּאַנירט די זינגער ביים קלאַוויר, בעת אין פּאַרק האָבן די אַרבעטער אויפגעקלאַפּט פון ברעטער בוידן און באַראַקן פאַרן קערמאַש. לאַרזשילער פון דער „אָפּערע-קאָמיק", האָט איבערגענומען די רעזשי.

— איינער ריי, פּרינצעסין.

הער זשערמען האָט אָנגעהויבן צו שפּילן. ער האָט אַראָפּגענומען פון די פינגער די ריינגען, חוץ איינעם, וואָס ער האָט געהאַט אויפן גראָבן פינגער.

— לאַ, לאַ...

די פּרינצעסין האָט אין דער רגע גענומען דאָס גלאָז, וואָס דער יונגער באַנמאַן האָט איר דערלאַנגט:

— לאָזט מיך אויסטריגקן מיין קאָקטאַי.

אַז זי האַט אויסגעטרונקען די משקה, האָט לאַרזשיליער ווידער זי פון דאָס ניי אויפגעפאָדערט:

— לאָמיר אָנהייבן, פּרינצעסין!

און ווידער האָבן די פינגער פון ה׳ זשערמען, באַרויבט פון זייערע איידלשטיינער, חוץ דעם אַמעטיסט אויפן גראָבן פינגער, זיך גענומען גליטשן איבערן קלאַוויר. די פּרינצעסין האָט אבער נאָך אַלץ נישט אָנגעהויבן צו זינגען; זי האָט באַטראַכט דעם קלאַוויר-באַגלייטער מיט אינטערעס:

— מיין קליינער זשערמען, איך באַוווּנדער אייך. איר האָט אַ גרויסאַרטיקע ברוסט און היפטן! מיין אָנערקענונג! איר האָט דאָס אָבער דערגרייכט!... בעת איך, גיט אַ קוק!

דערביי האָט זי מיט ביידע הענט אַ פאָר געטון פון אויבן ביז אַראָפּ איבער אירע היפטן:

— אָבער איך בין פון דעם אַלעם פּטור געוואָרן.

זי האָט געמאַכט אַ האַלבע ווענדונג.

— גאָרגישט! אַלץ איז פאַרביי. און אין דער זעלבער צייט איז אייך אזוי פיל צוגעקומען. דאָס קומט מיר פאָר לעכערלעך!... ס׳איז אָבער נישט קיין אומגליק. אַלץ גלייכט זיך אויס.

אין דער זעלבער צייט איז רענע שאַרטיע, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון זשאַקאָנדע, געשטאַנען אומבאַוועגלעך, דער האַלז אויסגעצויגן, ווי אַ רער; ער איז שטאַרק געווען איבערגענומען פון זיין ראָל און געהאַלטן אין איין איבן זיין שטים, וואָס איז געווען שווער און מאַט. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק און טרוקן זיך אָפּגערופן:

— מיר ווע̄לן קיינמאָל נישט ענדיקן. דאָס איז שרעקלעך.

— מיר וועלן גאָך איינמאָל איבערחזרן דעם קוואַרטעט און גיין ווייטער, — האָט לאַרזשיליער געזאָגט.

— אייער רײ, הער קאַטרבאַרב.

ה׳ זשעראַר קאַטרבאַרב איז געווען אַ זון פון דעפּאַר־טאַמענטאַלן אַרכיטעקט. מ׳האָט אים אָנגעהויבן אויפצונעמען אין דער געזעלשאַפט, זינט ער האָט צעבראָכן די שויבן ביים שוסטער מייער, ווען מ׳האָט אָנגענומען פאַר אַ ייד. ער האָט געהאַט אַ שיינע שטים. ער פלעגט אָבער גאָר אָפט זינגען פאַלש און רענע שאַרטיע פלעגט אים פון צייט צו צייט צו־וואַרפן בייזע בליקן.

— פּרינצעסין, איר זענט נישט אויף אייער אָרט, — האָט לאַרזשיליער געזאָגט.

— אָ, נאָר דאָס נישט, — האָט די פּרינצעסין געענטפערט.

רענע שאַרטיע איז אַ פאַרביטערטער צוגעגאַנגען צום יונגן באָנמאַן און אים איינגערוימט אין אויער אַריין:

— כ׳בעט אייך, גיט נישט מער דער פּרינצעסין קיין קאָ־קטאַי. זי מאַכט אונז קאַליע די שפּיל.

לאַרזשיליער האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן. דער כאָר איז געווען שלעכט צונויפגעשטעלט.

— הער לאַקריס, איר זינגט פאַלש.

זשאָזעף לאַקריס איז טאַקע נישט געווען אויפן געהעריקן פּלאַץ. און מען מוז צוגעבן, אַז דאָס איז נישט געווען זיין שולד, די באַראָנעסע באָנמאַן פלעגט אים אַלע רגע אַוועק־שלעפּן ערגעץ אין אַ ווינקל און האַלטן אין איין שעפּטשען צו אים:

— זאָג, דו האָסט מיך נאָך ליב. איך וועל מיר נעמען דאָס לעבן, אויב דו וועסט מיך אויפהערן ליב צו האָבן.

זי האָט אים אויך אויסגעפרעגט פּרטים וועגן דער פאַר־שווערונג. און מחמת דעם, וואָס די פאַרשווערונג איז געווען אויף אַ שלעכטן וועג, איז ער געווען שטאַרק צערייצט. ער

איז איבערהויפּט געווען אין כּעס אויף איר, פֿאַרוואָס זי האָט אים נישט געוואָלט געבן קיין געלט פֿאַר דער באַוועגונג. ער האָט זי איבערגעלאָזט איינע אַליין און צוגעגאַנגען צום כאָר, וווּ רענע שאַרטיע האָט מיט גרויס פֿלייס געזונגען זיין אַריע.

דער יונגער באַנמאַן האָט זיך דערנענטערט צו זיין מוטער:

— מאַמע, זיי פֿאָרזיכטיקער מיט לאַקריסן.

זי האָט געמאַכט א ברוגזן זשעסט, און זיך געווענדעט צו אים אין א כּלומרשט גלייכגילטיקן טאָן:

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?... ער איז זייער אַ ערנסטער מאַן, אפשר פֿיל ערנסטער, ווי אויף זיינע יאָרן. ער איז פֿאַרנומען מיט זייער וויכטיקע ענינים, ער...

דער יונגער באַראָן האָט געהויבן מיט זיינע עטוואָס צו הויכע, אַטלעטישע פּלייצעס.

— איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: זיי מיט אים פֿאָרזיכטיקער. ער וויל ביי דיר אויסנאַרן הונדערט טויזנט פֿראַנק. ער האָט מיך געבעטן, כ'זאָל אים דערביי בייהילפֿיק זיין. איך האַלט, אַז דאָס איז נאָך נישט נויטיק אין איצטיקן מאָמענט. איך בין אַ מאָנאַרכיסט, אָבער הונדערט טויזנט פֿראַנק איז אַלעמאָל אַ גרויסע סומע.

רענע שאַרטיע האָט ווייטער געזונגען זיין אַריע.

אַ דינער האָט געבראַכט אַ בריוו פֿאַר דער באַראָנעסע. דאָס איז געווען אַ בריוו פֿון פּירשט דע ברעסע, וואָס האָט זיך אַנטשולדיקט צוליב דעם, וואָס ער וועט נישט קענען נעמען אַנטייל אין באַל, ווארים ער איז געצוווּנגען אָפּצופֿאָרן נאָך פּאַרן ניין און צוואַנציקסטן. צום בריוו איז בּיגעלייגט געווען אַ טשעק.

די באַראָנעסע האָט דערלאַנגט דעם בריוו איר זון, וואָס האָט פֿאַרביטערט געשמייכלט און געפֿרעגט:

— און דע קורטרע?

— זיי האָבן זיך נאָך נעכטן אַנטשולדיקט, דאָס זעלבע גאָט אויך געטון די גובערנאַלין קאָרטיע דע שאַלמאַ.

— אַזא געמיינע באַנדע!

— ס'בלייבן אונז נאָך איבער דע טערמאַנדר און די גראַמאַנס.

— כאַפּט זיי דער טייוול, דאָס געהערט דאָך צו זייער פּראָפעסיע מיט אונז אָפּט צו פּאַרקערן.

זיי האָבן זיך פאַרטראַכט איבער דער געשאַפענער לאַגע. זי איז געווען געגנוג טרויעריק. טערמאַנדר פלעגט שטענדיק מיטברענגען מיט זיך אַ גאַנצע מחנה קוזינען און מומעס. איצט האָט ער וועגן זיי קיין וואָרט נישט דערמאַנט. אפילו די גרויסע אינדוסטריע-פאַטענטאַטן האָבן זיך אויך גע־וואַקלט און געזוכט עפּעס אַן אויסרייד, כדי זיך אַרויסצודרייען פון גאַנצן ענין. דער יונגער באַנמאַן האָט אָפּגעשאַצט די לאַגע אין פאָלגנדע רייד:

— מאַמע, מיט דיין באַל איז אויס! ס'איז נישט פאַראַן מער קיין ספק, מ'באָיקאָטירט אונז.

ביי די רייד איז די צאַרטע עליזאַבעט באַהערשט גע־וואָרן פון אַ טרויער, און איר שיין, אייביק שמייכלענדיק פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ שלייער פון מרה־שחורה.

פון אַנדערן עק זאַל האָט אינמיטן דעם אַלגעמיינעם ליאַרם דערגרייכט אהער די שטים פון לאַרזשילייער:

— נישט אַזוי!... מיר וועלן קיינמאָל נישט קומען צו אַ טאָלק.

— דו הערסט, — האָט זיך אָנגערופן די באַראָנעסע. — ער זאָגט, אַז מיר וועלן נישט קומען צו אַ טאָלק. אפשר וואָלטן מיר אָפּגערופן דעם באַל, אויב ער זאָל זיך אונז נישט איינגעבן?

— ווי נאָכגיביק דו ביסט, מאַמע!... איך וויל דיר נישט מאַכן קיין פאָרוואורף, דו האָסט שוין אַזא גאַטור. דו וועסט שוין אייביק פאַרבלייבן אַזעלכע. איך, להיפך, בין ווי געבוירן

צום קאַמף. איך בין שטאַרק. איך וועל שוין סיי ווי לאַנג נישט אָנהאַלטן, אָבער...

— מיין טייערער...

— מאַך מיר דאָ נישט קיין סצענעס. איך וועל שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן. איך וועל אָבער קעמפן ביז צום סוף.

אין דער זעלבער צייט האָט רענע שאַרטיע געזונגען זיין אַריע, און זיין שטים האָט געשפּרודלט, ווי אַ לויטערער קוואַל.

מיטאַמאָל איז דער אַקאָמפּאַניאַמענט איבערגעריסן געוואָרן און צווישן די אַקטיאָרן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע מהומה.

ה' זשערמען האָט זיך געיאָגט נאָך דער פּרינצעסין, וואָס האָט אַראָפּגעכאַפּט זיינע רינגען פון קלאַוויר און מיט זיי ערגעץ אַנטלאָפן. זי האָט זיך באַהאַלטן הינטערן מאָנומענטאַלן קאַמין, וווּ פון קאָלירטן ליים זענען געווען אויסגעקנעטן פאַרשידענע אַמאָרס, נימפעס און אַנדערע מיטאָלאָגישע בילדער. זי האָט מיט דער האַנט געוויזן אויף איר ברוסט:

— זיי זענען ביי מיר אויף דער ברוסט, מיין אַלטער זשערמען. קומט אַהער, וועט איר זיי אָפּזוכן! אָט דאָ. נעמט מיט מיט זיך די אַלטע צווענגלעך פון לואי דעם דרייצנטן.

און זי האָט גענומען פאָכען מיט אַ פּאָר ריזיקע צוואַנגען.

רענע שאַרטיע האָט אַ וואָרף געטון די פּאַרטיטור אויפן קלאַוויר, די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט בלוט, און ער האָט דערקלערט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין ראָל.

— כ'האָב מורא, אַז לוזאַנקור וועט אויך נישט קומען, — האָט די באַראָנעסע זיפצנדיק זיך געווענדעט צו איר זון.

— ס'איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן. מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, — האָט דער יונגער באַראָן געזאָגט. — מ'מוז זיין גרייט אויף אַ קרבן, ווען ס'איז נויטיק. זאָג גאָר נישט לאַקריסן.

— נישט פאַרציילן אים!

— ניין... לאָז מיך האַנדלען אויף מיין אייגענע אחריות.

ער האט זי פארלאזט און זיך דערנענטערט צו דער טומלענדיקער כאָריסטן־גרופּע. בעת די פּרינצעסין האָט געבעטן, ער זאָל איר געבן נאָך אַ גלאָז קאָקטאַי, האָט ער איר מילד געענטפערט:

— לאזט מיך צו רו!

דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעבן זשאָזעף לאַקריס, וואָס איז געזעסן איינער אַליין, אַ פּאַרטראַכטער. אַ פּאָר מינוט האָט ער גערעדט מיט אַ נידעריקער שטים און געמאַכט דערביי אַן ערנסט און איבערצייגנדיק פּנים.

— איר זענט גערעכט, — האט ער זיך געווענדעט צום סעקרעטאַר פון אויספיר־קאמיטעט פון דער מאָנאַרכיסטישער יוגנט. — איר זענט גערעכט. די רעפּובליק מוז אַ אָפּגעוואָרפן ווערן, מיר מוזן ראטעווען פראנקרייך. צו דעם דאַרפן מיר האָבן געלט. מיין מאמע האט אויך די זעלבע מיינונג. זי האָט געפועלט ביי זיך אויסצושטעלן אַ טשעק פון פופציק טויזנט פראַנק לטובת דער מאָנאַרכיסטישער באוועגונג, כדי צו דעקן די אויסגאַבן פון דער פּראָפּאַגאַנדע.

זשאָזעף לאקריס האט אים געדאַנקט אין נאָמען פון קיניג.

— זיין מאַיעסטעט וועט זיך פילן גליקלעך, — האָט ער געזאגט, — ווען ער וועט געוווּיר ווערן, אַז אייער מוטער איז צוגעשטאַנען צו דער אקציע, וואס איז אונטערגענומען געוואָרן דורך יענע דריי צאַפּעוויליקע דאַמען. זייט זיכער, — האָט ער צוגעגעבן — אז ער וועט אייך אויסדריקן זיין טיפסטן דאנק אין אַן אייגנהענטיקן בריוו.

— אָ, לאָזט בעסער געמאך, — האָט דער יונגער באָנטאָן זיך אָנגערופן.

— נאך אַ קורצער פויזע האט ער צוגעגעבן:

— מיין טייערער הער לאקריס, בעט איר וועט זיך זעען מיט די ה׳ה׳ דע ברעסע און דע קורטרע, בעט זיי אין אונזער נאמען, אז זיי זאלן קומע, אויף אונזער באל.

XVII

ניי-יאָר. ה' בערזשערע און זיין טאָכטער פּאַולינע זענען געגאַנגען באַזוכן אַן אַלטע מומע, וואָס האָט איינע אַליין געוווינט אין אַ קליינער וווינונג פון אַ מנישקע אויף דער רי-רוסלע. איר צימערל איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ ירקות-גאָרטן, און איז שטענדיק פול געווען מיטן גלאָקן-קלאַנג פון דער נאָנטער קירך.

ה' בערזשערע און פּאַולינע האָבן געוואַנדערט איבער די פּייכטע, נאַסע גאַסן, וואָס זײַנען פון צייט צו צייט אָפּגעשווענקט געוואָרן פון אַ פרישן גאָס-רעגן. פּאַולינע איז געווען אַן שומ סבה פריילעך, זי האָט ליב געהאַט די יום-טובים, וואָרים דעמאָלט פלעגט אין איר אויפוואַכן דאָס געפיל פון איר בליענדיקער יוגנט.

ה' בערזשערע, וואָס האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו דערוואַרטן פון לעבן און פון מענטשן איז אין דאָזיקן יום-טוב-טאָג געווען אין זיין געוויינלעכער, רויקער שטימונג.

לענגאויס די גאַסן זענען אין לאַנגע שורות געווען אויסגעשטעלט בעטלער, וואָס האָבן דערמאָנט אַן קירכלעכע מנורות, אָדער זיי זענען געלעגן אויסגעשפּרייט, ווי די קירך-אַלטאַרן, און האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן רייץ דעם דאָזיקן סאָציאַלן יום-טוב. זיי זענען געקומען אין די רייכע בירגערלעכע קוואַרטאַלן

די צו באפוצן זיי מיט זייער קבצנישער קעגנוואַרט: וואַגלערט מיט צעפאַטלטע, צעשויבערטע האָר, שוואַכע, פאַרליוזטע שנאָרער, געשוואָלענע בעטלער אין שמאַטעס, פאַרשידענע קאַליקעס, קרע־ציקע אביונים און אָן אַ שיעור קריפּלען.

אָבער מחמת דעם, וואָס זיי זענען, ווי אַלץ אין דער וועלט אונטערגעוואָרפן געווען דער אויסגלייכונג פון די כאַראַקטערן און צוגעפּאַסט צו דער אַלגעמיינער מיטלמעסיקייט פון די מדות, האָבן זיי, ווי אַמאָל אין רוים, אין די צייטן פון גרויסן צע־זאַר, זיך באַמיט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרביי־גייער אויף זייערע פאַרקריפּלטע קערפּער און שרעקלעכע איי־טערדיקע ווונדן. זיי האָבן נישט איינגעהילט זייערע פאַרקרי־פּלטע אברים אין פאַרבלוטיקטע שמאַטעס. זיי זענען געווען איינפאַך און זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ בילד, וואָס איז נאָך געווען ווי עס איז אויסצוהאַלטן.

איינער פון זיי האָט אַ לאַנגע צייט פאַרפאָלגט דעם ה׳ בערזשערע, אונטערהינקענדיק דערביי גאָר גיך אויף איין פוס. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און איז געבליבן שטיין אויפן ברעג טראָטואַר.

און ה׳ בערזשערע האָט זיך געווענדעט צו זיין טאָכ־טער:

— מ׳דאַרף נישט געבן קיין נדבה, און איך האָב איצט זייער שלעכט געהאַנדלט: איך האָב נאָר וואָס געגעבן אַן אָרע־מאַן אַ נדבה. בעת איך האָב אים געגעבן צוויי סו, האָב איך דערביי געפילט אַן אומפאַרשעמטע פרייד, וואָס איך האָב דער־צידריקט מיינעם אַ נאָנטן. מיט מיין האַנדלונג האָב איך אָק־צעפּטירט דעם אומווירדיקן אָפּמאַך, וואָס פאַרזיכערט דעם שטאַרקן זיין קראַפט און דעם שוואַכערן — זיין שוואַכקייט. איך האָב מיט מיין האַנדלונג געהתמעט די אוראַלטע אומגערעכטיקייט. מיט מיין נדבה האָב איך גורם געווען, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל נאָר קענען האָבן איין האַלבע נשמה.

— דאָס אַלץ האָסטו געטון? — האָט פּאַאולינע בשום אופן נישט געקאָנט גלויבן.

— כמעט דאָס אַלץ, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — איך האָב מיין לאָמען ברודער פאַרקויפט מיין ברודערלעכקייט אויף אַ פאַלשער וואָג. און בעת איך האָב אים דערנידריקט, האָב איך פאַקטיש מיך אַליין דערנידריקט. וואָרים יעדע נדבה דערנידריקט אין דער זעלבער מאָס דעם, וואָס גיט און דעם, וואָס נעמט זי צו. איך האָב שלעכט געהאַנדלט.

— כ׳גלויב, אַז נישט, — האָט פּאָלינע געמיינט.

— דו גלייבסט נישט אין דעם, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — ווייל דו האָסט אַ שוואַכע אָנונג אין דער פילאָזאָפיע, און דו ווייסט נישט, אַז אַ פלומרשט אומשולדיקע האַנדלונג קאָן אַמאָל גורם זיין אומענדלעכע, נישט פאָראויסגעזעענע פאָלגן. דער דאָזיקער לאָמער האָט מיך ממש געצוווּנגען צו געבן אים אַ נדבה. איך ד׳האָב פשוט נישט געקאָנט אויסהערן זיינע גרילצנדיקע טענות.

איך האָב רחמנות געהאַט אויף זיין דאַרן, נאַקעטן האַלז, אויף זיינע קני, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרט פון די שטאַרק אָפּגענוצטע הויזן און מיר דערמאָנט אָן דעם טרויעריקן הויקער פון אַ קעמל. איך האָב נישט געקענט קוקן אויף זיינע פיס, אָנגעטון אין שיך, וואָס זענען ביים שפּיץ שטאַרק ענלעך צום אָפּעגם שנאָבל פון אַ גענזן-פּאָרל.

אָ, דו פאַרפירער! אָ, ווי געפערלעך ביסטו, מיין לאָמער ברודער! דאָס איז דיין שולד, וואָס איין סו האָט גורם געווען אַ ביסל דערנידריקונג און חרפּה. צוליב דיר האָט מיין סו געשאַפן אַ ביסל שלעכסקייט און מיאוסקייט. צוליב דעם, וואָס איך האָב דיר געגעבן דעם דאָזיקן נישטיקן סימבאָל פון עשירות און קראַפט, האָב איך דיך געמאַכט פאַר אַ חוזק-קאַפּיטאַליסט און איינגעלאַדן דיך צום באַנקעט פון די רייכע, צו די פייערלעכקייטן פון דער ציוויליזאַציע.

גלייכצייטיק האָב איך געפילט, אַז אין דיינע אויגן בין איך איינער פון די מעכטיקע און רייכע. אָ, דו פאַרפירערישער בעל-חנפן! איך האָב מיך געפרייט, איך האָב מיך אָנגעבלאָזן מיט שטאָלץ, און איך בין מיך צעגאַנגען אין אַ זיס געפיל־

פון גרויסקייט און שפע לאנג. לעבן זאָלסטו מיר דערפאַר, אָ קלאָפּינעל, מיין לאָמער ברודער ! Pulcher hymnus divitiarum pauper immortalis.

אָ, וואָס פארא עקלדיקע מלאכה עס איז די בעטלעריי! אַ באַרבארישער אויסדרוק פון מיטגעפיל. דער אוראַלטער פעלער פונם באגרענעצטן בירגער, וואס מיינט אז ער טוט אַ מצוה ווען ער גיט אַ נדבה אַ סו. אַ דאנק דער דאזיקער אומזיניקער, לעכערלעכער און נישטיקע" נדבה וויל ער פטור ווערן פון אַלע פאַרפליכטונגען לגבי זיינע באָנטע. דער דאזיקער מנהג פון געבן נדבות איז דער היפך פון יעדערווירקלעכער ווילטעטיקייט, און האט גאָרנישט צו טון מיט דער אמתער באַרמהאַרציקייט.

— טאַקע אַזוי ? — האָט פּאַאולינע געפרעגט און זיך אָנגעשטרענגט צו פארשטיין דעם זין פון זיינע רייד.

— די נדבה, — האָט ה׳ בערזשערע ווייטער גערעדט. — האָט פונקט אַזאַ שייכות מיט דער ווירקלעכער ווילטעטיקייט ווי די גרימאסע פון אַ מאלפע איז ענלעך צום שמייכל פון זשאָקאָנדע. די אמתע ווילטעטיקייט איז דערפינדעריש, בעת די נדבה איז אומבאהאָלפן. די אמתע ווילטעטיקייט האָט אַ טיפע פארשטענדניש, זי ווייס ווי צוצופּאַסן אירע אָנשטרענגונגען צו די באַדערפנישן. מיט איין ווארט, גראָד להיפך, ווי איך האָב געהאַנדלט לגבי מיין ברודער קלאָפּינעל.

דער בלויזער אויסדרוק ווילטעטיקייט פלעגט ביי איידעלע נשמות אין דער עפּאָכע פון די פילאָזאָפן, ארויפברענגען אויפן געדאנק די שענסטע אידעען. מ׳האָט געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער אויסדרוק איז געשאַפן געוואָרן דורכן גלח דע סען פיער. דער אויסדרוק איז אבער שוין פיל עלטער, און מ׳געפינט אים אפילו ביים אַלטן באַלזאַק. *)

---

*) מ׳דארף דעם דאזיקן שרייבער נישט פארטוישן מיטן בארימטן פראנצויזישן ראמאן-שרייבער אנארע באלזאק וואס האט געלעבט אין 19-טען יארהונדערט. באלזאק, וואס ווערט דא דערמאנט, איז אן אלטער פראנצויזישער שריפטשטעלער וואס האט געלעבט אין זיבצנטן יארהונדערט. (באמ. פון איבערזעצער)

איך מוז אָבער מודה זיין, אַז דער אויסדרוק וווילטעטיקייט האָט ביים היינטיקן טאָג פאַרלוירן זיין אמאָליקע שיינקייט; ער איז פאַרקריפּלט געוואָרן דורך די פאַריזעער, וואָס באַנוצן אים צו אָפט. מיר האָבן אין אונזער היינטיקער געזעלשאַפט אָן אַ שיעור וווילטעטיקייטס-אנשטאלטן, ליי-קאַסעס, פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפטן און פון קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג.

זייער ווייניק פון זיי זענען נוצלעך און ברענגען אונז אַ קנאַפּע טובה, זיי אַלע קרענקען אויף איין חולאת: זיי נעמען זייער התחלה פון דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, וואָס זיי דאַרפן לינדערן, און ברענגען אין דער אמתן אַ גאַנץ קנאַפּע פּעולה.

די אוניווערסאַלע וווילטעטיקייט באַשטייט אין דעם, וואס יעדער לעבט פון זיין אייגענער אַרבעט און נישט פון פרעמדן שוויים. מיטן אויסנאַם פון או סטויש און דער סאָלידאַריטעט איז אַלץ געמיין, מיאוס און אומפּרוכטבאַר. די מענטשלעכע באַרמהאַרציקייט איז דאָס צוזאמענווירקן פון אלע אין דער געמיינזאַמער פּראָדוקציע און אין דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן.

זי איז גערעכטיקייט: זי איז ליבע, און די אָרעמע לייט פאַרשטייען זיך אויף איר בעסער, ווי די רייכע. ווייז מיר כאָטש איין רייכן מאן, וואס האט געמאַכט אזא פילזייטיקן נוצן פון דער מענטשלעכער בארמהארציקייט, ווי דאָס האָבן געטון עפּיקטעט און בענוא מאלאָן.

די אמתע באַרמהאַרציקייט איז א מתנה פון איינעם פאר אלע, דאָס איז די שיינע גוטהארציקייט, דער האַרמאָנישער זשעסט פון דער נשמה, וואָס אנטפּלעקט זיך אין מעשים טובים פונקט ווי א כלי, וואס פארשפרייט ארום זיך אַ וווּנדערבארן בשמים-ריח. זי איז — מיקעלאַנזשעלאָ, וואס מאָלט די סיקסטין-באַזיליקע, אָדער די דעפּוטאטן פון דער נאציאנאל-פאַרזאמלונג פון פערטן אויגוסט **).

---

* די באַרימטע נאכט פון פערטן אויגוסט 1789, בעת וועלכער די פראנצויזישע קאנסטיטואנטע האט אפגעשאפט די פעאדאלע פריווילעגיעס. (באַמערקונג פון איבערזעצער).

דאָס איז דיווירקלעך גרויסהאַרציקע, פאַרשווענדערישע מתנה, איבערגעפולט מיט גליק.

דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן באמת, דאָס זענען מיר אַליין. מ׳גיט דעמאָלט ווירקלעך, בעת מ׳גיט אַ טייל פון אונזער אַר־בעט, פון אונזער נשמה און פון אונזער גאונות. און די דאָזי־קע גרויסהאַרציקע מתנה פון אונזער גאַנצן איך צו אַלע מענטשן, באַרייכערט דעם נדבן גלייכצייטיק מיט דעם כלל.

— דו קאָנסט דאָך אָבער נישט געבן דעם לאָמען דיין ליבע און שיינקייט, — ד׳האָט פאָולינע געזאָגט,— דו האָסט אים בעגעבן דאָס, וואָס איז געווען פאַר אים דאָס וויכטיקסטע.

— אמת איז, אַז דער לאָמער בעטלער איז געוואָרן אַ טעמפּע חיה. פון אַלע פאַרגעניגנס, וואָס קענען דערפרייען דאָס האַרץ פון אַ מענטש, ווייס ער בלויז דעם טעם פון אַלקאָהאָל. איך גיב וועגן אים אַרויס אַזאַ מיינונג, ווייל בעת ער האָט זיך צו מיר דערנענטערט, האָט זיך פון זיין מויל געטראָגן אַ ריח פון בראָנפן. אויב ער איז אַזוי נידריק געפאַלן, האָט ער עס בלויז אונז צו פאַרדאַנקען. אונזער גאווה איז געווען זיין טאַטע, אונזער אומגערעכטיקייט — זיין מאַמע.

ער איז די שלעכטע פּרי פון אונזערע חטאים. יעדער מענטש אין דער געזעלשאַפט דאַרף געבן און נעמען. ד ר דאָ־זיקער פאַרשוין האָט געוויס נישט גענוג געגעבן, פּשוט דער־פאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו נעמען.

— ער איז אפשר אַ פוילער, — האָט פאָולינע געמיינט. — וואָס דאַרפן מיר טון כדי עס זאָלן שוין מער נישט זיין קיין אָרעמע לייט, קיין שוואַכע און פוילע? צי האָלטסטו דען נישט, אַז די מענטשן זענען פון דער נאַטור גוט, נאָר די געזעלשאַפט מאַכט זיי שלעכט?

— ניין, איך גלויב נישט, אַז די מענטשן זאָלן זיין גוט פון דער נאַטור, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט. — איך קום וואָס אַמאָל מער צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז זיי זייער שווער זיך אָפּצוטרייסלען פון זייער אַמאָליקן באַרבאַריזם און

דערגרייכן לכל-הפחות אַ געוויסע מדרגה פון גוטסקייט און גע-רעכטיקייט.

ס׳איז נאָך ווייט די צייט, ווען זיי וועלן זיין ווירקלעך גוט און מילד לגבי די אַנדערע, ווען זיי וועלן אויפהערן מלחמה צו האַלטן איינער קעגן דעם אַנדערן, ווען מ׳וועט באַהאַלטן פאַרן מענטשלעכן אויג די בילדער פון שלאַכטן, ווייל זיי זענען אוממאָראַליש און באַרבאַריש.

איך גלויב אַז, די הערשאַפט פון געוואַלט וועט נאָך דויערן אַ לאַנגע צייט, און נאָך אין משך פון אַסך יאָרן וועלן די פעלקער צוליב נישטיקע סבות פאַרטיליקן איינס דאָס אַנדערע; אַסך יאָרן וועלן נאָך פאַרביי און די בירגער פון איין און דער זעלבער אומה וועלן ווילד און פאַרביטערט אַרויסרייסן איינער ביים אַנדערן דעם ביסן פון מויל, אַנשטאָט זיך צו טיילן מיט אַלץ אויף אַ גערעכטן אופן.

איך גלויב אָבער אויך, אַז די מענטשן זענען ווייניקער ווילד, בעת זיי זענען נישט אַזוי עלנט, אַז דער פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע וועט אפשר מיט דער צייט עטוואָס מילדערן די מדות, וואָרים איך ווייס פון דער באָטאַניק, אַז אַ דאָרן, וואָס ווערט איבערגעטראָגן פון אַ טרוקן אָרט אויף אַ פעטן באָדן, פאַרוואַנדלט זיינע שטעכלקעס אין בלומען.

— דו זעסט? דו ביסט אַן אָפּטימיסט, פּאַפּאַ! איך האָב עס אָבער געוווּסט, — האָט פּאַולינע אויסגערופן, און אויף אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן טראָטואַר, כדי אַ בליק צו טון אויף איר טאַטן מיט אירע גרויע באַגייסטערטע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט מאָרגן-גלאַנץ און יוגנטלעכער פרישקייט. — דו ביסט אַן אָפּטימיסט. דו אַרבעטסט טיטן גאַנצן האַרצן פאַר דער צוקונפט. דו ביסט גערעכט! ווי גוט מוז עס זיין צו בויען די נייע רעפּובליק צוזאַמען מיט די מענטשן פון גוטן ווילן.

ה׳ בערזשערע האָט אַ שמייכל געטון ביי די דאָזיקע האָפענונגספולע רייד און אונטערן בליק פון זיין טאָכטערס שטראַלנדיקע, באַגייסטערטע אויגן.

— יאָ, — האָט ער זיך אָנגערופן, — עס וואָלט געווען זייער

גוט זיך צו באַטייליקן אינם אויפבוי פון אַ נייער געזעלשאַפט, ווו יעדער וואָלט באַקומען דעם שכר פאַר זיין ארבעט.

— און דאָס וועט טאַקע געשען, נישט אמת ?... אבער ווען ?

— האט פּאָולינע נאַיוו געפרעגט.

— פאָדער נישט פון מיר, כ׳זאל דיר נביאות זאָגן, מיין קינד. נישט בחנם האָבן די פּאַרצייטיקע מענטשן געהאַלטן, אַז די מאַכט דורכצודרינגען די צוקונפט איז די פאַטאַלסטע מתנה, וואָס איז ווען עס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן. ווען מיר וואָלטן געהאַט די מעגלעכקייט פאָראויסצוזען די צוקונפט, וואָלט אונז נישט איבערגעבליבן מער, ווי צו וואַרטן אויפן טויט, און אפשר וואָלטן מיר דעמאָלט פאַר גרויס יסורים און פחד געפאַלן אויפן אָרט, ווי געטראָפן פון אַ דונער. מען מוז ארבעטן פאר דער צוקונפט, פונקט ווי די וועבער, וואָס ארבעטן אויס דיוואַנעס, און זעען זיי קיינמאָל נישט אָן פאַר די אויגן.

אזוי זענען זיי ביידע געגאַנגען איבער דער שטאָט, פאַרטון אין אַ שמועס. לעבן סקווער אויף דער גאס דע-סעוור, האָבן זיי ווידער באַגעגענט אַ בעטלער, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן טראָטואַר.

— כ׳האָב נישט מער קיין קליינגעלט, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט. — אפשר האסטו אַ צען-סו-מטבע, פּאָולינע? די דאָזיקע אויסגעשטרעקטע האַנט פארשפּארט מיר די גאס. ווען מיר וואָלטן געווען אויפן פּלאַץ דע לאַ קאָנקאָרד, וואָלט זי מיר אפילו דעם פּלאַץ פאַרשפּאַרט.

די אויסגעצויגענע האַנט פון אַ בעטלער איז אַ באַריערע, וואָס איך קאָן בשום אופן נישט איבערטרעטן. דאָס איז אַ שוואַכקייט, וואָס ס׳איז מיר שווער גובר צו זיין. גיב אַ פאַר גראָשן דעם דאָזיקן בעטלער. סוף כל סוף קאָן מען דאָס נאָך מוחל זיין, מ׳דאַרף נישט מגזם זיין דאָס שלעכטס, וואָס מ׳טוט דערמיט.

— פּאַפּאַ, —האָט פּאָולינע זיך אָנגערופן, —כ׳וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וואָס דו וועסט טון אין דיין רעפּובליק מיטן לאָמען בעטלער. דו

גלייבסט דאך נישט מסתמא, אַז ער וועט לעבן פון די פּרות פון זיין ארבעט ?

— טאָכטער מיינע, האט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — כ׳גלויב, אַז ער וועט ליבער איינגיין אינגאנצן צו פאַרשווינדן, ער געפינט זיך אַזוי אויך אין זייער אַ שלעכטער לאגע. די פוילקייט, זיין געוווינהייט גאָרנישט צו טון, וועלן אים שוין ממילא צווינגען פארשווינדן צו ווערן. ער וועט דעריבער גאנץ לייכט פאַרשווינדן.

— איך האלט פארקערט, אַז ער איז דווקא צופרידן פון לעבן.

—ס׳איז טאַקע אמת, אז ער האט אויך זיינע פריידן בלי ספק האט ער שטאַרק פארגעניגן, בעת ער גיסט אריין אין זיך זיין כוסה שנאַפּס. ער וועט אבער פארשווינדן ווערן צוזאמען מיטן לעצטן בראָנפן-דעסטילאַטאָר.

אין מיין רעפּובליק וועלן בכלל נישט זיין קיין ווייַן און בראָנפן-הענדלער. ס׳וועלן אויך נישט זיין מער קיין סוחרים און קונים. ס׳וועט מער נישט זיין קיין רייכע און אָרעמע לייט, און יעדער וועט געניסן פון די פּרוכטן פון זיין אַרבעט.

— מיר אלע וועלן זיין גליקלעך, פאפא ?

— ניין. ווארים גלייכצייטיק מיט די יסורים וואָלט אויך פאַרשווינדן די הייליקע רחמנות, וואס באשיינט אזוי אונזער נשמה. דאס דאָזיקע וועט קיינמאָל נישט געשען. פונקט אזוי ווי די נאַכט קומט נאָכן טאָג, אזוי וועלן אויך די פיזישע און מאָראַלישע יסורים, וואָס ווערן אָן אויפהער באַ עמפּ ... פון מענטש, זיך טיילן מיט דער הערשאַפט איבער דער וועלט צוזאַמען מיטן גליק און מיט די פריידן פון לעבן.

דאָס שלעכטס איז אומבאַדינגט נויטיק. פונקט ווי דאָס גוטע. אַזוי שטאַמט אויך דאָס שלעכטס פון די טיפענישן פון דער נאטור, און איינס וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירן אָן דעם צווייטן. מיר זענען גליקלעך דווקא דערפאַר, וואָס מיר זענען אומגליקלעך.

די יסורים זענען אַ לייבלעכע שוועסטער פון דער פרייד. און נאָר דעמאָלט, ווען זיי ביידע זענען איינשטימיק אָנגע־שטעלט אויף אונזערע סטרונעס, גיבן זיי ארויס אַ האַרמאָנישן קלאַנג. דער בלויזער קלאַנג פון גליק וואָלט אַרויסגעגעבן אַ מאָנאָטאָנעם און מאַטן וואס וואלט כמעט דערמאַנט אַן שווייגן.

דערפאַר וועלן אָבער צו יענע אומפאַרמיידלעכע יסורים, צו יענע געמיינע און גלייכצייטיק דערהויבענע לײדן, וואָס זענען טיף פאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער נאַטור, זיך מער נישט צוטשעפּען קיין קינסטלעכע יסורים, וואָס זענען אַ פועל־יוצא פון אונזערע סאָציאַלע באַדינגונגען. די מענטשן וועלן מער נישט פאַרקריפּלט ווערן פון אַן אומדאַנקבאַרער אַרבעט, וואס גיט זיי קוים די מעגלעכקייט צו לעבן. דער שקלאַף וועט פאַרלאָזן דאָס אַרבעטס־הויז, און די פאַבריק וועט שוין מער נישט אויפפרעסן מיליאָנען מענטשלעכע קערפּערס.

איך האָף, אַז די מאַשין וועט אונז ברענגען די דאָזיקע באַפרייונג. די מאַשין, וואָס האָט ביז איצט צעבראָכן אַזוי פיל מענטשלעכע לעבנס, וועט גרויסמוטיק קומען דעם מענטשן צו הילף. די זעלבע אַמאָל האַרטהאַרציקע, גרויזאַמע מאַשין וועט ווערן דער בעסטער פריינד פון מענטש. ווי אַזוי אָבער וועט איר תוך געענדערט ווערן?

הער מיך אויס. דער פונק, וואָס האָט אַרויסגעשאָסן פון דער לײד־פלאַש, דער קלײנער שטערן וואָס האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זיך אַנטפּלעקט פאַרן פאַרחידושטן פיזיקער, וועט פאַרענדיקן דאָס וווּנדער. דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס האָט זיך געלאָזט בײקומען, הגם זײַן תוך איז אונז ווײַטער פאַרבליבן פרעמד, די געהיימנישפולע באַצווונגענע קראַפט. דאָס אומגרייפבאַרע, וואָס מיר האָבן פונדעסטוועגן באַוויזן צו פאַרכאַפּן מיט אונזערע הענט, יענער באַצווונגענער בליץ, געפאַנגען אין אַ פלאַש און צעטיילט אין אַן אַ שיעור דראָטן, וואָס באַדעקן מיט אַ נעץ די גאַנצע ערד — די עלעקטרישע קראַפט וועט באַפרייען די מענטשן פון טויזנטער שווערע אַרבעטן, און

זי וועט אונז קומען צו הילף דאָרט, ווו מיר נויטיקן זיך אין איר; זי וועט אַריינדרינגען אין אונזערע הייזער, אין אונזערע שטובן, ווו טאַטע־מאַמע און קינדער וועלן מער נישט זיין אָפּגעשיידט פון זיך.

דאָס איז לחלוטין נישט קיין אוטאָפּיע. די אכזריותדיקע מאַשין, וואָס איז ביים היינטיקן טאָג דער שונא פון מענטשלעכן קערפּער און נשמה, וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ווילטעטיקע, היימישע און אינטימע הילפסקראַפט. דאָס איז נאָך אָבער נישט גענוג, עס איז באמת נאָך ווייניק, אַז די ווינדעס, די רעדער, די טראַנסמיסיע־פּאַסן, די רודערס, די גליטששינעס און די פּלי־רעדער זאָלן פאַרמענטשלעכט ווערן, אויב דאָס האַרץ פון מענטש וועט פאַרבלייבן האַרט, ווי אייזן.

מיר וואַרטן, מיר האָפן אויף נאָך אַ הערלעכערע פאַרענדערונג. און קומען וועט דער טאָג, ווען דער פאַבריקאַנט, דורכגעדרונגען פון מענטשלעכער ווערדע, וועט אַלס פּשוטער אַרבעטער אַריינטרעטן אין די רייען פון די באַפרייטע אַרבעטער, ווען דער לוין וועט אינגאַנצן בטל ווערן און עס וועט זיך איינשטעלן בלויז אַן אויסטויש פון גיטער. די גרויס־אינדוסטריע, פּונקט ווי דער אַמאָליקער אדל, וואָס זיין אָרט פאַרנעמט זי איצט און מאַכט אים אין אַלעמען נאָך, וועט פייערן איר נאכ פון פערטן אויגוסט.

זי וועט זיך אָפּזאָגן פון אירע ספּק־פּאַרמעגנס און באַדראָטע פּריווילעגיעס. זי וועט ווערן גרויסהאַרציק, בעת זי וועט פילן, אַז ס'איז די צייט צו זיין גרויסמוטיק.

— וואָס זאָגט דען ביים היינטיקן טאָג דער פאַבריקאַנט? אַז ער איז די נשמה און דער מוח פון דער פּראָדוקציע, און אָן אים וואָלט די מיליאָנען־אַרמעע פון אַרבעטער געווען געגליכן צו אַ גוף אָן אַ קאָפּ. זאָל זיין אַזוי! אויב ער איז דער קאָפּ און די נשמה, טאָ זאָל ער זיך צופרידנשטעלן מיטן דאָזיקן כבוד און דער דאָזיקער פרייד. און אויב מ'איז שוין אפילו דער מוח און די נשמה פון דער פּראָדוקציע, טאָ פון

וואָנען איז עס געדרונגען, אַז מ׳דארף אָנזאַמלען אָן אַ שיעור עשירות ?

בעת דער גרויסער דאַנאַטעללאָ האט צוזאַמען מיט זיינע תּלמידים אויסגעגאָסן אַ פיגור פון בראָנז, איז ער געווען די נשמה פונם ווערק. דער לוין, וואס ער האט פאר זיין ארבעט באקומען פון פירשט אָדער פון די בירגער איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין א קיישל, וואס מ׳האט ארויפגעצויגן ביזן באַלקן פון אַטעליע. יעדער תּלמיד, אויב ער האט געדארפט האבן געלט, פלעגט אראפלאזן דאס קיישל און נעמען פון דארט, ווי־פיל ס׳איז אים נויטיק געווען צום לעבן.

צי איז דען וויניק די פרייד צו שאַפן עטוואס אדאנק דעם שכל, און צי באפרייט דען די דאזיקע מעלה דעם מייס־טער פון דער פארפליכטונג צו טיילן זיך מיט זיין לוין מיט זיינע באַשיידענע תּלמידים־מיטאַרבעטער ? אבער אין מיין רע־פּובליק וועט דער לוין און ריוח אינגאנצן נישט עקזיסטירן, און אַלץ וועט געהערן צו אַלע.

— פּאַפּאַ, דאָס איז דאָך אָבער קאָלעקטיוויזם, — האט פּאַולינע רויק געפרעגט.

— די ווערטפולסטע גיטער. — האט ה׳ בערזשערע גע־ענטפערט, — זענען אפילו ביים היינטיקן טאָג אַ רשות־הרבים. און אזוי איז אַלעמאָל געווען. די לופט און דאס ליכט זענען דאס אייגנס פון אַלע, וואס אָטעמען און לעבן ביי דער שיין פון טאָג. נישט געקוקט אויף דער הונדערטיעריקער אַרבעט פון עגאָיזם און קאַרגשאַפט, נישט געקוקט אויף די געוואל־טיקע אָנשטרענגונגען פון איינצלנע מענטשן כּדי צו פאַרכאַפּן און פאַרבאַהאַלטן אַלע אוצרות פון דער וועלט, איז פונדעס־טוועגן דאָס פּערזענלעכע אייגנס, וואָס געפינט זיך אין רשות פון די רייכע, גאָר נישטיק אין פאַרגלייך מיט די רייכטימער, וואס געהערן צו אַלע מענטשן.

און אפילו אין אונזער געזעלשאַפט געהערן די אנגענעמ־סטע און הערלעכסטע זאכן, ווי למשל וועלדער, שאָסייען׳ טייכן, ביבליאָטעקן און מוזייען, וואָס זענען אַמאָל געווען דאָס

אייגנס פון קיניג. די אלטע דעמבן פון פאָנטענעבלאָ אָדער די געמען ן פּ׳ן לוּוור געהערן פונקט אַזוי צו מיר, ווי צום רייכן. און זיי זענען אפשר אין אַ גרעסערער מאָס מיין אייגנס, אויב איך קאָן נאר אינטענסיווער פון זיי געניסן.

דאס קאָלעקטיווע אייגנס, וואָס מ׳ציטערט דערפאר, ווי פאר עפּעס אַ פּארזעניש, ריגלט אונז ארום שוין ביים היינטיקן טאָג אין אָן אַ שיעור היימישע פאָרמען. אונז שרעקט אָפּ דער אָנזאָג פון זיין אָנקום, און פונדעסטוועגן האבן מיר שוין ביים היינטיקן טאָג אַ נוצן פון זייגע מעלות.

די פּאָזיטיוויסטן פון אויגוסט קאָנטס חדר, אונטער דער פירונג פון חשובן ה׳ פיער לאַפיט, איילן זיך נישט לחלוטין צו ווערן סאָציאַליסטן. אָבער איינער פון זיי האָט גאנץ ריכטיק באמערקט, אז דאָס אייגנטום שטאמט פון אַ סאציאַלן מקור. און איינס איז אמת. אַז יעטוועדעס פארמעגן, דערוואָרבן אדאַנק פּערזענלעכע באמיונגען, וואָלט לחלוטין נישט געקאַנט אַנטשטיין און עקזיסטירן אָן דער מיטהילף פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

און אויב דאָס פּריוואַטע אייגנס שטאמט פון אַ סאָציאַלן מקור, ווערט עס לחלוטין נישט באַוואָלהעט, ווען עס ווערט פארשפרייט אויפן גאנצן כלל און אָנפּאַרטרויט דער מלוכה, וואס אַלץ איז דאָך פון איר אָפּהענגיק. און וואָס איז דען די מלוכה ?...

פריילין בערזשערע האט זיך צוגעאיילט צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאזיקער פראַגע:

— די מלוכה, ליבער פּאָטער, איז אַן עלנטער און בייזער פארשוין, וואָס זיצט הינטער אַ קאַסע-פענצטערל. דו מוזט דאָך פארשטיין, אַז קיינער האָט נישט קיין חשק זיך צו לאָזן באַגזלנען צוליב אים.

— כ׳פארשטיי, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט ׳יט אַ שמייכל. — איך בין שטענדיק געניגט יענעם צו פארשטיי׳ און כ׳האב שוין דערויף פארברויכט א סך ענערגיע. איך האב ׳יסל צו שפּעט איינגעזעען, וואָסערע קראַפט עס איז דאָס נישט

פאַרשטיין. מיט דער דאָזיקער קראַפט האָט מען אפּטמאָל איינ-
גענומען די גאַנצע וועלט.

ווען נאַפּאָלעאָן וואָלט געווען אַזוי אינטעליגענט, ווי
שפּינאָזאַ, וואָלט ער ערגעץ ווו אויף אַ בוידעם-שטיבל אָנגע-
שריבן פיר בענדער פילאָזאָפיע. אָבער דעם דאָזיקן
עלנטן און בייזן פאַרשוין, וואָס זיצט הינטערן קאַסע-
פענצטערל, פאַרטרויסטו דאָך דיינע בריוו. ער פאַרוואַלטעט
איבער אַ טייל פון דיין אייגנס, און דווקא איבער אַ גרויסן און
אָנגעזעענעם טייל.

דו האַלטסט, אַז ער האָט אַ פינצטער פּנים. אָבער מיטן
מאָמענט, ווען ער וועט כּולל זיין אַלץ, וועט ער אויפהערן צו
עקזיסטירן. אָדער נאָך מער, ער און מיר וועלן זיין איינס און
דאָס זעלבע. פאַרניכטעט דורך זיין אוניווערסאַלקייט, וועט ער
אונדז מער נישט באַלעסטיקן. מ'הערט אויף צו זיין בייז, מיין
טאָכטער, בעת מ'הערט אויף אינגאַנצן צו עקזיסטירן.
אויב מיר האָבן זיך פאַר וואָס צו באַקלאָגן אויף דער
מלוכה איז עס דערפאַר, וואָס זי פּרעסט אויף דאָס פּריוואַטע
אייגנס און באַגרענעצט עס אָן אויפהער, און דערביי שינדט
זי צום שטאַרקסטן די הויט פון די אָרעמע און צום ווײ-
ניקסטן די הויט פון די רייכע. אָט פאַרוואָס די מלוכה איז
אַזוי אומדערטרעגלעך. די מלוכה איז גיריק. זי האָט אַסך באַ-
דערפענישן.

אין מיין רעפּובליק וועט די מלוכה, פּונקט ווי די גע-
טער, נישט האָבן קיין שום ווונטשן. זי וועט האָבן אַלץ און
גלייכצייטיק גאָרנישט. מיר וועלן לחלוטין נישט פילן איר
עקזיסטענץ, ווארים זי וועט זיין אין הסכם מיט אונדזערע
שטרעבונגען און זיך מיט גאָרנישט פון אונדז אונטערשיידן. ס'וועט
זיין אַזוי, ווי זי וואָלט אינגאַנצן נישט געווען.
און אויב דו מיינסט, אַז איך וויל מקריב זיין דעם יחיד
לטובת דער מלוכה, שטעלן העכער אַן אַבסטראַקציע פאַרן לעבן,
האָסטו אַ גרויסן טעות, להיפּך. איך וויל, אַז די אַבסטראַקציע
זאָל זיין אונטערגעוואָרפן דער ווירקלעכקייט, איך באַזייטיק איב-

אַנצן די מלוכה און איך אידענטיפיציר זי צוזאַמען מיט דער גאַנצער סאָציאַלער אַקטיוויטעט.

און ווען די דאָזיקע רעפובליק זאָל אפילו קיינמאָל נישט עקזיסטירן, וואָלט איך זיך געפילט גליקלעך, בלויז צוליב דעם וואָס איך האָב זי אויסגעצערטלט אין מיין פאַנטאַזיע. פאַרוואָס זאָל מיר דען נישט זיין דערלויבט צו בויען אַן אוטאָפּיע. און אפילו אויגוסט קאָנט, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט אויפגעבויט זיין מלוכה אויפן באָדן פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, האָט פונדעסטוועגן אַוועקגעשטעלט קאַמפּאַנעלאַן אין איין ריי מיט אַנדערע גרויסע מענטשן.

די חלומות פון די פילאָזאָפן האָבן אין אַלע צייטן אָנגערעגט די מענער פון טאַט, אונטערצונעמען דעם פּרווו צו פאַרווירקלעכן זיי אין לעבן. אונזער געדאַנק האָט געשאַפן די צוקונפט. די מלוכה-לייט אַרבעטן איבער די פּלענער, וואָס מיר לאָזן איבער נאָכן טויט. זיי זענען אונזערע מויערער און אונזערע אַרבעטער.

ניין, מיין טאָכטער, איך וויל נישט אויפבויען קיין אוטאָפּיע. מיין חלום, וואָס איז נישט בלויז מיין חלום און איז אין איצטיקן מאָמענט דאָס אייגנס פון טויזנטער און מיליאָנען מענטשלעכע נשמות, איז אַן אמתע נבואה.

יעדע געזעלשאַפט שטאַרבט אָפּ, אויב אירע אָרגאַנען זענען מער נישט צוגעפּאַסט צו די פונקציעס, פאַר וועלכע זיי זענען געשאַפן געוואָרן, און אויב אירע אברים דערנערן זיך נישט מער אין פאַרהעלטניש צו דער נוצלעכער אַרבעט, וואָס ווערט פון זיי פּראָדוצירט. טיף גייענדיקע צעשטערונגס-פּראָצעסן און אינערלעכע מהומות גרייטן דעמאָלט צו איר מפּלה און זאָגן אָן איר סוף.

די פעאָדאַלע געזעלשאַפט איז געווען געבויט אויף אַ סאָלידן באָדן. ס'איז אָבער געקומען אַ צייט, ווען דער קלער האָט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט אויפגעהערט צו רעפּרעזענטירן די וויסנשאַפט, און דער אַדל האָט שוין מער נישט פאַרטיידיקט מיט דער שווערד דעם אַרבעטער און פויער, אַזוי אַז די דאָזי-

קע ביידע סאָציאַלע איינריכטונגען האָבן אָנגעהויבן צו ברענגען מער שאָדן, ווי נוצן, און דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער קערפּער האָט געמוזט גיין צו גרונט; אַן אומפאָראויסגעזעענע און נויטווענדיקע רעוואָלוציע האָט אָפּגעטראָגן מיט זיך דעם קראַנקן.

ווער וואָלט געקאָנט באַהויפּטן, אַז אין דער היינטיקער געזעלשאַפט זענען אירע אָרגאַנען צוגעפּאַסט צו אירע פונקציעס און אַלע אירע אברים דערנערן זיך אין פארהעלטניש צו דער נוצלעכער אַרבעט, וואָס ווערט פון זיי פּראָדוצירט? ווער וועט זאָגן, אַז די עשירות איז פאַרטיילט אויף אַ יושרדיקן אופן? צי איז דען פאראַן איין מענטש, וואָס זאָל גלויבן אין דער לאַנגדויערעוודיקייט פון אזא אומגערעכטיקייט?

— ווי אזוי-זשע מאַכן דערצו אַ סוף, מיין פאָטער! ווי קאָן מען ענדערן די וועלט?

— א דאנק דאָס וואָרט, מיין קינד. ס'איז נישט פאַראַן אַזאַ מעכטיקע זאַך, ווי דאָס וואָרט. ס'איז אוממעגלעך צו צערייסן די פאַרקייטלונג פון דערהויבענע געדאנקען און שכלדיקע סבות. דאָס וואָרט פונקט ווי דער שליידערשטיין פון דוד, דערנידריקט די אכזרים און ווארפט די שטארקע צו דער ערד. דאָס וואָרט קאָן מען בשום אופן נישט גובר זיין. ווען נישט דאָס וואָרט וואָלט די וועלט געהערט צו די באַוואָפנטע חיות. ווער האַלט זיי אין צוים? בלויז דער אומבאַוואָפנטער געדאַנק.

איך וועל נישט זוכה זיין צו זעען די צוקונפטיקע מלוכה. אַלע פארענדערנישן סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער סאָציאַלער ארדנונג, קומען פאָר פּאַמעלעך און ווערן כמעט פון אונז נישט באַמערקט. אַ טיפזיניקער געאָלאָג, טשאַרלז ליעל, האט אויפגעוויזן, אז די שוידערלעכע שפּורן פון דער אייז-עפּאָכע, יענע אומגעהייערע שטיינער, וואָס וואַלגערן זיך אין די טאָלן, די געוויקסן-וועלט אין די קאלטע געגנטן, און די האָריקע חיות, וואָס זענען געקומען אויפן אָרט פון דער געוויקסן און חיות-וועלט אין די וואַרעמע לענדער, — אַז די דאָזיקע בלומרשטע קאטאקליזמען זענען אין דער אמתן דער רעזולטאַט

פון אָן אַ שיעור לאַנגדויערעוודיקע פּראָצעסן; אַלע גרויסע רע־
וואָלוציעס האָבן זיך געשאַפן מיט דער מילדער פאַמעלעכקייט
פון די נאַטור־כוחות. און די אומצייליקע דורות לעבעדיקע באַ־
שעפענישן, וואס האָבן געלעבט און משך פון דער צייט, האָבן
נישט געהאַט צומאָל די מינדעסטע אַנונג וועגן דעם.

די סאָציאַלע פאַרענדערנישן קומען פאָר אויפן זעלבן
אופן, אָן אויפהער, אומבאַמערקט פאַרן מענטשלעכן אויג. דער
פדחן ציטערט פאַר דער צוקונפטיקער איבערקערעניש, נישט
געקוקט דערויף, וואָס די פאַרענדערניש האָט זיך אנגעהויבן
נאך פאַר זיין געבוירן ווערן און קומט פאָר פאַר זיינע אויגן,
הגם ער זעט זי נישט אינגאַנצן, ווארים זי וועט ערשט אנזע־
עוודיק ווערן אין אַ הונדערט יאָר שפּעטער.

XVIII

ה׳ פעליקס פּאַנעטאָן איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט איבער דער אַלטע פון די עליזייען-פעלדער. בעת ער איז פאַרביי דעם טריומפאַלן בויגן, האָט ער באַרעכנט די שאַנסן פון זיין קאַנדידאַטור צום סענאַט. זי איז נאָך ביז איצט נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן. און ה׳ פּאַנעטאָן האָט געטראַכט, ווי נאַפּאָלעאָן בשעתו: „האַנדלען, באַרעכענען, און נאָכאַמאָל האַנדלען...״

צוויי ווייַלער-ליסטעס זענען שוין אַרייַנגעטראָגן געוואָרן אין זיין דעפּאַרטאַמענט. אויף איין ליסטע זענען געווען די קאַנדידאַטורן פון די פיר געוו. זענע סענאַטאָרן: לאַפּראַ-סעלע, גאָבי, מאַנעקען און לעדרי.

די נאַציאָנאַליסטן האָבן אַרויסגעשטעלט אויף זייער ליסטע דעם גראַף דע ברעסע, דעם קאָלאָנעל דעפּאָטער, דעם ה׳ לעדאָן, געוועזענער געריכטס-פּראָקוראָר און דעם קצב לאַפּאָלי.

ס׳איז שווער געווען פאָראויסצוזען, וועלכע פון ביידע ליסטעס וועט אָפּהאַלטן אַ נצחון. די פיר סענאַטאָרן פון דער ערשטער ליסטע האָבן קודם-כל געהאַט די מעלה, וואָס זיי האָבן אַ לאַנגע צייַט פאַרנומען זייערע פּאָסטנס. זיי זענען אין אַ געוויסער מאָס געווען באַקאַנט אַלס די היטער פון דער אַל-

טער טראַדיציע, וואָס איז געווען פארבונדן מיטן כמעט לעגענדאַרן נאמען פון גאַמבעטאַ.

זיי האבן זיך באַרימט פאר די בירגער מיט זייערע פארדינסטן לטובת דעם פאטערלאנד. זיי האבן געהאט אַ סך דיסציפלינירטע אנהענגער. די דאזיקע פּאָליטיקער, עדות פון די אמאליקע היסטארישע געשעענישן, זענען געבליבן טריי זייערע איבערצייגונגען מיט אן אַנטשלאָסנקייט, וואס פלעגט בלויז פון צייט צו צייט, אונטערן דרוק פון די געשעענישן זיך אונטערגעבן די פּאָדערונגען פון דער עפנטלעכער מיינונג.

אַמאָל זענען זיי געווען אָפּאָרטוניסטן, היינט האָבן זיי זיך אַ נאָמען געגעבן ראַדיקאַלן. אין צוזאמענהאנג מיט דעם דרייפוס-פּראָצעס האָבן זיי איינשטימיק אויסגעדריקט דעם קריגס-געריכט זייער צוטרוי. דעם אלטן גאָבי פלעגן זיך שטעלן טרערן אין די אויגן, בעת ער האָט גערעדט וועגן דער מיליטערישער יוסטיץ.

לאַפּראַ-טעלע, דער וועטעראַן און רעפּובליקאַנער פון די העראָישע צייטן, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אַ ריי גראַנדיעזע קאַמפן, פלעגט זיך אויסדריקן וועגן דער נאַציאָנאַלער אַרמעע אין אויסערגעוויינלעך צאַרטע און גערירטע רייד; אין אַנדערע צייטן וואָלט מען עס זיכער אָנגענומען פאר אַ שפּראַך, וואס האט מער אַ שייכות מיט אָרעמע יתומים, ווי מיט אַן אינסטיטוציע, וואס האָט געהאט אין איר רשות אַ גרויסע צאָל מענטשן און מיליאַרדן פראַנק

די פיר סענאַטאָרן האבן אויסגעדריקט אין גענעראַל-ראַט דעם ווונטש, אַז די רעגירונג זאָלן אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן דער אַגיטאַציע פון די רעוויזיאָניסטן.

זיי זענען טאַקע געווע דער שעיר-לעזאזל פון דעפּאַרטאַמענט. און אַזוי, ווי קיין אַנדערע זענען נישט געווען, זענען זיי ווילד באַקעמפט געוואָרן פון די נאַציאָנאַליסטן. מאַנעקענען האָט מען למשל פּאָרגע אָ פּן, אַז זיינס אַ שוואָגער איז געווען אַ מיטגליד פון קאַסאַציאָנס-געריכט. וואָס שייך ווידער לאַפּראַ-

טעלען, דער ערשטער אויף דער ליסטע, האט ער נעהאט דעם ערגסטן סוף.

ס'איז טאקע אמת, אז ער איז אמאל געווען פארמישט אין פארשידענע אפערעס. מ'האט אים דערמאנט די צייט, ווען ער האט זיך געהאט פארפלאנטערט אינם פאנאמא-סקאנדאל, און אזוי ווי מ'ים האט דעמאלט געדראט איינגעזעצט צו ווערן אין תפיסה, האט ער זיך געלאזט וואקסן א לאגגע, ווייסע בארד, וואס האט אים צוגעגעבן א חשיבותדיקן אויסזעען. ער פלעגט פארן אין זיין קליינער קארעטע צוזאמען מיט זיין פרומער פרוי און דער טאכטער, געקליידעט ווי א מאנאכין.

טאג-טעגלעך פלעגט דער דאזיקער ארעמער פאראליטי־קער שפאצירן אין זיין פרומען, באשיידענעם אנצוג צווישן די אולעמס פון מארק-פלאץ; ער פלעגט זיך אוועקזעצן אויף דער זוניקער זייט, מיטן שפיץ שטעקן צייכענען פארשידענע ליניעס אויפן זאמד און אין דער זעלבער צייט איינחזרן זיך זיין פאר־טיידיקונגס-רעדע.

דער פראצעס איז אבער בינו לבינו בטל געווארן, און די רעדע איז געווארן איינגאנצן איבריק. זינט דעמאלט האט ער ביסלעכווייז אנגעהויבן קומען צו זיך. די נאציאנאליסטן האבן זיך אבער ארויפגעווארפן אויף אים מיט א ווילדער פאר־ביטערניש!

ער איז געווען אנגאזשירט אין פאנאמא-סקאנדאל. מ'האט אים איצט געסטעמפלט, ווי א דרייפוס-אנהענגער. „דער דאזיקער פארשוין, — האט ה' לעדרי זיך אויסגעדריקט, — וועט אונז אלע אומברענגען". ער האט פארטרויט זיינע דאגות דעם פרע־פעקט, ה' ווארמס-קלאוועלען:

— צי וואלט מען נישט געקאנט געבן צו פארשטיין דעם ה' לאפרא-טעלע, וואס האט טאקע אסך גרויסע פאר־דינסטן פאר דער רעפובליק און פארן לאנד, אז ס'האט שוין אויסגעשלאגן די שעה, ער זאל זיך צוריקציען פון פאליטישן לעבן?

דערויף האט דער פרעפעקט געענטפערט, אז מ'וואלט זיך

באַדאַרפט גוט איבערלייגן, איידער מ׳וואָלט צוגעטרעטן צו ענדערן דעם פערזאָנען-צוזאַמענשטעל פון דער רעפובליקאַנישער ליסטע.

בינו לבינו האָט דאס בלאַט „דער צלם“, וואָס איז איינגעפירט געווארן אין דעפּאַרטאַמענט דורך דער פרוי וואָרמס-קלאַוועלען, אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטע קאַמפּאַניע קעגן די פיר סענאַטארן. דאָס בלאַט האָט אונטערגעשטיצט די נאַציאָנאַליסטישע ליסטע, וואס איז זייער גוט געווען צונויפגעשטעלט.

דעם ה׳ דע ברעסע איז געלונגען צו פאַראייניקן אַלע מאָנאַ־כיסטן, וואס זענען געווען זייער צאָלרייך אין דאזיקן דעפאַרטאַמענט. ה׳ לעראָן, געוועזענער פראקוראָר, אַדוואָקאַט פון די קירכלעכע קאָנגרעגאַציעס, איז געווען דער פאַרטרויונגסמאַן פון קלער; דער קאָלאָנעל דעפּאַטעל, אַ פארשלאָסענער, אָפּגעזונדערטער זקן האָט רעפּרעזענטירט דעם ארמעע-כּבוד; ער האט געלויבט די דאָקומענטן-פעלשער און נעחתמעט זיין נאָמען אויף דער סובסקריפּציאָנס-ליסטע פון דער אלמנה נאָכן קאָלאָנעל אַנרי.

לאַפּאַלי, דער קצב איז געווען זייער באליבט ביי די האַלבּפינצטערע אַרבעטער אין פויערן פון די פארשטעט. מ׳האָט אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז די נאציאָנאַליסטישע ליסטע וועט באַקומען איבער צוויי הונדערט שטימען און ווארשיינלעך דורכזיין.

ה׳ ווארמס-קלאַוועלען איז געוואָרן אומרויק. ער איז געווארן גאר באאומרויקט, בעת „דער צלם“ האט פארעפנטלעכט דעם מאַניפעסט פון די נאַציאָנאַליסטישע קאַנדידאַטן.

דער מאניפעסט האט געזידלט דעם מלוכה-פּרעזידענט, פאַרגלייכט דעם סענאַט צו אַ קי-שטאַל און קוואַליפיצירט דעם מיניסטאָרן-קאַבינעט, ווי דאָס מיניסטעריום פון פאַראַט.

— אויב די דאָזיקע פאַרשוינען וועלן דורכגיין, וועל איך מוזן אָפּטרעטן, — האט דער פּרעפעקט געטראַכט. און ער האט געזאָגט צו זיין פרוי אין אַ מילדן טאָן:

— דו האסט זייער שלעכט געטון, מיין טייערע, וואס

דו האסט מיטגעהאלפן דער פאַרשפּרייטונג פון „צלם“ אין מיין דעפּאַרטאַמענט.

דערויף האט מאַדאם וואָרמס-קלאַוועלען געענטפערט:

— וואָס ווילסטו-זשע? איך בין אַ יידישקע און ווי אַזעלכע בין איך געווען געצוואונגען איבערצוטרייבן אין מיינע קאַטוילישע געפילן. ביז איצט האט עס אונז געבראַכט אַסך נוצן.

— אוודאי, אוודאי; — האט דער פּרעפעקט געענטפערט. — מיר האָבן זיך אַביסל פאַרגאַלאָפּירט.

דער סעקרעטאר פון דער ברעפעקטור, ה׳ לאַקאַרעל, וואס איז צוליב זיין ענלעכקייט מיט ווערסינזשעטאָריקס, געווען גענייגט צו די נאַציאָנאַליסטן, האט פאָראויסגעזאָגט דעם נצחון פון דער רעאַקציע.

ה׳ וואָרמס קלאַוועלען, פאַרטיפט אין פינצטערע כוונות האט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם ציגאַר, וואָס האָט זיך געברענט און געדויכערט אויפן אַנלען פון זיין פאָטעל.

אין דער זעלבער צייט האט ה׳ פעליקס פאַנעטאָן באַזוכט דעם פּרעפעקט. ה׳ פעליקס פאַנעטאָן, אַ יונגערער ברודער פון פאַנעטאָן דע לאַ באַרוש, איז געווען אַ מיליטער-ליפערא-ט. מ׳האָט אים נישט געקענט חושד זיין אין ווייניג ליבע צו דער אַרמעע, וועלכע ער האט באַקליידט און פאַרזאָרגט מיט שטיוול.

ער איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט, אבער אַ רעגירונגס-נאַציאָנאַליסט. ער האט געהאַלטן צוזאַמען מיט ה׳ לובע און וואַלדעק-רוסאָ. ער האָט נישט באַהאַלטן זיינע איבערצייגונגען, און בעת מ׳האט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאס איז אוממעגלעך, פלעגט ער ענטפערן:

— דאָס איז לחלוטין נישט אוממעגלעך; דאָס איז גאָרנישט אַזוי שווער. מ׳דאַרף בלויז האָבן די געהעריקע אידעע.

פאַנעטאָן דער נאַציאָנאַליסט איז ווייטער פאַרבליבן אַן אָנהענגער פון דער רעגירונג. שטילערהייט האָט ער געטראַכט:

— עס איז נאָך פריצייטיק איבערצורייסן מיט דער רעגי־רונג: און די אַלע, וואָס האָבן זיך געאײַלט און איבערגעריסן מיט דער רעגירונג, האָבן עס נאָכדעם שטאַרק באַדויערט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז אפילו אַ נידערגעשלאָגענע רעגירונג האָט אַלץ נאָך גענוג צייט צו געבן אירע געגנער אַ געזונטן שטויס אין הינטערשטן אָדער אויסהאַקן זיי אַ פּאָר ציין.

דעם דאָזיקן קלוגן געדאַנק האָט אים דיקטירט זיין געזונ־טער מענטשלעכער שכל און זיין שטעלונג אַלס ליפעראַנט אין דינסט פון מיניסטעריום. ער האָט געהאַט אַ סך אַמביציע, ער האָט זיך אָבער אַלעמאָל באַמיט צופרידנצושטעלן זיין אייגנלי־בע, אַזוי אַז דערפון זאָלן נישט ליידן זיינע געשעפטן און פאַר־געניגנס. און צו זיינע פאַרגעניגנס האָבן געהערט געמעלן און פרויען. בכלל האָט ער אַנטוויקלט זייער אַן ענערגישע טעטי־קייט און איז שטענדיק געווען אונטערוועגס צווישן זיין פאַב־ריק און פּאַריז, וווּ ער האָט געהאַט דריי אָדער פיר וווי־נונגען.

אַ געוויסן טאָג איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק אַרויסצו־שטעלן זיין קאַנדידאַטור אויף אַ ליסטע, וואָס זאָל אין זיך פאַראייניקן ביידע עקסטרעמע לאַגערן: די נאַציאָנאַליסטן און ראַדיקאַלן. ער האָט דעריבער באַזוכט דעם פּרעפעקט ה׳ וואַרמס־קלאַוועלען און זיך געווענדעט צו אים מיט פאָלגנדע ווייד:

— הער פּרעפעקט, איך וויל אייך מאַכן אַ פאָרשלאַג, וואָס קאָן נאָר זיין אין הסכם מיט אייערע ווונטשן. איך בין זיכער פון פאָראויס, אַז איר וועט געבן אייער הסכמה אויף מיין פאָרש־לאַג. דער דערפאָלג פון ,אַפּראָ־טעלעס ליסטע וואָלט אייך שטאַרק געווען צום האַרצן. דאָס פאַדערט פון אייך אייער פליכט. איך רעספּעקטיר אייערע געפילן אין דער ריכטונג, איך קאָן זיי אָבער בשום אופן נישט אונטערשטיצן.

איר האָט מורא פאַרן דערפאָלג פון ברעסעס ליסטע. דאָס איז פולשטענדיק באַרעכטיקט. אין דער הינזיכט קאָן איך אייך יאָ בייהילפיק זיין.

איך האָב בדעה צוזאַמען מיט מיינע דריי פריינד אַריינצו־

ט־אָגן אַ ליסטע פון נאַציאָנאַליסטישע קאנדידאטן. דער דעפּאַר־טאמענט איז נאַציאנאַליסטיש געשטימט, אָבער מיט אַ מעסיקער שאַטירונג.

מיין פּראָגראַם וועט זיין אַז נאַציאָנאַליסטיש, אַז רעפּובּ־ליקאניש. איך וועל האבן קעגן מיר די קאָנגרעגאציעס, דער בּישאָף וועט אבער זיין אויף מיין זייט. איך בעט אייך דערי־בער, איר זאלט מיך נישט באקעמפן. פארבאהאלט לגבי מיר אַ גינציקע נייטראַליטעט.

איך וועל נישט אָפּציען אסך שטימען פון לאַפּרא־טעלעס ליסטע. דערפאר וועל איך אבער באקומען אַ גרויסע צאָל אָנהענגער פון ברעסעס ליסטע. איך וויל נישט פאר אייך פארבארגן מיין האפנונג דורכצוגיין ביים דריטן וואלגאנג. מיין דערפאלג וועט אין רעזולטאט גורם זיין אויך אייער דערפאלג, וואָרים נאָר אויף אזא אופן וועט איר אומשעדלעך מאכן די פאנאטיקער.

דער פּרעפעקט וואָרמס־קלאוועלען האָט דערויף געענטפערט:

— הער פאנעטאָן, מיינע סימפּאַטיעס זענען שוין א לאנגע צייט אויף אייער זייט. איך דאנק אייך פון גאנצן הארצן פאר די אינטערעסאנטע ידיעות, וואָס איר זענט אזוי פריינדלעך גע־ווען מיר מיטצוטיילן. איך וועל מיר די זאך איבערלייגן, און איך וועל מיך באמיען דורכצודרינגען די כוונות פון דער רעגירונג און צו האנדלען אין די אינטערעסן פון דער רעפּובּליקאנישער פּארטיי.

ער האָט מכבד געווען זיין גאַסט מיט אַ ציגאַר און דער־נאָך האָט ער אים אין אַ פריינדלעכן טאָן אַ פרעג געטון, צי ער קערט זיך נישט אום אמאָל פון פאריז און צי ער האָט דאָרט נישט געזען די אויפפירונג פון דער נייער פּיעסע אין וואַריעטע־טעאַטער. ער האָט אים געשטעלט אזא פראַגע, וואָרים ער האָט געוווּסט, אַז פאַנעטאָן האלט אויס אַן אקטריסע פון ־יענעם טעאַטער.

פעליקס פאנעטאָן האָט געהאט אַ שם פאַר אַ ליבהאבער פון פרויען. ער איז געווען אַ דיקער מאַן פון אַ יאָר פופציק, דער קאָפּ איז געווען פּליכעוואַטע און ארייגערוקט צווישן די

פּלייצעס ; ער איז געווען מיאוס, אָבער ווי מ׳פּלעגט זיך אויס־דריקן : גייסטרייך.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָך זיין געשפּרעך מיטן פּרע־פעקט וואָרמס־קלאָוועלען, איז ער געגאַנגען איבער די עליזייען־פעלדער און געטראַכט וועגן די אויסזיכטן פון זיין קאַנדידאַטור, וואָס זענען ביז איצט געווען זייער גינסטיק. אין לעצטן מאָ־מענט, בעת מ׳האָט באַדאַרפט אריינטראָגן און באַשטעטיקן די ליסטע, האָט איינער פון די קאַנדידאַטן, ה׳ דע טערמאָנדר צו־ריקגעצויגן זיין קאַנדידאַטור.

ה׳ דע טערמאָנדר איז געווען צו מעסיק, כדי צו זיין אימשטאַנד אוועקצוגיין פון די עקסטע נאַציאָנאַליסטן. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי, בעת זיי האָבן אָנגעהויבן העכער צו ליאַרמען.

— איך האָב מיך איינגעלעבט געריכט דערויף, — האָט פּאַנעטאָן געטראַכט. — ס׳איז נישט אַזאַ גרויס אומגליק. איך וועל ארויסשטעלן דע גראַמאַנס אויפן ארט פון דע טערמאַנדר. גראַמאַנס וועט שוין אַלץ טון. גראַמאַנס איז גוטבאַזיצער. ס׳איז נישטאָ קיין איין העקטאַר פון זיין באָדן, וואָס זאָל נישט זיין פאַרשולדיקט. דאָס וועט אים אָבער העכסטנס ברענגען שאָדן אין זיין אייגענעם דעפּאַרטאַמענט. ער איז אין פּאַריז. מ׳דאַרף אים באַזוכן.

אין דער רגע האָט ער באַמערקט מאַדאַם דע גראַמאַנס, איינגעהילט אין אַ לאַנגן סקונקסענעם מאַנטל, וואָס איז איר אַראָפּגעפאַלן ביז צו די פיס. נישט געקוקט אויף איר שווערן מאַנטל האָט זי אויסגעזען צאַרט און שלאַנק. זי איז געווען אַנטציקנדיק.

— ס׳פרייט מיך אויסערגעוויינלעך אייך צו זען, טייערע מאַדאַם דע גראַמאַנס. וואָס מאַכט עפּעס אייער מאַן ?

— אָ... זייער גוט.

אַלעמאָל, בעת מ׳פלעגט פרעגן וועגן איר מאַן, האָט זי שטענדיק מורא געהאַט, אַז הינטער דעם זאָל אַמאָל נישט שטעקן אַ געוויסע איראָניע.

— צי וועט איר מיר דערלויבן צו באַגלייטן אייך אַ פּאָר שריט, נעערטע מאַדאַם? איך וויל מיט אייך רעדן וועגן זייער ערנסטע זאַכן... קודם־כּל.

— ביטע.

— אייער מאַנטל ליגט אויף אייך אויסגעצייכנט גוט. איר זעט אויס אין אים ווי אַ רייצנדיקע ווילדע קאַץ...

— צי דאָס איז דער ערנסטער ענין, וועגן וואָס...

— כ'קום שוין צו צו דעם. ס'איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז ה' דע גראַמאַנס זאָל אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור צום סענאַט. דאָס פאָדערט פון אים דאָס לאַנד. ה' דע גראַמאַנס איז אַ נאַציאָנאַליסט, נישט וואָר?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ באַליידיקטן בליק.

— צו די אינטעלעקטואַליסטן געהערט ער אַלנפאַלס נישט!

— ער איז אַ רעפּובליקאַנער?

— מיין גאָט! אוודאי, איך וועל עס אייך דערקלערן. ער איז מאָנאַרכיסט... איר פאַרשטייט שוין איצט...

— אָ! טייערע מאַדאַם, אַזעלכע רעפּובליקאַנער זענען די בעסטע. מיר וועלן אַרויסשטעלן די קאַנדידאַטור פון ה' דע פראַמאַנס אויף אַן עלעגאַנטן אָרט אויף דער קאַנדידאַטן־ליסטע פון די נאַציאָנאַליסטישע רעפּובליקאַנער.

— און איר זענט זיכער, אַז מיין מאַן וועט דורכגיין?

— מאַדאַם, איך בין פולשטענדיק זיכער. מיר האָבן אויף אונזער זייט דעם בישאָף און אַ גרויסע צאָל איבערצייגטע נאַציאָנאַליסטישע וויילער, וואָס זענען דורך זייער אַמט און אינטערעסן פאַרבונדן מיט דער רעגירונג. און בעת אַ דורכפאַל קאָן ה' דע גראַמאַנס רעכענען אויף דער דאַנקבאַרקייט פון דער אַדמיניסטראַטיווער און צענטראַלער מאַכט. איך זאָג עס אייך בסוד: דער פּרעפעקט וואָרמס־קלאַוועלען איז אויף אונזער זייט.

— איך זע אַלזאָ נישט קיין גרונט, פאַרוואָס דיעדאַנע זאָל נישט...

— איר גאַראַנטירט מיר זיין הסכמה;
— רעדט בעסער אַליין מיט אים איבער.
— איר האָט מער השפעה אויף אים.
— איר מיינט עס אין דער אמתן?
— כ׳בין פולשטענדיק זיכער.
— גוט, ס׳איז אָפּגעמאַכט.
— ניין, ס׳איז נאָך נישט אָפּגעמאַכט. ס׳זענען נאָך פאַראַן געוויסע זייער דעליקאַטע פּרטים, וואָס מ׳קאָן זיי נישט פעסט־שטעלן אויף דער גאַס... קומט בעסער צו מיר. איך וועל אייך וויזן מיינע באַדוענס. קומט צו מיר מאָרגן.

און ער האָט איר אייגערוימט אין אויער אריין זיין אדרעס, דעם נומער פון אַ שטיל געסל אין איראָפּאַ־קוואַרטאַל.

דאָרט, אַ שפּאַר שטיקל וועג פון זיין אָפיציעלער, געוויי־מער וווינונג אין די עליזייען־פעלדער, האָט ער געהאַט אַ קליין הייזל, וואָס אַ מאָלער האָט מיט אַ צייט צוריק געלאָזט פאַר זיך אויסבויען.

— צי איז עס דען אַזוי דרינגענד?
— צי דאָס איז דרינגענד! נעמט אין באַטראַכט, טייערע מאַדאַם, אַז ס׳איז אינגאַנצן פאַרבליבן דריי וואָכן אויף צו אָר־גאַניזירן אונזער וואַל־קאַמפּאַניע. ברעסע אַגיטירט שוין גאַנצע זעקס חדשים.
— צי איז עס אָבער אומבאַדינגט נויטיק, אַז איך זאָל אייך באַזוכן?
— מיינע באַדוען־קאָלעקציעס... דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק.
— איר מיינט עס ערנסט?
— הערט מיך אויס און זאָגט אַליין, וואָס איר טראַכט וועגן דעם, טייערע מאַדאַם. אייער מאַן האָט אַ געוויסע השפעה אויף דער לאַנד־באַפעלקערונג. איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרלייקענען; דאָס דאָזיקע לאָזט זיך באַזונדערס פילן אין די קאַנטאָנען, וווּ ער איז ווייניק באַקאַנט. איך קען אָבער פאַר

אייך נישט באהאלטן, אז מיין פארשלאג ארויפצוטראגן אים אויף אונזער ליכטע דהאט אנגעטראפן אויף געוויסע שווע־ריקייטן.

די דאזיקע שוועריקייטן זענען נאך אלץ נישט באזייטיקט געווארן. ס'איז דעריבער נויטיק, איר זאלט מיר געבן די קראפט דורכצופירן דאס מייניקע. מיט דער הילף פון אייער... אייער פריינדשאפט, וועל איך מיך אנגעמען מיט קוראזש... מיט איין ווארט, איך פיל, אז אויב איך וועל נישט האבן אייער פול־שטענדיקע סימפאטיע, וועל איך נישט האבן די נויטיקע ענערגיע...

— עס שיקט זיך דאך אבער נישט, אז איך זאל קומען צו אייך...

— א! אין פאריז!...

— אויב איך וועל קומען, וועט עס דאך געשעען נאר אין אינטערעס פון פאטערלאנד און פון דער ארמעע. מ'דארף רא־טעווען פראנקרייך...

— איך האב אויך די זעלבע מיינונג.

— גריסט די מאדאם פאנעטאן אין מיין נאמען.

— כ'וועל עס טון מיטן גרעסטן פארגעניגן. בי מארגן נעדיקע מאדאם.

XIX

אין דער קליינער וווינונג פון פעליקס פאנעטאן איז גע־
זוען א גרויס צימער, וואס האט אמאל געדינט אלס אטעליע
פאר א באקאנטן מאלער; דער נייער באלעבאס האט אויסמעב־
לירט דאס דאזיקע צימער מיט א סך געשמאק, ווי עס פאסט
פאר א ליבהאבער פון מערקווערדיקייטן און א פרויען־פארע־
רער. ה׳ פאנעטאן האט מיט א סך געשמאק און אין א גע־
וויסער ארדנונג אויסגעשטעלט אין דאזיקן צימער א ריי קאנא־
פעס, סאפעס און דיוואנען פון פארשידענע פארמען.

בעת מ׳איז אריינגעקומען אין צימער, האט זיך די ערשטע
געווארפן אין אויג א קליינע בלויזיידענע קאנאפע, וואס האט
מיט איר אנלען אין דער פארם פון א שוואנען־האלז, דערמאנט
אין יענע צייטן, בעת באנאפארטע אין פאריז, האט ווי אמאל
טיבעריוס אין רוים, געוואלט רעפארמירן די מדות. דערנאך
האט מען געזען אן עטוואס שמאלע קאנאפע מיט א געשטיקטן
אנלען, די אזוי גערופענע „באווע,“ דערנאך די אזוי גערופענע
„דיושעז“ — א קאנאפע צעטיילט אויף דריי חלקים, באפוצט מיט זייד.

ווייטער איז געשטאנען א נידעריקע הילצערנע סאפע,
באפוצט מיט טערקישע האפטן; א גרויסע סאפע פון געגילדטע
האלץ באדעקט מיט א פרעכטיקן, געבלימלטן קארמאזין־סאמעט,
מיט א מאטראץ פון זעלבן שטאף, וואס האט געשטאמט נאך

פון מאַדמואַזעל דאַמורס צייטן, און ענדלעך אויך אַ ברייטער נידריקער, ווייכער דיוואַן פון שאַרלאַך-רויטן סאַטין.

אין אַ ראָזער האַלב-טונקלקייט, לעבן דער טיר, וואָס האָט געפירט אין צימער, ווו ס'זענען געהאָנגען די באַדוענס, זענען אויף אַן אָריענטאַלישן, נידריקן דיוואַן, געלעגן אָנגעוואָרפן אָן אַ שיעור ווייכע קישעלעך.

מחמת דעם, וואָס נאָך ביי דער שוועל פון דער טיר האָט זיך געעפנט אַן אויסבליק אויף די אַלע פאַרשידענע קאַנאַפּעס, סאָפעס, דיוואַנעם און ווייכע קישעלעך, האָט יעדע באַזוכערין געהאַט באַלד פון אָנהייב די מעגלעכקייט אויסצוקלויבן אַזאַ פּלאַץ, וואָס האָט זיך צום בעסטן געפּאַסט צו איר מאָראַלישן כאַראַקטער און נשמה-צושטאַנד אין יענעם מאָמענט.

פאַנטעטאָן פלעגט אָבסערווירן יעדן שריט פון זיינע נייע געליבטע און פון זייער בליק פלעגט ער ווי ווייט מעגלעך זיך באַמיען אָראָפּצולייענען זייער געשמאַק, און צופירן זיי צום אָרט, וואָס איז זיי צום בעסטן געפעלן. די גאָר שעמעוודיקע פלעגן זיך גלייך אַוועקזעצן אויף דער קליינער בלויער קאַנאַפּע און אָנשפּאַרן זייערע הענטלעך אויפן שוואַנען-האַלז.

אין דעם זעלבן צימער האָט זיך אויך געפונען אַ הויכער גילדענער פאָטעל פון געגנוּא, באַדעקט מיט סאַמעט, אַמאָל מיט יאָרן צוריק דער טראָן פון אַ פירשטין פון מאָדענאַ אָדער פאַרמאַ; דער דאָזיקער פאָטעל האָט געדינט פאַר שטאָלצע פרויען.

די עכטע פאַריזערינס פלעגן זיך רויק אַוועקזעצן אויף דער באָרוע-קאַנאַפּע, די אויסלענדישע פּרינצעסינס פלעגן געוויינלעך זיך זעצן אויפן ערשטן בעסטן אָרט.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן שכלדיקן פונאַנדערשטעל פון די מעבל האָט פאַנטעטאָן באַלד פון אָנהייב אָן געוווסט, וואָס ער האָט צו טון. ער איז שטענדיק געווען אימשטאַנד זיך צו האַלטן אין די ראַמען פון די אָנגענומענע קאָנווענאַנסן, ער האָט זיך

געהיטן פאר צו האסטיקע טריט, און פארשפארט זיך און זיין גאסט די לאנגע און אומנוצלעכע הפסקות צווישן די העפלעכע באגריסונגס-רייד און דער באטראכטונג פון די באדוען-בילדער. דאס אלץ צוזאמען האט אים געגעבן יענע זיכערקייט און זעלבסט-באהערשונג, וואס האט אים געבראכט א סך כבוד.

מאדאם דע גראמאנס האט באלד אין אנהייב זיך ארויס-געוויזן פאר א פרוי מיט א סך טאקט, פאר וואס פאנעטאן איז איר געוועזן זייער דאנקבאר. זי האט זיך צומאל נישט אומגע-געקוקט אויפן טראן פון דער פארמא אדער מאדענא-פירשטין, זי האט אויך דורכגע-אזט די קאנאפע מיטן שוואנען-האלז און זיך באלד אוועקגעזעצט אויף דער געבל-מלטער באווע-קא-נאפע, ווי עס פאסט פאר אן עכטער פאריזערין.

קלאטילדע האט זיך שטארק געלאנגווייליקט אין איין פראווינץ-שטאט, און זי פלעגט דעריבער זיך ארומשלעפן מיט די שלעכט-דערצויגענע זונדלעך פון דארטיקן קליין-אדל. מיט דער צייט האט זי אבער אנגעהויבן צו באגרייפן דעם אמתן זין פון לעבן.

די כסדר וואקסנדיקע געלט-שוועריקייטן האבן געשארפט איר שכל, און זי האט ביסלעכווייז אנגעהויבן צו באגרייפן די סאציאלע פליכטן. פאנעטאן איז אין אירע אויגן נישט געוועזן אזוי שטארק מיאוס. דער דאזיקער פופציק-יעריקער מאן מיטן פליכעוואטן קאפ, מיט די שיטערע שווארצע הערלעך, וואס זענען געווען צוגעקלעבט צו זיינע שלייפן, און די גרויסע, ארויסגעשטאר-טע אויגן, האט געמאכט דעם איינדרוק פון אן אפאפלעקטישן געליבטן; ער האט זי אריינגעבראכט אין א לוסטיקן צושטאנד און צופרידנגעשטעלט איר זין פאר דאס לעכערלעכע אין דער ליבע.

בלי ספק וואלט זי ליבער געוואלט א שיינעם יונגנמאן, זי איז אבער בטבע לייכט געניגט געווען צו פריילעכקייט און זיך אפילו צופרידנגעשטעלט מיט געפעפערטע וויצן און מיט א געוויסער מדרגה העפלעכקייט. א ווײלע האט זי זיך גע-וואקלט, אבער באלד דערנאך איז זי געקומען צו דער איבער-

ציי גונג, אַז די גאַנצע געשיכטע איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך און גאָרנישט אַזוי לאַנגווײַליק.

אַלץ האָט זיך גוט איינגעשטעלט. דער איבערגאַנג פון דער באָווע־קאַנאַפּע צו דער דיושעז־קאַנאַפּע און פון דאָרט אויף דער ברייטער סאָפע, איז פאָרגעקומען, ווי עס פּאַסט פאַר אָרנטלעכע לייט. מ׳האָט געהאַלטן פאַר איבריק זיך אויפצוהאַלטן ביי די אָריענטאַלישע קישנס און מ׳איז באַלד אריבער אין זאַל, וווּ ס׳זענען געהאָנגען די באָדווען־געמעלן.

בעת קלאָטילדע האָט בדעה געהאַט אויפצוהויבן אירע אויגן אויף די געמעלן פון עראָטישן מאָלער האָט זי ערשט באַמערקט, אַז דאָס צימער איז געווען איבערפולט מיט ווייבערשע קליידער און וועש.

— אָ! דאָס זענען זיי, אייערע באָדוענס. איר האָט אַזש צוויי...

— ריכטיק.

ער האָט פאַרמאָגט דעם ווי לע ר י ש ן ג ע ר ט נ ע ר און דעם א ו י ס ג ע מ אַ ט ע ר ט ן ק ו כ ע ר. פאַר די דאָזיקע צוויי קליינע געמעלן האָט ער באַצאָלט צו זעכציק טויזנט פראַנק אַ שטיק.

ווי עס פאַסט פאַר אַ פרויען־קענער האָט ער מיט אַ רויקן און עטוואָס מעלאַנכאָלישן בליק באַטראַכט איר צאַרטע, עלעגאַנטע און שלאַנקע פיגור; ער האָט אין אַ געוויסער מאָס צופרידנגעשטעלט זיין אייגנליבע, וואָס איז שטאַרקער געוואָרן מיטן מאָמענט, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן אָנצוטון און ווידער אָנגענומען איר פריערדיקע סאָציאַלע שטעלונג.

זי האָט אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן בנוגע די קאַנדידאַטן.

— פאַנעטאָן, אינדוסטריעלער; דיעדאָנע דע גראָמאַנס — גוטבאַזיצער; דאָקטאָר פאָרגעראָל, מיו׳א, פאָרשונגס־רייזנדער..

—מיולא?

— יאָ, דער זון פון מיולא. ער האָט זיך שטאַרק פאַרשולדיקט אין פּאַריז. דער פאָטער האָט אים דעריבער ארויסגע־

שיקט קיין אויסלאנד, אויף צו מאכן אַ רייזע איבער דער וועלט. דעזירע מיולא, פאַרשונגס־רייזנדער. אַ פאַרשער אלס קאנדידאט. דאָס איז גרויסאַרטיק. די ווײַלער האָפן, אַז ער וועט אַנטדעקן פאר זיי נייע קאָלאָניזאַציע־געביטן.

מאַדאַם דע גראָמאנס האָט אנגעהויבן ערנסט צו קוקן אויף דעם גאנצן ענין. זי האָט זיך געוואָלט באַקענען מיטן אינהאלט פון דער פראָקלאמאציע. ער האט איר איבערגעגעבן דעם אינהאלט אין קורצע ווערטער און ציטירט אויף אויסנווייניק א פאָר שטעלן.

— קודם־כל זאָגן מיר צו אַן אלגעמיינע באַרויקונג. ברעסע און די עקסטרעמע נאציאנאליסטן האָבן דערויף נישט געזייגט קיין אַכט. דערנאך וועלן מיר סטעמפלען די פארטיי אָן אַ נאמען.

זי האט געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַרא פארטיי אָן אַ נאָמען?

— פון אונזערן שטאנדפונקט זענען דאָס אונזערע קעגנער. פונם שטאנדפונקט פון אונזערע קעגנער, זענען דאָס מיר. אויף אַזא אופן איז אויסגעשלאָסן יעטוועדע מיספאַרשטייעניש... מיר פאַראורטיילן אלע פאררעטער, אַלע פארקויפטע נשמות. מיר אַקעמפן די קראפט פון עגל־הזהב. דאָס איז זייער וויכטיק פארן מלײנעם רויגירטן אדל. מיר זענען שונאים פון דער רעאַקציע און וואַרפן אָפּ אנטשידן די פאָליטיק פון אַוואַנטורעס.

— פראנקרייך וויל אומבאדינגט שלום. אָבער אינם טאָג ווען זי וועט ארויסציען די שווערד פון דער שייד..., און אַזוי ווייטער, א. א. וו. דאָס פאטערלאנד קוקט מיט צערטלעכע און האָפערדיקע בליקן אויף איר גלענצנדער נאציאנאלער ארמעע... דעם זאץ וואָלט מען באדארפט עטוואָס ענדערן.

— פארוואָס?

— וואָרים ער געפינט זיך בוכשטעבלעך אין ביידע אנדערע וואַל־מאניפעסטן, אינם נאציאנאַליסטישן און אין ראדיקאלן מאַניפעסט.

— און איר זאגט מיר צו, אַז דיעדאָנע וועט דורכגיין?

— דיעדאָנע אדער גאָבי.

— ווי אזוי?... דיעדאנע אדער גאבי? אויב איר זענט נישט פולשטענדיק זיכער, האט איר עס מיר באדארפט פריער צו זאָגן... דיעדאָנע אָדער גאָבי!... איר זאָגט דאָס, ווי עס וואלט געווען איינס און דאָס זעלבע.

— דאָס איז נישט איין און די זעלבע זאך. אבער איןביידע פאלן וועט ברעסע דורכפאלן...

— איר ווייסט דאך מסתמא, ברעסע איז אונזערס אַ פריינד.

— ער איז אויך מיינער אַ פריינד!... איך חזר נאך אמאל איבער, אין ביידע פאלן וועט ברעסע דורכפאלן מיט זיין ליסטע. און ה׳ דע גראמאנס. וואָס האט מיטגעהאָלפן צו זיין מפלה, וועט באשאָנקען ווערן מיט אסך טיטלען און באקומען א דאנק פון פרעפעקט און פון דער רעגירונג.

נאך די וואלן, ווי דער רעזולטאט זאל נישט אויספאלן, מוזט איר נאָך איינמאל קומען צו מיר באטראכטן מיינע באדוענס, און דעמאלט וועל איך שאפן פאר אייער מאן וואָסער פּאָסטן עס זאָל נישט זיין... וואָס איר וועט נאָר ווען.

— מאכט אים פאר אַמבאַסאַדאָר.

* *

*

בעת די ערשטע וואלן, וואָס זענען פאָרגעקומען דעם 28-טן יאנואר האבן די נאציאנאליסטישע קאנדידאטן, גראַף דע ברעסע, קאלאנעל דעפּאַטער, לעראָן, געוועזענער וויצע-פּראָ-קוראר און לאפאלי, דער קצב-מייסטער, באקומען דורכשניטלעך הונדערט שטימען. די ליסטע פון די פּראָגרעסיווע רעפּובליקאַ-נער, ווו ס׳זענען געווען ארויסגעשטעלט די קאַנדידאטורן פון

פאנעטאן, אינדוסטריעלער, דיעדאָנע גראמאנס — גוטבאזיצער, מיולא פארשונגס-רייזנדער, און דאקטאר פארנעראל, האט באקומען ,דורכ-שניטלעך דרייסיק שטימען.

לאפרא-טעלע, וואָס האט זיך קאָמפּראמיטירט אין דער פאנאמא-אפערע האט צונויפגעקליבן אינגאנצן הונדערט צוואנציק שטימען, און די דריי אנדערע ראדיקאלע רעפּובליקאנער, האָבן דורכשניטלעך באקומען צוויי הונדערט שטימען.

ביים צווייטן וואלגאנג האט לאפרא-טעלע באקומען נישט מער, ווי זעכציק שטימען.

ביים דריטן וואלגאנג זענען אויסגעוויילט געווארן אין סענאט אריין: גאָבי, מאנעקען, לעדרו, אלע דריי פון דער ראדיקאל-רעפּובליקאנישער ליסטע, און פעליקס פאנעטאן, פּראגרעסיווער רעפּובליקאנער.

XX

— גיט א קוק אויפן דאזיקן ספעקטאקל, — האט ה׳ בערזשערע, וואס איז געשטאנען אויף די טרעפּ פון טראקאדעראָ, זיך געווענדעט צו זיין תּלמיד גובען, בעת יענער האט זיך אויסגעווישט זיינע ברילן-גלעזער. — גיט א קוק: וואס פארא וואונדערבארע פּאנאָראַמע פון קירכעס, קלויסטערס, מינארעטן, טורעמס, טורעמשפּיצן, גלאָקן-טורעמס, און פּראַנט-געביידעס; דעכער פון שטרוי, פון שינדל-קלעצלעך, פון גלאָז, פון ציגל, פון קאָלירטן פּאיאַנס, פון האָלץ, פון הירשער פעל; איטאליענישע און מוירישע טעראסן, פּאלאצן, טעמפּלען, פּאַגאָדעס, קיאָסקן, ביידלעך, באראקן, געצעלטן, וואסער-שלעסער און פייער-שלעסער, — און אַ שיעור קאָנטראַסטן און האַרמאָניעס פון די פארשידנארטיקסטע מענטשלעכע וווינונגען, שווארצקינצלעריי פון ארבעט, וווּנדערבאַרע פאַרבן-שפּיל פון דער אינדוסטריע, אומגעהייערע ענערגיע פון מענטשלעכן גייסט, וואָס האָט דאָ פאַרפלאַנצט אַלע קונסטן און מלאכות פון דער גאַנצער וועלט.

— צי האַלט איר, — האָט ה׳ גובען געפרעגט, — אַז פראַנקרייך וועט האָבן עפּעס אַ נוצן פון דער דאָזיקער אומגעהייערער אויסשטעלונג?

— פראַנקרייך קאָן דערפון האָבן זייער גרויסע נוצן, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — מיטן באַדינג, אַז זי וועט

זיך נישט אָנבלאָזן מיט אומפּרוכטבאַרער און פּוסטער גאווה. דאָס אַלץ, וואָס מיר זעען דאָ, איז נישט מער ווי אויסערלעכע באַפּוצונג.

די אויספאָרשונג פון דעם תּוך וועט אונז אָנרעגן טיפער זיך צו פאַרטראַכטן איבערן אויסטויש און דער צירקולאַציע פון די פּראָדוקטן; זי וועט אויך צווינגען צו רעגולירן דעם אָפּזאַץ און פּרייז פון די פּראָדוקטן, צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע און דעם לוין און דורכפירן די פולשטענדיקע עמאַנציפּאַציע פון די אַרבעטער.

און צי האָט איר זיך נישט אָפּגעשטעלט, הער גובען, אויף איינעם פון די ערשטע נוצן פון דער וועלט-אויסשטעלונג? די אויסשטעלונג האָט קודם-כּל איגגאַנצן צעטומלט די הערן זשאַן „האָן" און זשאַן „שעפּס". ווער זענען עס די דאָזיקע ביידע פאַרשוינען? מען זעט זיי נישט און מ'הערט נישט פון זיי, אָבער פריער פלעגן זיי זיך כּסדר וואַרפן אין די אויגן.

זשאַן האָן פלעגט גיין פאָראויס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פעסטע טריט. זשאַן שעפּס פלעגט גייך פון הינטן, אַ פעטלייביקער און אַ געשוירענער. די גאַנצע שטאָט האָט אָפּגע-הילכט פון זייער קוקוריקו און בע-ע, בע-ע, בע-ע, וואָרים זיי ביידע זענען געווען שטאַרק באַרעדעוודיק.

אַ געוויסן ווינטער-טאָג האָב איך געהערט, ווי זשאַן האָן האָט געזאָגט צו זשאַן שעפּס:

— מ'דאַרף זען, ס'זאָל אויסברעכן אַ מלחמה. אונזער רע-גירונג פירט אַ נידערטרעכטיקע פּאָליטיק, וואָס מאַכט די מלחמה אומפאַרמיידלעך.

און זשאַן שעפּס האָט געענטפערט:

— איך וואָלט אויך געווען פאַר אַ ים-קריג.

— זיכער, — האָט זשאַן האָן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — אַ ים-שלאַכט וואָלט פאַרגרעסערט די נאַציאָנאַליסטישע התפּעלות. צי וואָלטן מיר אָבער נישט געקענט פירן מלחמה אויפן ים און אויף דער יבשה? ווער וואָלט אונז געקאָנט שטערן?

— קיינער נישט, — האָט זשאַן שעפּס געענטפערט. —

כ׳וואָלט געוואָלט זעען דעם פּאַרשוין, וואָס וואָלט געהאַט די עזה צו שטעלן אונז אַ ווידערשטאַנד. מ׳דאַרף אָבער צוערשט אויסראָמען די פאַררעטער אין די פּאַרקויפטע נשמות, די יידן און די מאַסאָנען. דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק.

— איך האָב אויך די זעלבע מיינונג, — האָט זשאַן האָן מסכים געווען מיט אים, — און איך וועל פריער נישט אַרויסגיין מלחמה האַלטן, ביז אונזער נאַציאָנאַלער באָדן וועט נישט ווערן אָפּגערייניקט פון אַלע אונזערע שונאים.

זשאַן האָן איז היציק, זשאַן שעפּס צייכנט זיך אויס מיט אַ מילדן טעמפּעראַמענט, זיי ווייסן גאַנץ גוט, ווי אַזוי מ׳נוצט אויס די נאַציאָנאַלע קרעפטן, זיי באַמיען זיך דעריבער מיט אַלע מעגלעכע מיטלען צו פאַרזיכערן פאַר זייער לאַנד די טובות פון אַן אינערלעכן קריג און פון אַן אויסערלעכער מלחמה.

זשאַן האָן און זשאַן שעפּס זענען רעפּובליקאַנער. בעת די וואַלן שטימט זשאַן האָן פאַרן אימפּעריאַליסטישן קאַנדידאַט און זשאַן שעפּס פאַרן מאָנאַרכיסטישן קאַנדידאַט; זיי ביידע האַלטן אָבער שטאַרק פון פּאַרלאַמענטאַריזם. און כדי צו פאַרפעסטיקן די רעגירונג, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן מיט זייערע שטימען, קענען זיי זיך נישט פאָרשטעלן עפּעס בעסערס, ווי אויסצושטעלן זי אויף די צופאַלן פון אַ נישט זיכערער און שטורעמדיקער פאָלקס-אָפּשטימונג.

אין דער הינזיכט ווייזן זיי זיך אַרויס אַלס זייער געשיקטע מענטשן. אין דער אמתן איז עס אַ גרויסע מעלה, ווען איר פאַרמאָגט אַ הויז און איר קאָנט עס שטעלן אין קאָן פאַר אַ ביגל היי, וואָרים נאָר אויף אַזאַ אופן ריזיקירט איר קיינמאָל נישט אין דער שפּיל, און איר גייט טאַקע כסדר פאַראויס.

זשאַן האָן איז נישט פרום, און זשאַן שעפּס איז נישט קלעריקאַל, הגם זיי ביידע זענען אויך נישט קיין פריידענקערפונדעסטוועגן האָבן זיי אָבער ליב און פאַרערן דאָס מאָנאַכן-

געזינדל, וואָס ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג, פונם פאַרקויף פון וווּנדערבאַרע קמעות און פון די בונטאַרישע, רכילותדיקע און רעוואָלוציאָנערע שריפטן. און ס'איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די מאָנאַכן זויגן אויס ווי פּיאַווקעס דאָס פאָ"ק!

זשאַן האָן און זשאַן שעפּס זענען פּאַטריאָטן. איר האַלט אייך אויך פאַר אַזעלכן, און איר פילט, אַז אייך בינדן צו צו אייער פאָטערלאַנד גאָר שטאַרקע, הגם צאַרטע פעדים פון געפיל און שכל. איר זענט אָבער אין טעות, הער גובען, און אויב איר ווילט לעבן בשלום מיט דער גאַנצער וועלט, פאַרשטאַרקט איר דערמיט אייער שונא.

זשאַן האָן און זשאַן שעפּס וועלן עס אייך די אויסע רגע באַווייזן, זיי וועלן אייך צעקיילן ביז טויט און הויך נעמען שרייען אויפן קול: „פראַנקרייך בלויז פאַר די פראַנצויזן!" און איר וועט נאָך גוט אָפּשניידן.

„פראַנקרייך בלויז פאַר די פראַנצויזן!" — דאָס איז דער דעוויז פון זשאַן האָן און זשאַן שעפּס; ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע פינף ווערטער באַשטימען קלאָר די לאַגע פון אַ גרויסער אומה צווישן אַנדערע פעלקער; זיי דריקן אויס אירע נויטווענדיקע לעבנס-באַדינגונגען, דאָס אוניווערסאַלע געזעץ פון אויס-טויש, און די צירקולאַציע פון אידעען און סחורות; זיי זענען כולל אין זיך אַ טיפע פילאָזאָפיע און אַן אַלץ אַרומנעמענדיקע ווירט-שאַפטלעכע דאָקטרין.

זשאַן האָן און זשאַן שעפּס האָבן באַשלאָסן אָפּצוגרענעצן פראַנקרייך פון אַלע איבעריקע לענדער, כדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרזיכערן דאָס לאַנד בלויז פאַר די פראַנצויזן. אויף אַ געניאַלן אופן ווענדן זיי אָן אויף אַלע מענטשן דעם סיסטעם, וואָס ה' מעלין האָט אָנגעווענדט נאָר ביי די פּראָ-דוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע צום גרעסטן נוצן פון אַ קליינער גרופּע גוטבאַזיצער.

און דער דאָזיקער געניאַלער איינפאַל צו פאַרשליסן דעם נאַציאָנאַלן באָדן פאַר די מיטגלידער פון פרעמדע פעלקער, אים-

פאַבירט מיט זיין ווילדער שיינקייט אַ גרויסן המון קליינבירגער, און לימאַנאַד-קרעמערלעך.

זשאַן האַן און זשאַן שעפּס זענען גאָר נישט אַזוי שלעכט, אומשולדיקערהייט זענען זיי שונאים פון מענטשלעכן מין. זשאַן האַן איז היציק, און זשאַן שעפּס איז מעלאַנכאָליש; זייביידע זענען אָבער גאַנץ פּשוטע מענטשן, און גלויבן אין זייער צייטונג, ווי אין גאָט. דאָ אנטפּלעקט זיך זייער גאַנצע אומשולדיקייט. ווארים דאָס, וואס זייער בלאַט שרייבט, קאָן מען נישט אזוי לייכט אוועקמאַכן מיט דער האַנט.

איך נעם אייך פאַר עדות, איר באַרימטע שווינדלער, פעלשער פון אַלע צייטן, באַוווסטע אָפּנאַרער און רכילותניקעס, גאָניאַלע מחברים פון פיקציעס, טעותים און מיראַזשן; איר־וואָס אייערע חשיבותדיקע גנבות האָבן באַרייכערט די וועלטלע- כע און קירכלעכע ליטעראַטור מיט אַזוי פיל פאַלשע ביכער- איר מחברים פון אַפּאָקריפישע שריפטן אין דער גריכישער, לאַ- טיינישער, העברעישער, סירישער און כאַלדעישער שפּראַך, וואס האָט אַזאַ ,אַנגע צייט געפירט ביי דער נאָז עמי-הארצים און גע- לערטע; אָ דו פאַלשער פּיטאַגאָראַס, פאַלשער הערמעס-טריסמע- גיסטאָס, פאַלשער סאַנכאָניאַטאָן, איר שווינדלערישע פאַרפאַסער פון די אָרפישע דיכטונגען און סיבילישע ביכער, פאַלשער חנוך, פאַלשער עזרא, פּסעוודאָ-קלעמענס און פּסעוודאָ-טימאָטע- אוס.

און איר, הערן גלחים, וואָס כדי צו פאַרזיכערן אייערע פאַרמעגנס און פּריווילעגיעס, האט איר פאַבריצירט בעת דער הערשאַפט פון קיניג לואי דעם ניינטן, פּריווילעגיע-אַקטן פון קלאָסטער און דאַגאָבער; און איר געלערטע פון קאַנאָנישן רעכט, וואס האט באַגרינדעט די פּרעטענזיעס פון פּויפּסט אין אַן אַ שיעור געהייליקטע דעקרעטן, וואָס איר אליין האט פאַר- פאַסט.

איר הורט-פאַבריקאַנטן פון היסטאָרישע מעמוארן, סולאַווי, קורשאַם, טושארד-לאַפאָס, פאַלשער וועבער, פאַלשער בוריען; איר, נידערטרעכטיקע תליונים און פּאָליציאַנטן, וואס האט גע-

שריבן אויסגעטראכטע מעמוארן פון סאַמסאָן און פון ה׳ קלאַד ; און דו, ווידען-לוקאַ, וואס האסט געוואַגט אָנצושרייבן מיט דיין אייגענער האַנט אַ בריוו פון מאַריע-מאַדלען און פון ווערסינזשעטאָריקס : אייך אַלע רוף איך אַרויס אַלס עדות.

איך רוף אייך אַרויס אַלס עדות, איר, וואס האט אָפּגע-לעבט אַלע אייערע יאָרן פאַרשטעלט און פאַרמאַסקירט : פאַלשע סמערדיס, פאַלשע נעראָנס, פאַלשע יונגפרויען פון ארלעאַן, וואס ד׳האט אראָפּגעפירט פון וועג די אייגענע ברידער פון זשאַננע ד׳אַק, פאַלשער דעמעטריוס, פאַלשער מאַרטין גערע, און איר פאַלשע נאָרמאַנדישע פירשטן.

איך נעם אייך אַלס עדות, איר שווארצקינסטלער און פאָקוסניקעס, פאַרפירער פון פאָלק, דו, שמעון דער מאַגיקער, אַפּאָלאָניוס פון טיאַנאַ, קאַליאָסטראָ, גראַף דע סען-זשערמען ; איך נעם אייך אַלס עדות, איר רייזנדער, וואָס קומענדיק פון ווייטע לענדער האט איר פאַבריצירט שקרים מיט דער גרעס-טער לייכטזיניקייט. איר, וואָס האט אונז פארציילט, אַז איר זענט געווען צו גאַסט ביי ציקלאָפּן און לעסטריגאָנען, אַז איר האָט געזעען דעם מאַגנעטישן בארג און דעם שור-הבר.

און דו, זשאַן דע מאַנדעוויל, וואָס האסט באַגעגנט אין אַזיע פייערשפייענדיקע שדים ; און איר, מחברים פון בבא-מעשהלעך און פאַנטאַסטישע געשיכטן, אַ דו, טיל איילנשפּיגל, אַ דו, באַראָן פון מינכהאַוזן ! און איר, שפּאַניער, ריטערשע ליידיקגייערס, באַרימערס און פלוידער-זעק, אייך אַלע נעם איך פאַר עדות.

זייט עדות, אַז איר אַלע צוזאַמען זענט נישט אימשטאנד געווען אין משך פון פיל הונדערטער יאָרן אָנצוזאַמלען אַזוי פיל שקרים, וויפיל זשאַן האָט און זשאַן שעפּס באַוויזן דורכצו-לייענען אין איין איינציקן טאָג אין איינעם פון זייערע בלעטער. צי קאָן מען נאָך דעם אַלעם זיך וואונדערן, אַז זייער מוח איז אָנגעשטאָפּט מיט אַזוי פיל געשפּענסטער און מיראַזשן !

XXI

אַזוי ווי די פֿאַרפֿאָלגונגס-אַקציע קעגן די פֿירער פֿון דער אַנטי-רעפּובליקאַנישער פֿאַרשווערונג האָט אויך אָנגעהויבן צו באַדראָען דער פּערזאָן פֿון זשאָזעף לאַקריס, האָט ער באַשלאָסן צו פֿאַרניכטן אַלע קאָמפּראָמיטירנדע פּאַפּירן און אויסזוכן אַן אָרט, ווו ער וואָלט געווען פֿולשטענדיק זיכער. דער פּאָליציי-קאָמיסאַר, וואָס האָט באַקומען דעם באַפֿעל צו פֿאַרחתמנען די קאָרעספּאָנדענץ פֿון מאָנאַרכיסטישן קאָמיטעט, איז געווען אויף אַזוי פֿיל העפֿלעך און נאָך פֿריער געוואָרנט די קאָמיטעט-מיטגלידער וועגן זיין באַזוך.

ער האָט זיי געגעבן צייט גאַנצע פֿיר און צוואַנציק שעה אויף צו ברענגען אין אָרדנונג זייערע ענינים, און כּדי צו דינען זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן האָט ער פֿאַרבונדן די העפֿלעכקייט מיט זיין לעגאַלער פֿליכט. וואָרים ער האָט אויך געגלויבט, אַז דאָס רעפּובליקאַנישע מיניסטעריום וועט אינגיכן געצוווּנגען ווערן זיך אָפּצוגעבן אין דימיסיע און זיין אָרט וועט פֿאַרנעמען אַ רעאַקציאָנער מיניסטעריום פֿון מעלין אָדער ריבאָ.

בעת ער איז אַריין אין דער וווינונג, ווו דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען זענען אַלע רעגיסטערס און שופֿלאָדן געווען אויסגעליידיקט און פּוסט. דער פּאָליציי-קאָמי-

סאַר האָט זיי פאַרחתמעט, גלייכצייטיק האָט מען פאַרחתמעט אַ האַנדלס-אַלמאַנאַך פון יאָר 1897, אַ קאַטאַלאָג פון פאַרשידענע אויטאָס, אַ פעכט-הענטשקע און אַ שאַכטל פאַפּיראָסן, וואָס איז געלעגן אויפן מערמלנעם גזימס פון קאַמין.

אויף אזא אופן האָט דער קאָמיסאַר אָפּגעהיטן די כּללים פון געזעץ, וואָס מ׳מעג אים טאַקע גראַטולירן; די געזעצלעכע פאָרמען דאַרפן אלעמאָל אָפּגעהיט ווערן. ער האָט געהייסן זשאָנ-קיל; ער איז געווען אַ דינסטינגירטער באַאמטער און אַ גייסט-רייכער מאַן. אין זיין יוגנט האָט ער פאַרפאַסט לידער פאַר די קאַבאַרעטן. זיין ליד „אַ מילב אין ברויט" האָט אין יאָר 1885 געהאַט אַ געוואַלטיקן דערפאָלג אין קאַבאַרעט אויף די עליזייען-פעלדער.

זשאָזעף לאַקריס איז גאָר שנעל געקומען צו זיך נאָך דער איבעראַשונג צוליב דער אומגעריכטער פאַרפאַלגונג. ער איז גאָר גיך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ביי דער איצטי-קער רעגירונג איז אַ פאַרשווערונג נישט אַזוי געפערלעך, ווי אין די צייטן פון דער ערשטער אימפעריע אָדער אפילו בעת דער רעסטאַווראַציע עפּאָכע און די דריטע רעפובליק איז גאַרנישט אַזוי בלוטדורשטיק. ער האָט זיך דערפאַר באַצויגן צו איר מיט בי-טול, פונדעסטוועגן האָט ער אָבער לייכטער אָפּגעאָטעמט.

נאָר איין מאַדאַם דע באַנמאַן האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף א קרבן. זי האָט אים נאָך שטאַרקער ליב באַקומען. און איר גרויסהאַרציקע ליבע האָט זיך אויסגעדריקט אין טרערן, אין זיפצן און ספּאַזמען; ער האָט מיט איר פאַרבראַכט אין בריסעל גאַנצע צוויי אומפאַרגעסלעכע וואָכן. דאָס איז געווען זיין גאַנצער גלות. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זוכה געווען פון דער סקאַסירונג פון פּראָצעס דורכן העכסטן געריכטס-טריבונאַל.

איך וויל מיך חס-ותלילה דערויף נישט באַקלאָגן, און ווען מ׳וואָלט מיך געפּאָלגט וואָלט דאָס העכסטע געריכט קיינעם נישט פאַרמשפּעט. אזוי ווי מ׳האָט נישט געהאַט דעם מוט צו רודפן

אַלע שולדיקע איז עס גראָד נישט געווען איבעריק פֿיין צו פֿאַרפֿאָלגן דווקא די, וואָס מ׳האָט פֿאַר זיי נישט קיין מורא געהאַט, בפֿרט נאָך, ווען סײַ די ערשטע סײַ די לעצטע זענען באַגאַנגען די זעלבע פֿאַרברעכנס. חוץ דעם האָט עס נישט אײַנעם געמוזט שטאַרק חידושן, וואָס אין אַ מיליטערישער פֿאַרשווערונג זענען גאָר אַרײַנגעצויגן געוואָרן ציווילע לײַט.

דערויף האָבן פֿאַרשידענע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן זיך פֿאַר מיר פֿאַרענטפֿערט:

— מ׳ווערט זיך, ווי ווײַט ס׳איז נאָר מעגלעך.

זשאָזעף לאַקריס האָט אַבסאָלוט נישט פֿאַרלוירן דעם קוראַזש. ער איז געווען גרייט אויפֿסנײַ אַרײַנצונעמען אין זײַן האַנט אַרײַן די צעריסענע פֿעדים פֿון דער פֿאַרשווערונג, ער איז אָבער גאָר גיך געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז דאָס איז אוממעגלעך.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון די פּאָליציי־קאָמיסאַרן, וואָס האָבן באַקומען דעם באַפֿעל צו ארעסטירן די מאָנאַרכיסטן, האָט זייער פֿײַן באַהאַנדלט די ראָיאַליסטן, פּונקט אַזוי, ווי דאָס האָט געטון ה׳ זשאָנקיל, זענען פֿונדעסטוועגן דורך אַ בײַזווילּיקן צופֿאַל, אָדער צוליב דער אומפּאַרטייִשקייט פֿון די פֿאַרשווערער, אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי געננוג קאָמפּראָמיטירנדע דאָקומענטן, וואָס וואָלטן געווען פֿולשטענדיק גענוג, אַז דער פּראָקוראָר פֿון דער רעפּובליק זאָל קענען עפֿנטלעך אַרויסטרעטן קעגן דער מאָנאַרכיסטישער אָרגאַניזאַציע. מ׳האָט שוין נישט געקענט מער פֿירן קיין קאָנספּיראַטיווע אַרבעט אין פֿולשטענדיקער זיכערקייט, און מ׳האָט פֿאַרלוירן יעטווידע האָפֿנונג, אַז דער קיניג זאָל אַרײַנפֿאָרן קיין פּאַריז צוזאַמען מיט די ערשטע שוואַלבן.

מאַדאַם דע באָנמאָן האָט פֿאַרקויפֿט די זעקס ווײַסע פֿערד, וואָס זי האָט געהאַט געקויפֿט מיט דער דעה אוועקצושענקען זיי דעם פּרינץ צו זײַן אַרײַנפֿאָר קיין פּאַריז דורך

דער אַלעס פון די עליזייען-פעלדער. זי האָט זיי אוועקגעגעבן, לויט דער עצה פון איר ברודער, באַראָן וואַלשטיין דעם ה׳ זשילבערט, דירעקטאָר פון נאַציאָנאַלן צירק אין טראָקאַדעראָ. לכל-הפחות האָט זי זיך פאַרשפּאָרט עגמת-נפש צו פאַרקויפן די פערד מיט היזק.

פונדעסטוועגן זענען אירע אויגן פייכט געוועזן פון טרערן, בעת די דאָזיקע זעקס ווייסע פערד האָבן פאַרלאָזט אירע זויבערע שטאַלן, כדי זיך דאָרט שוין מער נישט צוריקצוקערן. אין איר פאַנטאַזיע האָט זי זיך אויסגעמאָלט, אַז אירע פערד פירן מיט זיך אויפן בית-עולם די מאָנאַרכיע, וואָס ווערט באַגראָבן לעולם-ועד.

אין דער זעלבער צייט האָט דאָס העכסטע געריכט זיך זייער שוואַך אינטערעסירט מיטן מאָנאַרכיסטן-פּראָצעס און געפירט די אויספאָרשונג אין אַן אויסערגעוויינלעך לאַנגזאַמען טעמפּאָ.

אַנומלט, בער דער יונגער לאַקריס האָט פאַרבראַכט ביי מאַדאַם דע-באַנמאַן, האָט ער ווי געוויינלעך אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כעס צו די ריכטער, וואָס האָבן אים פרייגעשפּראָכן, הגם אַנדערע אָנגעקלאָגטע זענען נאָך פאַרבליבן אין אַרעסט.

— באַנדיטן! רוצחים! — האָט ער אויסגערופן.

— אַך! — האָט מאַדאַם דע באַנמאַן אַ זיפץ געטון, — דער סענאַט איז איבערגעקויפט פון דער רעגירונג. מיר האָבן אַ שוידערלעכע רעגירונג. ה׳ מעלין וואַלט אינגאַנצן נישט אַראַנזשירט אַזאַ מוראדיקן פּראָצעס. ה׳ מעלין איז געווען אַ רעפּובליקאַנער, אָבער אַן אָרנטלעכער מענטש. ווען ער וואָלט ווייטער פאַרבליבן ביי דער מאַכט, וואָלטן מיר שוין געהאַט ביים היינטיקן טאָג אַ קיניג אין פראַנקרייך.

— ליידער איז דער קיניג זייער ווייט פון אונז, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ אַנרי לעאָן, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געשפּייזט מיט קיין אילוזיעס.

זשאָזעף לאַקריס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. און אַלע האָבן געשוויגן.

— דאס איז אפשר געווען פאַר אייך אַ טובה, — האָט אַנדי לעאָן זיך אנגערופן.

— ווי אַזוי?

— איך האלט, אַז אין אַ געוויסער הינזיכט איז עס פאַר אייך אַ געוויסע מעלה, הער לאקריס, וואָס דער קיניג פאַרבלייבט נאך אלץ אין גלות. און איר קאנט זיך דעריבער פרייען, נאַטירלעך, ווען איר וועט איצט אוועקלייגן אין א זייט אייערע פאַטריאָטישע געפילן.

— כ׳פארשטיי נישט.

— דאָס איז אזוי פשוט. ווען איר וואלט, ווי איך געווען אַ פינאַנסיסט, וואלט די מאנארכיע אייך געקאָנט ברענגען אַ נוצן. עס וואלט בלויז גענוג געווען די קרוינונגס־הלואה... באלד נאך זיין ארויפשטייגן אויפן טראָן וואָלט דער קיניג געמוזט מאכן אַ הלואה. ווייל אונזער געליבטער הערשער וואָלט דאָך געמוזט האָבן געלט. איך וואלט דעמאלט געקאָנט אַ היבשע סומע פארדינען.

איר אָבער, אַן אַדוואָקאַט, וואָס וואלט איר פארדינט ביי דער רעסטאווראַציע פון דער מאָנארכיע? אַ פּרעפעקטור? אויך מיר אַ באַלוינונג! איר קאנט אסך פיל מער דערגרייכן אַלס מאנארכיסט אין דער רעפובליק. איר זעט אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. איר דארפט עס נישט פארלייקענען. איר רעדט לייכט און עלעגאנט. איר זענט איינער פון די געציילטע יוריסטן, וואָס די נאציאנאליסטן האבן אין זייער רשות. איר מעגט מיר גלויבן, איך האָב אייך גישט בדעה צו מאכן קיין קאָמפּלימענטן.

א מענטש, וואס ווייס ווי אזוי צו רעדן, קאָן נאָר דעמאָלט מאכן א קאריערע, ווען דער קיניג איז אין גלות. קוים וועט פיליפּ זיך אריינציען אין עליזייען־פּאלאץ, וועט איר מוזן אריינטרעטן אין דער אדמיניסטראציע אָדער אין דער רעגירונג. מ׳געוויינט זיך שנעל צו צו דער מלאכה. שטייט איר אויף דער וואך פון די פאָלקס־אינטערעסן, איז דער קיניג נישט צופרידן, און איר פארלירט דעם חן אין זיינע אויגן. זענט איר ווידער טריי דעם קיניג, הייבט דאס פאלק אָן צו מורמלען, און דער

קיניג וועט אייך מוזן משלח זיין. ער מאַכט פעלערן, און איר אַליין מאַכט אויך פעלערן, אָבער דערפאַר וועט איר באַשטראָפט ווערן פאַר זיינע און אייערע חטאים. אַלץ איינס, צי איר זענט פּאָפּולער, צי נישט פּאָפּולער, מוזט איר סוף כל סוף אונטער־גיין.

אָבער כל זמן דער פרינץ איז אין גלות, קאָנט איר נישט מאַכן קיין פעלערן. איר קאָנט גאָרנישט טון: איר זענט בכלל נישט פאַראַנטוואָרטלעך. דאָס איז אַן אויסגעצייכנטע סיטואַציע. איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר פּאָפּולאַריטעט אָדער אומ־פּאָפּולאַריטעט: איר שטייט מחוץ פון דער געפאַר.

איר קענט נישט מאַכן קיין פעלערן; ס'איז בכלל אומ־מעגלעך, אַז אַ פּאַרטיידיקער פון אַ פאַרשפּילטער זאַך זאָל באַ־גיין פעלערן, דער אַדוואָקאַט פון אומגליק רעדט אַלעמאָל זייער גוט. אין דער רעפּובליק איז מען אַ מאָנאַרכיסט און מ'דאַרף גאָרנישט מורא צו האָבן בעת אַ געפאַר. מ'איז אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג, מ'איז ליבעראַל, מ'האָט הינטער זיך די סימ־פּאַטיע פון אַלע שונאים פון דער הערשנדער אָרדנונג און די אַכטונג פון דער רעגירונג, מ'באַקעמפט זי, אָבער מ'ברענגט איר נישט קיין איבריק גרויסן שאָדן.

אַלס דינער פון דער געפאַלענער מאָנאַרכיע, בוקט איר זיך מיט גרויס כבוד צו די פיס פון אייער קיניג און דעמאָלט קאָנט איר ערשט אַרויסווייזן אייער איידעלן כאַראַקטער און חנפענען אים, וויפיל אייך גלוסט נאָר. איר קאָנט גלייכצייטיק רעדן מיט אים אָפן, אָן שום הכנעה טאָכן אים פאַרוואַרפן צו־ליב זיינע פאַרבינדונגען, אַרויסזאָגן אייער מיינונג וועגן אַלע זייגע אינטימסטע האַנדלונגען, אָדער ווענדן זיך צו אים למשל מיט די רייד:

„מאַיעסטעט, איך האָב דעם כבוד אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז איר מאַכט כסדר שטותערייען".

די פרעסע וועט מיט גרויס שמחה אויפכאַפּן אייערע רייד. אייער טריישאַפט צום קיניג וועט אומעטום ווערן באַקאַנט און מיט אייער איידעלער טאַקטיק וועט איר באַהערשן די גאַנצע

פּאַרטיי. צי אַלס אַדוואָקאַט, צי אַלס דעפּוטאַט זענט איר אויס־געצייכנט סיי אין געריכט, סיי פון דער פּאַרלאַמענטס־טריבונע. מ׳קאָן אייך נישט איבערקויפן... און אַלע פרומע סענאַטאָרן וועלן אייך אונטערשטיצן. לאַקריס, איר מוזט אייך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן אייער גליק.

לאַקריס האָט טרוקן געענטפערט:

— ס׳איז אפשר זייער וויציק דאס, וואס איר האט מיר נאָר וואס געזאָגט; איך פאַרשטיי מיך אָבער נישט אויף אייערע וויצן. און איך בין שטאַרק מסופק, צי אייערע וויצן זענען געווען אויפן אָרט.

— איך מאַך גאָר נישט קיין שפּאַס.

— און דאָך מאַכט איר שפּאַס! איר זענט אַ סקעפּטיקער, איך האָב אָבער פיינט דעם ספּעקטיציזם, דאָס איז די פאַר־לייקענונג פון דער טאַט, איך בין אַן אָנהענגער פון דער טאַט נישט געקוקט אויף אַלע מניעות.

אַנרי לעאָן האט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן:

— כ׳פאַרזיכער אייך, אַז איך מיין עס ערנסט.

— זאָל זיין אַזוי! טייערער פריינד, איך באַדויער זייער שטאַרק, וואָס איר האט נישט די מינדעסטע פאַרשטענדניש פאַרן גייסט פון אונזער צייט. איר האט נאָר וואס אָנגעצייכנט אַ טיפּ פון אַ מענטש, וואס דערמאַנט מיר שטאַרק אונזערע אַלטע פאַ־מיליען־פּאָרטרעטן.

אין די צייטן פון דער צווייטער אימפּעריע וואָלט מען געקאָנט געפינען אַ טיפּ, וואָס זאָל זיין ענלעך צו אייער מאָנאַר־כיסט. איך פאַרזיכער אייך אבער, אַז ביים היינטיקן טאָג וואָלט ער אויסגעזעען קאָמיש, פאַרעלטערט און אַלטמאָדיש.

דער הויף־משרת פון אומגליק וואָלט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פאַרגעקומען שטאַרק לעכערלעך. מ׳דאַרף נישט אַלעמאָל שפּילן די ראָל פון באַזיגטע, און די שוואַכע זענען אַלעמאָל אומגערעכט. דאס איז אונזער מאָראַל, טייערער דיהער לעאָן.

צי סימפּאַטיזירן מיר דען מיט פוילן, גריכנלאַנד אדער

פינלאַנד? ניין, ניין! דאָס ליגט אונז גארנישט אין זינען. מיר זענען נישט אזוי נאַיוו!... מיר האבן גערופן „זאלן לעבן די בורן", — דאס איז אמת, מיר ווייסן אבער, וואס מיר טוען. דאס ד״האבן מיר געוואלט אונטערשטעלן דער רעגירונג אַ פיסל אין ארויסרופן אַ דיפּלאָמאַטישן סכסוך מיט ענגלאַנד. חוץ דעם האבן מיר געהאפט, אַז די בורן וועלן סוף כל סוף מנצח זיין.

איך האב איבריקנס נאך נישט פערלוירן דעם מוט. איך בין פעסט איבע־צייגט, אַז מיר וועלן אומוואַרפן די רעפּובליק דווקא מיט דער הילף פון די רעפּובליקאַנער.

דאס, וואס מיר זענען נישט אימשטאַנד אליין דורכצופירן טוען מיר צוזאמען מיט די נאַציאָנאַליסטן פון פאַרשידענע שאַטירונגען. מיט זייער הילף וועלן מיר פארציען דעם שטריק איבער איר האלז. קודם כל דארף מען אָבער אַרבעטן ביי די גאַנסטע מוניציפּאַלע וואַלן.

XXII

זשאָזעף לאַקריס האט גאַנץ ריכטיק געזאָגט: ער איז געווען אַ מענטש פון טאַט. ער איז נישט געווען קיין פאַרשלאָפענער, און ער האט נישט ליב געהאט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. אַלס סעקרעטאַר פון א מאָנאַרכיסטישער גרופּע, וואָס האָט גאָרנישט געטון, איז ער אַריין אינם נאַציאָנאַליסטישן קאָמיטעט, וואָס האט שוין דווקא יאָ עפּעס געטון.

דאָ האט געהערשט אַ בלוטדורשטיקער פּאַטריאָטיזם און אַ ליבע צו פראַנקרייך, דורכגעדרונגען מיט שנאה. די נאַציאָנאַליסטן פלעגן אָרגאַניזירן ווילדע מאַניפעסטאַציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען טיילווייז אין די טעאַטערס, טיילווייז אין די קירכעס. זשאָזעף לאַקריס האט שטענדיק געפירט דעם אויבן־אָן אויף די דאזיקע פאַרזאַמלונגען.

בעת די צוזאַמענקונפטן אין קירך פלעגט די באַראָנעסע דע באָנמאָן, וואָס איז געווען זייער פרום, זיך באַווייזן אויף דער פאַרזאַמלונג אין אַ שוואַרצער טואַלעטע.

נומלט, נאָך אַ שטורמישער דעמאָנסטראַציע אין דער קאַטעדראַלע, האָבן מאַדאַם באָנמאָן און זשאָזעף לאַקריס זיך פאַראייניקט אויפן פּלאַץ דע פאַרווי מיט אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער פּאַטריאָטיזם מיט ווילדע אויסגעשרייען. לאַקריס האָט אָנגעהויבן ליאַרעמען צוזאַמען מיט די איבריקע

מאניפעסטאנטן, און מאדאם דע באַנמאַן האָט צוגעגעבן די מאַ־ניפעסטאנטן קוראזש מיטן שמייכל פון אירע גלאַנצנדיקע אויגן און רויטע ליפּן, וואָס האָבן אַפּערגעלויכטן פון הינטער דעם שלייער.

ס׳האָט געהערשט אַ שרעקלעכער טומל און געפּילדער. די מהומה איז געוואָרן נאָך גרעסער, בעת אַ באַטאַליאָן פּאָלי־ציאַנטן איז אויפן באַפעל פון פּרעפעקט, ארויסגעטרעטן קעגן די מאַניפעסטאַנטן. לאַקריס האָט אויפגענומען די פּאָליציאַנטן מיט אַ זעלטענער וויקייט, און אַז די פּאָליציאַנטן זענען גאָר באַנט צוגעקומען צו די דעמאָנסטראַנטן, האָט ער אויסגערופן: „זאָל לעבן די פּאָליציי!”

דער דאָזיקער ענטוזיאַזם איז געווען אויפריכטיק און גאַנץ גוט בארעכנט. אין זיין זכרון זענען נאָך פריש געווען יענע צייטן, בעת דער הערשאַפט פון פּ ו י ע ר י ש ן מ י נ י ס ט ע ר, ווען פּאָליציאַנטן און מאַניפעסטאַנטן האָבן אָנגעקניפּט צווישן זיך פריינדלעכע באַציונגען, ווען די נאַציאָנאַליסטישע קוליגאַנעס האָבן פראַנק און פריי געשלאָגן מכות־רצח די פריידלעכע רע־פּובליקאַנער. דער מיניסטער האט דאָס אָנגערופן דעמאָלט: אומ־שעדלעכע דעמאָנסטראַציע!

אָ, איר, מילדע דאָרפישע מדות! אָ, די פּשוטע באַיוויטעט! אָ גליקלעכע טעג! ווער עס האָט אייך נישט איבערגעלעבט, דער האָט נישט געלעבט! ווו איז אַהינגעקומען יענע מילדקייט פון פּויער וואָס פּלעגט זאָגן: „די רעפּובליק האָט נישט קיין שונאים. ווו זענען די מאַנארכיסטישע פארשווערער און די פּאַרפירערישע מאנאַכן? זיי זענען אינגאַנצן נישט בנמצא...”

אין דער אָמתן האָט ער זיי אַלע באהאלטן אונטער זיין לאַנגן זונטיק־ראָק. זשאָזעף לאַקריס האָט בשום אופן נישט גע־קאָנט פארגעסן יענע גליקלעכע שעהן. און גלויבנדיק אין דער אַלטער פריינדשאפט צווישן די פּאָליציאַנטן און דעמאָנסטראַנטן האָט ער באַגריסט די שווארצע אוניפאָרמען מיט פרייד־אויס־געשרייען.

ער איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי און אַלס צייכן

פון זיינע פריידלעכע כוונות האָט ער געפאָכעט מיט זיין הוט אויפן שפּיץ שטעקן און געהאַלטן אין איין שרייען: „זאָל לעבן די פּאָליציי!״

די צייטן האָבן זיך אָבער געענדערט. גלייכגילטיק צו די דאָזיקע פריינדלעכע באַגריסונגען און טויב פאַר די חניפה-רייד, זענען די פּאָליציאַנטן אַריבער אין אָנגריף. דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַ שרעקלעכער. די נאַציאָנאַליסטן זענען זיך צעלאָפן אין גרויס בהלה.

לאַקריס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו סאַלוטירן און אָנגעטון דעם הוט אויפן קאָפּ, ער האָט אָבער מיטאַמאָל באַקומען אַ שטאַרקן זעץ מיט דער פויסט אין פּנים אַריין. שטאַרק אויפגערעגט האָט ער מיט דער גאַנצער קראַפט זיך פאַרמאָסטן מיט זיין שטעקן איבערן קאָפּ פון אַן אָנגרייפנדן פּאָליציאַנט. און ווען נישט די הילף פון זיינע פריינד, וואָס האָבן אים באַצייטנס אַוועקגעשלעפּט, וואָלט ער אַוועקגעפירט געוואָרן אויף דער פּאָליציי-וואַך און מ'וואָלט פון אים געמאַכט קרעפּל-פלייש, ווי פון אַ פּשוטן סאָציאַליסט.

דער פּאָליציי-אַגענט, וואָס לאַקריס האָט אים צעבראָכן דעם שאַרבן איז אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל אַריין. ער האָט באַקומען פון פּאָליציי-פּרעפעקט אַ זילבערנעם מעדאַל.

זשאָזעף לאַקריס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון נאַציאָנאַליסטישן קאָמיטעט אַלס קאַנדידאַט צו די געמיינדע-וואַלן, וואָס האָבן געזאָלט פאָרקומען דעם זעקסטן מאַי.

דער פּרעזידענט פון קאָמיטעט, ה' באָנאַ, איז געווען אַ וואורשטן-מאַכער און ער טאַקע האָט זיך מתחיב געווען דורכצופירן די קאַנדידאַטור פון לאַקריס. דער ביז איצטיקער געמיינדע-ראַט, רעמאַנדען, אַ ראַדיקאַל-רעפּובליקאַנער, האָט זיך באַמיט אויפסניי געוויילט צו ווערן. ער האָט אָבער פאַרלוירן דעם צוטרוי פון זיינע וויילער.

ער האָט שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט די ענינים פון זיין קרייז, און קיינער איז נישט געווען פון אים צופרידן. ער האָט צומאָל נישט דורכגעפירט אַ טראַמוואַי-ליניע אויף, וואָס זיינע

ווײלער האָבן שוין געוואַרט גאַנצע צוועלף יאָר ; חוץ דעם האָט מען אים באַשולדיקט, אַז ער זאָל האָבן געטון אַ טובה די דרײפוס-אָנהענגער.

דאָס איז בכלל געווען אַ גלענצנדער שטאָט-קוואַרטאַל. אַלע דינער און דינסט-מײדלעך אין דעם קוואַרטאַל זענען געווען נאַציאָנאַליסטן, און די קרעמער האָבן שאַרף פּאַראורטײלט די פּאָליטיק פון מיניסטעריום וואַלדעק-מילעראַן. עס האָבן דאָרט אויך געוווינט יידן : זײ אַלע זענען אָבער געווען אַנטיסעמיטן.

מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף די שטאַרקע און צאָלרײכע קאָנגרעגאַציעס און באַזונדערס אויף די פּאָטערלעך, וואָס האָבן מיט אַ קורצער צײט צוריק געפײערט די חנוכּת-הבית פון הײליקן אַנטועס קאַפּליצע. דער דערפאָלג איז געווען געזיכערט.

ס׳איז בלויז געווען, אַז לאַקריס זאָל זיך נישט דעקלאַרירן ווי אַן אָפענער מאָנאַרכיסט אויס מורא נישט צו פאַרלירן די שטימען פון די קלײנהענדלער, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר יעטוועדער ענדערונג פון רעזשים, און קודם כּל אַ צײט בעת דער וועלט-אויסשטעלונג.

לאַקריס האָט זיך געווערט. ער איז פאַרבליבן אַ מאָנאַרכיסט און האָט לחלוטין נישט געהאַט בדעה צו פאַרשטעקן זײן פאָן אין טאַש אַרײן. ה׳ באָנאָ האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן. ער האָט גאַנץ גוט געקענט די פּסיכיק פון ווײלער, ער האָט געוווּסט, וואָס דאָס איז פאַראַ חיה און מיט וועלכע מיטלען מ׳קאָן זי אײננעמען. ה׳ לאַקריס האָט בלויז באַדאַרפט זיך צו פּרעזענטירן, ווי אַ נאַציאָנאַליסט, דאָס איבעריקע האָט מען געקענט איבערלאָזן דעם ה׳ באָנאָ. אַז נישט, איז גאָר נישטאָ וואָס אויפצוטון.

זשאָזעף לאַקריס איז באַהערשט געוואָרן פון אַן אומרו : ער האָט געוואָלט שרײבן צום קיניג, ס׳איז שוין אָבער געווען שפּעט. איבעריקנס, צי האָט דער פּרינץ געקאָנט פון דערווײטנס

אַרויסזאָגן אַ ריכטיקע מיינונג וועגן זיינע ענינים. לאַקריס האָט זיך באַראַטן מיט זיינע פריינד.

— אונזער קראַפט איז אין אונזערע פּרינציפּן, — האָט אַנרי לעאָן געענטפערט. — אַ מאָנאַרכיסט קאָן זיך נישט אַרויסשטעלן, ווי אַ רעפּובליקאַנער, אַפילו בעת דער וועלט-אויסשטעלונג. קיינער פאָדערט אָבער נישט פון אייך זיך צו דעקלאַרירן אַלס רעפּובליקאַנער, מיין טייערער לאַקריס. מ'פאָדערט אויך נישט פון אייך זיך צו דעקלאַרירן אַלס פּראָגרעסיווער אָדער ליבעראַלער רעפּובליקאַנער, וואָס איז סוף כל סוף איינס און דאָס זעלבע.

מ'פאָדערט פון אייך בלויז, אַז איר זאָלט זיך פּראָקלאַמירן אַלס נאַציאָנאַליסט. איר קאָנט עס טון מיט אַ רויִק געוויסן, וואָרים איר זענט דאָך טאַקע אַ נאַציאָנאַליסט. וואַקלט אייך נישט. דערפון איז אָפּהענגיק אונזער דערפאָלג, און ס'איז זייער וויכטיק פאַר אַלע, אַז איר זאָלט ווערן אויסגעוויילט.

זשאָזעף לאַקריס האָט נאָכגעגעבן בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ פּאַטריאָט. ער האָט אָנגעשריבן צום פּרינץ אַ בריוו, וווּ ער האָט פאָרגעשטעלט די גאַנצע סיטואַציע און ווייטער פאַרזיכערט אין זיין געטריישאַפט צו דער קרוין.

אָן שוועריקייטן האָט מען פעסטגעשטעלט די יסודות פון פּראָגראַם: די פאַרטיידיקונג פון דער נאַציאָנאַלער אַרמיי קעגן אַ באַנדע משוגעים, באַקעמפונג פון קאָסמאָפּאָליטיזם; אונטערשטיצן די רעכט פון די פאַמיליען-פאָטערס דורך אַריינטראָגן אַ ספּעציעלן געזעץ-פּראָיעקט; באַקעמפונג פון דער קאָלעקטיוויסטישער געפאַר; פאַרבינדן דורך אַ טראַמוויי-ליניע דעם קוואַרטאַל גראָן-עקיורי מיט דער אויסשטעלונג. האַלטן הויך די פראַנצויזישע פאָן; פאַרבעסערן דעם וואַסערליישונג-סיסטעם.

— איך וועל לאָזן אויסקלעבן אַפישן אין די דריי נאַציאָנאַלע פאַרבן, — האָט לאַקריס געזאָגט צו באָנאָ. — דאָס וועט מאַכן אַ רושם. מ'דאַרף אויסנוצן יעדע געלעגנהייט כדי צו באַהערשן די מוחות.

באָנאָ האָט מיט אים מסכים געווען. אָבער אין דער לעצ-

טער מינוט איז דעם ביז איצטיקן געמיינדע-ראַט, רעמאָנדען גע־לונגען דורכצופירן זיין פּראָיעקט וועגן אַ טראַמוואַי-ליניע פון גראַן-עקיורי ביז טראָקאַדעראָ, און ער האָט געיובלט פאַר גרויס פרייד צוליב זיין דערפאָלג. אין זיינע צירקולאַרן האָט ער נישט געקאַרגט קיין לויבריד פאַר דער אַרמעע און שטאַרק געריימט די וווּנדער פון דער אויסשטעלונג, וועלכע ער האט באַצייכנט אַלס נצחון פון פּראָנצויזישן אינדוסטריעלן און קאָמערציעלן זשעני. ער האָט אָנגעהויבן ווערן אַ געפערלעכער קאָנקורענט.

בעת די נאַציאָנאַליסטן האָבן געזען, אַז די שלאַכט וועט זיי אָנקומען שווער, האבן זיי צוזאַמענגענומען אַלע כוחות. אויף אַן אַ שיעור מאַסן-פאַרזאַמלונגען האָבן זיי באַשולדיקט רעמאָנ־דענען, אז ער זאל האבן געלאָזט זיין מוטער אויסגיין פאַר הונגער. זיי האָבן אים באַוואָרפן מיט אָן אַ שיעור זלזולים און רכילות און געטרומייטערט, אז ער איז אַ קאַנדידאַט פון די יידן און די פּאַנאַמאַ-שווינדלער. ס'האט זיך געשאפן אַ גרופּע פּראָגרעסיווע רעפּובליקאַנער, וואס האָבן אונטערגעשטיצט די קאַנדידאַטור פון זשאָזעף לאַקריס און ארויסגעלאזט פאָלגנדן אויפרוף צו די בירגער:

צו די הערן וויילער

די שווערע צייטן, וואָס מיר לעבן איצטער, איבער, לייגן אויף אונז ארויף אַ חוב צו פאָדערן פון די קאַנדידאַטן ביי די געמיינדע-וואַלן, אַ דין־וחשבון וועגן זייער באַציונג איז די פראגן פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, וואָס פון זיי איז אָפּ־הענגיק די צוקונפט פון אונזער לאַנד.

אין דער שעה, בעת א מחנה בלאָנזשענדיקע משוגעים טרעטן ארויס מיט פאַרברעכערישע טענות און פירן אַ שעדלעכע אגיטאציע, וואָס איז עלול אָפּצושוואַכן דעם פּרעסטיזש פון אונזער לאַנד;

אין דער שעה, בעת דער קאָלעקטיוויזם, וואָס האָט מיט געוואַלט פאַרכאַפּט פאַר זיך די מאַכט, הייבט אָן צו באַדראָען אונזערע פאַרמעגנס, און לייגט צרויף זיין לאַפּע אויף די הייליקע פרוכטן פון דער אַרבעט און אָפּגעשפּאָרטע מי;

אין דער שעה, בשעת די רעגירונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן קעגן דעם ווילן פון דער עפנטלעכער מיינונג, גרייט צו נייע טיראַנישע געזעצן, — וועט איר אַלע ווי איין מאַן שטימען פאַר ה׳

זשאזעף לאקריס

אַדוואָקאַט ביים אַפּעלאַציע געריכט.
קאַנדידאַט פון דער פרייהייט פון געוויסן
און פון דער אָרנטלעכער רעפּובליק.

די סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַליסטן פון קוואַרטאַל האָבן בדעה געהאַט לכתחלה אַרויסצושטעלן אַן אייגענעם קאַנדידאַט, און ערשט ביים צווייטן וואַל-גאַנג איבערוואַרפן זייערע שטימען אויף לאַקריס. אָבער די דראָענדע געפאַר האָט געפאָדערט אַ צוזאַמענשלוס פון אַלע כּוחות. די נאַציאָנאַליסטיש-געשטימטע סאָציאַליסטן פון קוואַרטאַל גראַן-עקיורי האָבן לסוף באַשלאָסן אונטערצושטיצן די קאַנדידאַטור פון זשאָזעף לאַקריס און אַרויס-געלאָזט פאָלגנדן אויפרוף צו זייערע וויילער:

בירגער!

מיר רעקאָמענדירן אייך די קאַנדידאַטור פון ווירקלעך רעפּובליקאַנישן און נאַציאָנאַליסטישן בירגער לאקריס.

נידער מיט די פּאַרראַטער! א טויט די דריי־פוס־אָנהענגער! א טויט די פּאַמאַ־שווינדלער! א טויט די יידן! זאָל לעבן די נאציאָנאַל־סאָציאַליס־טישע רעפּובליק!

די פּאָטערלעך, וואס האָבן פארמאגט אינם קווארטאל אן אייגענע קאפּליצע און א גרויסע צאָל בנינים, האָבן זיך גע־האלטן ווייט פון יעדער אריינמישונג אין דער וואָל־קאמפּאניע. זיי זענען געווען צו שטארק איבערגעגעבן דעם הייליקן פאָטער און נישט געוואלט גרינגשעצן זיינע באפעלן. אויך די זארג פאר זייערע פרומע אינסטיטוציעס האט זיי געהאלטן ווייט פון די וועלטלעכע ענינים.

אָבער זייערע וועלטלעכע פריינד האָבן ארויסגעלאָזט אן אויפרוף, ווו זיי האָבן אויסגעדריקט די געדאנקען און געפילן פון די פרומע ברידער. אָט איז דער טעקסט פון דאָזיקן אויפ־רוף, וואָס איז פונאנדערגעטיילט געוואָרן אינם קוואַרטאַל דע אגרן־עקיורי:

פונדאציע פון הייליקן אנטוען, וואָס העלפט מיט ביים אויסגעפינען פארשידענע פארלוירענע זאכן, צירונג, געלט און בכלל אלע אנדערע חפצים, באוועגלעכע און אומבאוועגלעכע, געפילן א. א. וו. א. א. וו.

געערטע הערן!

עס איז אן אלטער כלל, אז בעת די וואַלן באמיט זיך דער טייוול אריינצוברענגען א תוהו־ובוהו אין די מענטשלעכע מוחות. און כדי צו דערגרייכן זיין צוועק, באנוצט ער זיך מיט אן א שיעור קונץ־שטיקלעך. צי האָט ער דען נישט צו זיין דינסט א גאנצע ארמעע פון מאַסאָנען?

איר וועט אָבער וויסן, ווי אזוי צו באקעמפן

די שפּיצלעך פון שונא, איר וועט מיט אַ געפיל פון עקל און ווידערווילן אָפּשטויסן פון זיך דעם קאַנדידאַט פון די אונטערצינדער, פון קירכן-שענ-דער און פון אנדערע דרייפוס-אָנהענגער.

„אויב איר וועט אָבער העלפן אָרנטלעכע מענטשן אָפּצוהאלטן אַ נצחון, וועט איר גלייכצייטיק העלפן מאכן אַ סוף צו דער שענדלעכער פארפאָל-גונג, וואָס דריקט אונז אין דער איצטיקער רגע ווי אַ שרעקלעכע משא, און איר וועט נישט דערלאָזן, אַז אַן אומגערעכטע רעגירונג זאָל ארויפלייגן איר שווערע לאַפּע אויף דעם אויסגעהאָרעוועטן גראָשן פון די אָרעמע לייט, שטימט אַלזאָ אַלע, ווי איין מאַן פאַר ה'

זשאָזעף לאַקריס

אדוואקאט ביים אַפּעלאַציע-געריכט

קאנדידאַט פון הייליקן אנטוענס קירך

„געערטע הערן, פאַרשאַפט נישט דעם גוטן הייליקן אַנטוען אַן אומפאַרדינטן עגמת-נפש, און דערלאָזט נישט, אַז זיין קאַנדידאַט זאָל דורכפאַלן ביי די וואַלן.

אונטערגעשריבן: ריבאַגו—אַדוואָקאַט, ווערט-היימער — פובליציסט; פלאָרימאָן — אַרכיטעקט; בעשע — דימיסיאָנירטער קאַפּיטאַן; מאַלאָן — אַר-בעטער".

פון די דאָזיקע דאָקומענטן קאָן מען זען, וואָס פאַרא מאָראַלע און אינטעלעקטועלע מדרגה דער נאַציאָנאַליזם האָט דערגרייכט בעת די וואַלן צום געמיינדע-ראַט אין פּאַריז.

XXIII

זשאָזעף לאַקריס, דער נאַציאָנאַליסטישער קאַנדידאַט, האָט זייער ענערגיש געפירט די וואַל-קאַמפּאַניע קעגן דעם ראַדיקאַל, אַנזעלם רעמאָנדען. ער האָט זיך זייער היימיש געפילט אויף די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. מחמת דעם, וואָס ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט האָט ער גערעדט זייער פיל, און קיין שום זאַך האָט אים נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון רעדן.

זיינע וויילער האָבן באַוואונדערט זיין געניטקייט אין דער רעדנער-קונסט, און אין גאָר אַ קורצער צייט האָט ער זיך דערוואָרבן זייער סימפּאַטיע, וואָרים ער פלעגט זיך אויסדריקן קלאָר און פּשוט, און דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט איז אַלעמאָל געווען אין הסכם מיט דעם, וואָס זיי וואָלטן געזאָגט אדער זיי האָבן געוואָלט זאָגן.

פון טאָג צו טאָג איז זיין השפּעה געוואָקסן. ער פלעגט אָן אויפהער רעדן וועגן זיין אָרנטלעכקייט און די אָרנטלעכע כוונות פון זיינע פּאָליטישע פריינד, ער האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַז מ׳דאַרף קלויבן אָרנטלעכע מענטשן, און נאָר אין זיין פּאַרטיי זענען פאַראַן אָרנטלעכע מענטשן. און אַזוי, ווי דאָס איז געווען אַ נייע פּאַרטיי האָט מען אים געגלויבט אויפן וואָרט.

אַנזעלם רעמאָנדען פלעגט אויף די מיטינגען, וואָס זענען

אָרגאַניזירט געוואָרן דורך זיין פּאַרטיי, זיך פאַרענטפערן, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש, זייער אַן אָרנטלעכע מאַן; אַזוי, אָבער, ווי זיינע דערקלערונגען האָבן אַביסל אַרונטערגעהינקט האָט מען אים נישט געגלויבט. און מחמת דעם, וואָס ער איז געווען פריער אויפן פּלאַץ און פּאַרמישט אין אַ ריי אַפערעס, האָט מען נישט געקאָנט אַזוי לייכט גלויבן אין זיין אָרנטלעכקייט, בעת זשאָזעף לאַקריס איז געווען באַשיינט מיט אַן אומשולדיקייט-אויראַל.

לאַקריס איז געווען יונג, רירעוודיק און געהאַט אַ מיליטערישן אויסזען. רעמאָנדען איז געווען נידריק, דיק און געטראָגן ברילן. דאָס דאָזיקע האָט זיך געמוזט וואַרפן אין די אויגן אריין. בפרט נאָך ווען דער נאַציאָנאַליזם האָט אריינגעבראַכט אין די געמיינדע-וואַלן אַ ספּעציפישע התלהבות און אַ געוויסן פּאַטעטישן שוווּנג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, ווי אויך אַ געוויסן שיינהייטס-אידעאַל, וואָס האָט געווירקט אַפילו אויף די קליינע הענדלער.

זשאָזעף לאַקריס האָט נישט געהאַט די מינדעסטע אַנונג וועגן די מוניציפּאַלע ענינים, ווי אויך נישט וועגן די פליכטן פון אַ געמיינדעראַט. די דאָזיקע אומוויסנקייט איז אים אָבער טאַקע צונוץ געקומען. זיין עלאָקווענץ איז דערפאַר געווען פרישצאַפּלדיק און געהאַלטן אין אַ דערהויבענעם טאָן.

אַנזועלם רעמאָנדען, פלעגט להיפך, זיך פאַרלירן אין פּרטים, אין קליינקייטן. ער האָט זיך איבערגענומען מיט די מאַניערן פון אַ געשעפטס-מאַן, ער איז געווען געוווינט צו טעכנישע דיסקוסיעס, און פלעגט אָפט אָפּערירן מיט ציפערן און דאָקומענטן, און הגם ער האָט גאַנץ גוט געקענט זיין פּובליקום, האָט ער פונדעסטוועגן זיך איינגערעדט, אַז זיינע ווײַלער פאַרמאָגן אַ געוויסע אינטעליגענץ.

ער פלעגט זיך באַציִען צו זיי מיט אַ געוויסן רעספּעקט, ער האָט נישט געוואַגט זיי איינצורעדן הרים וגבעות און ער פלעגט זיך אָפט פאַר זיי פאַרענטפערן. דאָס אַלץ האָט גורם

געווען, אז ער איז געווען צו ניכטערן, אומפאר שטענדלע ן שטארק געלאנגווייליקט זיינע ווילער.

עס האט אים אויך געפעלט די אומשולדיקייט. ער האט זיך פארשטאנען אויף זיינע ענינים און אויף דער פאליטיק אין קליינעם מאסשטאב. אין משך פון די לעצטע צוויי יאר איז יין שטאט-קווארטאל פארפלייצט געווארן מיט נאציאנאליסטישע צייטונגען, באקאנטמאכונגען און בראשורן און ער האט אפגעמאכט ביי זיך, אז ווען ס'וועט קומען די צייט, וועט ער אויך מוזן שפילן די ראל פון א נאציאנאליסט, סטעמפלען די פאררעטער און לויבן ביז צום הימל די נאציאנעלע ארמעע. ער האט געגלויבט, אז דאס וועט אים נישט אנקומען אזוי שווער.

ער האט אבער זיך באצויגן מיט צופיל ביטול צו זיינע קעגנער און געגלויבט, אז ער וועט אלעמאל קענען זיי נאכמאכן. דא האט ר אבער געהאט א גרויסן טעות. זשאזעף ל אקריס האט זיך באנוצט מיט א גלענצנדן טריק, כדי אויסצודריקן די נאציאנאליסטישע געדאנקען. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער זיך באנוצן מיט א געוויסן זאץ, וואס פלעגט שטענדיק מאכן א שטארקן רושם אויף די צוהערער. אט,ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן :

— בירגער. לאמיר אלע, ווי איין מאן פארטיידיקן אונזער ארמעע קעגן א הויפן פאררעטער, וואס האבן זיך פארנומען זי צו פארניכטען.

אזוי טאקע האט מען באדארפט רעדן צו די ווילער פון גראנד-עקיורי. די דאזיקע ווערטער, וואס פלעגן איבערגעחזרט ווערען יעדן אוונט, האבן יעדעס מאל ארויסגערופן א געוואלטיקע התפעלות.

רעמאנדען האט אבער נישט געהאט קיין איין פאסיקע פראזע וואס זאל מאכן א שטארקע ווירקונג אויף די פארזאמלטע. און אויב ער פלעגט שוין יא באנוצן א פאר פאטריאטישע פראזן, זענען זיי געווען בלאס און נישט געמאכט דעם געהעריקן עפעקט.

לאקריס האט באקלעפט אלע ווענט מיט פלאקאטן אין

נאציאנאלע פארבן. אנזעלם רעמאנדען האט אויך געטון דאָס זעלבע. צי זאָל עס אבער האבן געווען דערפאר, וואָס די פארבן זעענען געווען פון א געמיינעם סאָרט, אדער אפשר האט די זון אויף זיי שלעכט געווירקט, ווי עס זאָל נישט זיין, זענען זייערע פלאקאטן ארויסגעקומען מאט און בלאָס.

אלץ האט איס פארדראָסן. אלע האָבן אים פארלאזט. ער האט אָנגעהויבן צו פארלירן זיין זיכערקייט, ער איז געוואָרן מרה-שחורהדיק, פארזיכטיק און געפאלן ביי זיך. ער פלעגט זיך באהאלטן פאר מענטשן, און זיך פארשליסן אין זיך.

און בעת ער פלעגט ארויסטרעטן ערגעץ אויף א פארזאמלונג און אנהייבן צו רעדן, האט ער זיך ארויסגעוויזן ווי א שאָטן פון אמאליקן געמיינדעראט. זיין שטים האט געקלונגען בלאָס און זי איז באלד פארטויבט געווארן אינם ליארם און געפילדער פון די פארזאמלטע און אינם שטיקנדן רויך פון פּיפּקעס. ער פלעגט רעדן וועגן זייַנע אמאָליקע מעשים. ער איז אן אלטער קעמפער, פלעגט ער זיך אויסדריקן. ער האט פארטיידיקט די רעפובליק.

זיינע רייד האבן זיך אבער פארלוירן אין אלגעמיינעם טומל און פוסט אפגעקלינגען אין זאל. די ווייַלער פון גראנד-עקיורי האבן ליבער געוואלט, אז די רעפובליק זאל פארטיידיקט ווערן פון זשאזעף לאקריט, וואָס האט געגראבן א קבר פאר איר. דאס דאזיקע האט מען בשום אופן נישט געקאנט ארויסשלאגן זיי פון קאפ.

אויף די פארזאמלונגען פלעגן נישט ארויסטרעטן קיין אָפּאָזיציאנעלע רעדנער. בלויז אי נמאל איז רעמאָנדען איינגעלאדן געווארן ארויסצוטרעטן אלס אָפּ נענט אויף א נאַציאָנאַליסטישן מיטינג. ער איז געקומען, מ'האט אים אבער נישט צוגעלאזט צום ווארט און אים כסדר איבערגעריסן מיט פארשידענע צווישנרופן; די טאָג-ארדנונג איז אנגענומען געווארן אין דער פינצטערניש און ביי א שרעקלעכן טומל, וואָרים דער ווירט האָט אויסגעלאשן די ליכט, אויס מורא מ'זאל נישט מאכן קיין חורבן פון לאקאל.

די פאַרזאַמלונגען זענען, ווי אין אַלע אַנדערע שטאָטטיילן פון פּאַריז, דורכגעגאַנגען כמעט אומעטום מיט אַ רויקן פּאַרלויף. ביידע צדדים פלעגן זיך באַנוצן מיט גאַנץ שוואַכע קעגן־מיטלען, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזערע פּאָליטישע מנהגים.

די נאַציאָנאַליסטן פלעגן ווי געוויינלעך אויסשעפּן זייער אַנצן שלאַכט־אַרסענאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון זידל־ווערטער, ווי פאַררעטער, פאַרקויפטע נשמה, און האָבן געקלונגען לאַנגווייליק און מאָנאָטאָן.

די אויסרופן, מיט וועלכע ביידע קעגנערישע צדדים פלעגן זיך איבערוואַרפן, האָבן עדות געזאָגט אויף אַ גרויסע פיזישע און מאָראַלישע ירידה, אויף אַ פּוסטע אומצופרידנקייט, אויסגעמישט מיט טיפער עבֿ־הארצות, און אַ פולשטענדיקע אומפעיקייט פשוט און קלאָר צו טראַכטן. קיין איין ריכטיקער צווישנרוף, דערפאַר אָבער אַסך זידל־ווערטער.

יעדן אָוונט פלעגט מען ביי ביידע צדדים קוים אָנציילן אַ צוויי, דריי פאַרוווּנדעטע אָדער צעשלאָגענע. די צעבלוטיקטע אָנהענגער פון לאַקריס פלעגט מען אַוועקטראָגן צו דעלאַפּיער, אַ נאַציאָנאַליסטישער אַפּטייקער, און די פאַרוווּנדעטע אָנהענגער פון רעמאָנדען — צו זשאַב, אַ ראַדיקאַלער אַפּטייקער, וואָס ד׳האָט געהאַט זיין אַפּטייק פּונקט קעגנאיבער דעם מאַרק, און אַרום האַלבער נאַכט האָט מען אויף די גאַסן שוין מער נישט געזען קיין לעבעדיקע נשמה.

זונטיק דעם זעקסטן מאַי, זעקס אַ זייגער אין אָוונט, האָט זשאָזעף לאַקריס, אַרומגערינגלט פון זיינע פריינד, געוואַרט אויפן רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג אין אַ ליידיקער קראָם, וואָס איז געווען אַרומגעקלעבט מיט פּלאַקאַטן און נאַציאָנאַלע פענער. דאָ האָט זיך געפונען דער גענעראַל־שטאַב פון קאָמיטעט. ה׳ באָנאָ, דער וווּרשטן־הענדלער האָט אַליין געבראַכט די ידיעה, אַז לאַקריס איז אויסגעוויילט געוואָרן מיט צוויי טויזנט דריי הונדערט ביין שטימען קעגן טויזנט פינף־הונדערט פערצן, וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַרן ה׳ רעמאָנדען.

— בירגער לאַקריס, — האָט ה׳ באַנאַ זיך צו אים גע־וועגדעט, — מיר זענען שטאַרק צופרידן. דאָס איז אַ נצחון פון דער רעפובליק.

— און פון אַלע אָרנטלעכע לייט, — האָט ה׳ לאַקריס געזאָגט.

און ער האָט צוגעגעבן מיט ערנסטער צופרידנקייט.

— איך דאַנק אייך, הער באַנאַ, און איך בעט אייך אין מיין נאָמען צו דאַנקען אַלע אונזערע פריינד.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו אַנרי לעאָן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים:

— לעאָן, — האָט ער אים איינגערוימט אין אויער אַריין — טוט מיר אַ טובה און טעלעגראַפירט די אויסע רגע צו זיין מאַיעסטעט וועגן אונזער דערפאָלג.

בינו-לבינו האָבן דאָ אַהער דערגרייכט פריילעכע אויס־רופן פון גאַס:

— זאָל לעבן דערולעד! זאָל לעבן די אַרמעע! זאָל לעבן די רעפובליק! נידער מיט די פאַררעטער! אַ טויט די יידן!

לאַקריס איז איינגעשטיגן אין אַ פיאַקר, אַרומגערינגלט פון דער ענטוזיאַסטישער מאַסע. דער המון האָט פאַרפלייצט די גאַסן. דער יידישער באַראָן גאָלסבערג איז געשטאַנען אין דער טיר פון פיאַקר. ער האָט פעסט געדריקט די האַנט פון נייעם געמיינדע-פאָרשטייער:

— איך האָב געשטימט פאַר אייך, הער לאַקריס, איר הערט, איך האָב געשטימט פאַר אייך. אָט וואָס איך וויל אייך זאָגן, דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ בלאָף — איך ווייס עס גאַנץ גוט, און איר ווייסט עס אויך — אַ געוויינלעכער בלאָף, בעת דער סאָציאַליזם איז אַן ערנסטע זאַך.

— יאָ, יאָ, זייט געזונט, הער גאָלסבערג.

דער באַראָן האָט אים אבער נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

— דער סאָציאַליזם, — דאָס איז די געפאַר. ה׳ רעמאָנדען האָט געמאַכט הנחות די קאָלעקטיוויסטן. טאַקע דערפאַר האָב איך געשטימט פאַר אייך, הער לאַקריס.

בינו-לבינו האָט דער המון נישט אויפגעהערט צו שרייען.

— זאָל לעבן דערולעד! זאָל לעבן די אַרמעע! נידער מיט די דרייפוזיאַנער! נידער מיט רעמאָנדען! אַ טויט די יידן!

מיט גרויס מי איז דעם קוטשער געלונגען זיך דורכצורייסן דורך דער כוואַליעדיקער מענטשן-מאַסע.

זשאָזעף לאַקריס האָט געטראָגן מאַדאַם באָנמאָן אין דער היים; זי איז געווען איינע אַליין. טיף גערירט, און איר געזיכט האָט געשיינט פאַר נצחון.

זי האָט שוין געוווסט דעם רעזולטאַט.

— אויסגעוויילט! — האָט זי געזאָגט און זיך געוואָרפן צו אים מיט אויסגעשפרייטע אָרעמס.

און דאס וואָרט „אויסגעוויילט" האָט אויף אירע פרומע ליפּן באַקומען מיטאַמאָל אַ מיסטישע באַדייטונג.

זי האָט אים איינגעשלאָסן אין אירע שיינע אָרעמס:

— איך בין אויסערגעווײנלעך גליקלעך, וואָס דו האָסט מיר צו פאַרדאַנקען דיין נצחון.

דאָס מאָל האָט זי נישט געגעבן קיין געלט אויף אַגיטאַציע-צוועקן. ס'האָט איבריקנס נישט געפעלט קיין אַגיטאַציע-פאָנדן, און דער נאַציאָנאַליסטישער קאַנדידאַט האָט געקאָנט נעמען געלט פון פאַרשידענע קוועלן. די צאַרטע עליזאַבעטע האָט דאָס מאָל גאָרנישט געגעבן, און זשאָזעף לאַקריס האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט. זי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— איך פלעג יעדן טאָג אָנצינדן אַ ליכט פאַרן הייליקן אַנטוען, אָט פאַרוואָס דו האָסט געזיגט. דער הייליקער אַנטוע הערט אויס אַלע תפילות. דער פאַטער אַדעאָדאַ האָט מיך אין דעם פאַרזיכערט און איך האָב מיך שוין נישט איינמאָל איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון זיינע רייד.

זי האָט אים אָנגעהויבן ליידנשאַפטלעך צו קושן, מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט זיך איר אויס-

געוויזן צו זיין שיין, ווארים ער האט דערמאָנט אַ ריטערלעכע מנהגים. זי האט אים א פרעג געטון:

— טייערער פריינד, די געמיינדע-פאָרשטייער טראָגן דאָך בענדער, נישט וואָר? די בענדער זענען געשטיקט, זאָג?... איך וויל דיר שענקען אַזא...

ער איז געווען שטארק אויסגעמאַטערט. אַ צעבראָכענער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פאָטעל. זי האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט צו זיינע פיס און געשעפּטשעט:

— כ׳האָב דיך ליב!

און די נאַכט האָט געהערט דאָס איבריקע.

* *

*

דעם זעלבן אָוונט איז אַנזעלם רעמאָנדען אויך געוויר געוואָרן דעם רעזולטאַט פון די וואַלן. ער איז געזעסן אין זיין קליינער וווינונג, אויפן טיש לעבן אים איז געשטאַנען אַ טייך פלעשלעך וויין און אַ קאַלטער פאַשטעט. זיין מפּלה האָט אים פאַרחידושט.

— כ׳האָב מיך געריכט דערויף, — האָט ער געזאָגט.

און ער האָט געמאַכט אַ פּירועט. ער האָט עס אָבער געמאַכט אומגעשיקט און זיך אויסגעדרייט אַ פוס.

— דאָס איז דיין שולד, — האָט אים געטרייסט דער דאָק־טאָר מאָף, פּרעזידענט פון זיין קאָמיטעט, אַן אַלטער ראַדיקאַל מיטן פּנים פון אַ סילען. — דו האָסט דערלאָזט, אַז דער גאַנ־צער קוואַרטאַל זאָל פאַרסמט ווערן פון דער נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע; דו האָסט נישט געהאַט קיין קוראַזש אים צו באַ־קעמפן. דו האָסט גאָרנישט געטון, כדי אָפּצושלאָגן זייערע ליגנס.

נאָך מער, דו האָסט געטון דאָס זעלבע וואָס זיי האָבן

געטון, און האָסט געפירט א געפערלעכע שפּיל. דו האָסט גע־
ווּוסט דעם אמת, דו האָסט אָבער נישט געוואגט אַרויסצופירן
פון טעות דיינע ווילער, בעת ס׳איז נאָך געווען צייט. דו ביסט
א פּחדן. איצט האָסט געליטן א מפּלה, און האָסט זי אויך כשר
פאַרדינט!

אנזעלם רעמאָנדען האָט געהויבן די פּלייצעס:

— דו ביסט אַן אלטער שוטה, מאָף. דו פאַרשטייסט נישט
דעם מוסר השכל פון די לעצטע וואַלן. און דאָך איז עס קלאָר
ווי דער טאָג. מיין מפּלה האָט בלויז איין סבה: די אומצו־
פרידנקייט פון די קליינע קרעמער, וואָס ווערן דערדריקט אין
קאַמף מיט די גרויסע מאַגאַזינען און קאָאָפּעראַטיווע געזעל־
שאַפטן. זיי ליידן; און דערמיט האָבן זיי מיר אָפּגעצאָלט פאַר
זייערע ליידן. אָט־אָ דאָס איז אַלץ.

און ער האָט געענדיקט מיט אַ בלאַסן שמייכל:

— זיי וועלן אָבער מיאוס אַריינפאַלן!

XXIV

ה׳ בערזשערע האָט אַנומלט באַגעגנט אין לוקסעמבורגער גאָרטן זיינע תּלמידים די ו׳ ה׳ גובען און דעני:

— כ׳קאָן אייך מיטטיילן אַ פֿריילעכע ידיעה, — האָט ער צו זיי געזאָגט. — דער אייראָפּעישער פֿרידן וועט נישט צעשטערט ווערן. די טריובליאַנס האָבן מיך אַליין וועגן דעם פֿאַרזיכערט.

און אָט וואָס ה׳ בערזשערע האָט זיי פֿאַרציילט:

— כ׳האָב באַגעגנט זשאַן האָן, זשאַן שעפּס און זשיל מאַלפּע, וואָס זענען אויך געקומען אויף דער וועלט-אויסשטעלונג. זשאַן האָן ד״האָט זיך צו מיר דערנענטערט און געזאָגט אין אַ שטרענגן טאָן:

— הער בערזשערע, איר האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט. אַז מיר שטרעבן צו אַ מלחמה און מיר האָבן בדעה איינצונעמען דעם ענגלישן פּאָרט דאָווער, פֿאַרכאַפּן מיט מיליטערישער קראַפֿט לאָנדאָן, די הויפּטשטאָט פֿון ענגלאַנד, און דערנאָך אויך צו אָקופּירן בערלין און אַנדערע הויפּטשטעט פֿון אייראָפּע. איר האָט אַזוי געזאָגט, איך ווייס עס גאַנץ גוט. איר האָט עס געזאָגט מיט אַ בייזער כּוונה, וואָרים איר האָט אונדז געוואָלט ברענגען שאָדן, איר האָט געוואָלט איינרעדן די פֿראַנצויזן, אַז מיר זענען קריגעריש געשטימט.

וויסן זאָלט איר, מיין הער, אַז דאָס אַלץ איז אַן אויסגעטראַכטער ליגנט. מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין קריגערישע כוונות. מיר האָבן געוויסע סענטימענטן פאַרן מיליטער, — דאָס איז אָבער אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. מיר ווילן שלום, און בעת אונז וועט געלינגען איינצושטעלן אין פראַנקרייך די אימפּעריאַליסטישע רעפּובליק, וועלן מיר אויפהערן פירן מלחמות.

איך האָב געענטפערט מיין קעגנער, אַז איך בין גרייט אים צו גלויבן. נאָך מער, איך זע איין, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות, און מיין פעלער איז טאַקע קלאָר, ווי דער טאָג. איך האָב מיך מודה געווען, אַז זשאַן האָן, זשאַן שעפּס, זשאַן לעגלאָן און זשיל מאַלפּע האָבן אויף אַ גענוגנדן אופן אַרויסגעוויזן זייער ליבע צום שלום, דערמיט וואָס זיי האָבן זיך מיט אַלע כוחות געווערט אָפּצופאָרן קיין כינע, ווו מ'האָט זיי געהאַט איינגעלאַדן, אין שיינע, ספּעציעל רעדאַגירטע, ווייסע פּלאַקאַטן.

— שוין פון לאַנג, — האָב איך צוגעגעבן, — האָב איך געוווסט, ווי אָפּצושאַצן אייערע סענטימענטן פאַרן מיליטער און די קראַפט פון אייער צוגעבונדנקייט צום פאָטערלאַנד. איך בעט אייך זייער איבער, געערטער הער דהאָן. איך פריי מיך שטאַרק, וואָס איר זענט דער זעלבער פּאַציפיסט, ווי איך.

זשאַן האָן האט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אָנגעצונדענע אויגן, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט איינשלינגען:

— איך בין אַ פּאַציפיסט, הער בערזשערע. אָבער, געלויבט צו גאָט, איך בין נישט צו אייך געגליכן. איך שטרעב נישט צום זעלבן שלום, נאָך וועלכן איר שטרעבט. איר שטעלט אייך צופרידן מיטן שלום, וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן פון שונא. מיר זענען צו איידל, כדי מיט געדולד צו טראָגן אויף זיך די משא פון אַזאַ פרידן.

ד ר דאָזיקער נעבעכדיקער שלום, וואָס איר שעפּט פון אים אַזוי פיל נחת, באַליידיקט אויף אַ מוראדיקן אופן דעם שטאָלץ פון אונזערע הערצער. אַז מיר וועלן זיין ביי דער מאַכט, וועלן מיר אויסקעמפן אַן אַנדערן שלום. ביים קלאַנג

פון דער שווערד און פון אַרמאַטן וועלן מיר שליסן אַ שרעקלעכן ריטערלעכן שלום.

מיר וועלן שליסן אַ ווילדן און אומבּרחמנותדיקן שלום. אַ באַדראָענדיקן, שוידערלעכן, פלאַמענדיקן, מוראדיקן שלום; אונזער שלום וועט אָפּהילכן, ווי אַ דונער, ווי אַ בליץ, ווי אַ מוראדיקער שטורעם; אונזער שלום וועט זיין פיל מוראדיקער, ווי די מוראדיקסטע מלחמה, אונזער פרידן וועט מאַכן ציטערן די וועלט און פאַרטיליקן די ענגלענדער. אָט, ווי אַזוי עס שטעלט זיך פאָר אונזער פּאַציפיזם, געערטער הער בערזשערע. אין אַ צוויי, דריי חדשים אַרום, וועט איר זיין אַן עדות פון אונזער שלום-אויסדרוק: אונזער שלום וועט ווי אַ העליש פייער אַרומכאַפּן די גאַנצע ערד.

— נאַכן דאָזיקן שמועס, — האָט ה׳ בערזשערע געענדיקט — בין איך געצוווּנגען געווען מודה צו זיין, אַז די טריובּליאַנס זענען פּאַציפיסטן, און אויף אַזאַ אופן האָב איך מיך נאָכאַמאָל איבערצייגט, וויפיל אמת עס איז פאַראַן אין דער נבואה פון סיבּיללע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אויף אַ פּאַרצייטיקן סיקאָמאָר-בלאַט:

דו, וואָס שפּייזט זיך מיטן ווינט,
טריובּ-יאָן, מיין קליינער לאָגל,
אויב דו ווילסט באמת פרידן,
טאַ לאָז אונז קודם-כל צו רו...

XXV

נאָכן נצחון פו די נאַציאָנאַליסטן אין פּאַריז און דער וואַל פון זשאָזעף לאַקריס אין געמיינדע-ראַט, האָט אין די זאַלן פון מאַדאַם דע באַנמאַן געהערשט אַ יום-טובדיקע, אויפגעהייטערטע שטימונג. ביי דער אַלמנה פון עלטערן באַראָן פלעגט זיך צונויפקלייבן דאָס בעסטע און שענסטע פון דער נייער פּאַרטיי.

אַן אַלטער רב פונם סען-אַנטוען-קוואַרטאַל האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער גאָט פון ישראל האָט אויסגעקליבן די צאַרטע עליזאַבעטע, כּדי זי זאָל צוציען צו זיך די שונאים פון אויסדערוויילטן פאָלק. די האַנט, וואָס האָט אַמאָל געפירט אסתּר, די ברודערן-טאָכטער פון מרדכי, אין אחשורוש׳ס בעט אַריין, די זעלבע געטלעכע האַנט האָט עס גורם געווען, אַז די פירער פון אַנטיסעמיטיזם און די טריובליאָן-פּרינצן זאָלן זיך פאַרזאַמלען ביי אַ יידיש קינד.

אמת איז, אַז די באַראָנעסע האָט אַוועקגעוואָרפן דעם גלויבן פון אירע אבות. ווער קאָן אָבער דורכדרינגען די כּוונות פון אויבערשטן? אין די אויגן פון די קינסטלער, וואָס האָבן געקענט די מיטאָלאָגישע פיגורן אין די דייטשע שלעסער, האָט די פּראַכטפולע שיינקייט פון דער דאָזיקער ווינער עריגאַ-

גע זיך אויסגעוויזן, ווי אַן אַלעגאָריע פון נאַציאָנאַליסטישן ווייַנשניט.

אויף אירע מיטאָגן האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון מאַכט און שמחה, און דער איינפאַכסטער פרישטיק האָט באַקומען ביי איר אַן אמתן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אַזוי האָבן זיך אויך יענעם פרימאָרגן פאַרזאַמלט ביי איר טיש די אָנגעזעענסטע ריטער פון דער קירך און פון דער אַרמעע.

עס זענען געווען: אַנרי לעאָן, וויצע-פרעזידענט פון די מאָנאַרכיסטישע קאָמיטעטן אין מזרח דרומדיקן טייל פון לאַנד, וואס איז ספּעציעל געקומען כדי צו גראַטולירן די נאַציאָנאַליסטן צוליב זייער אָפּגעהאַלטענעם נצחון. דערנאָך דער קאַפּיטאַן דע שאַלמאַ, אַ זון פון גענעראַל קאַרטיע דע שאַלמאָ און זיין יונגע פרוי, אַן אַמעריקאַנערין, וואָס האט אויסגעדריקט אירע נאַציאָנאַליסטישע געפילן מיט אַ פּישטשענדיק קול, און מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז אַלע פייגעלעך פון דער אומגעגענט האָבן זיך באַטייליקט אין די מחלוקתן פון אונזערע פּאַטייען.

עס איז אויך געווען ה׳ טאָנעליע, אַ פּראָפעסאָר אין סוללי-גימנאַזיום; ס׳איז געווען באַקאַנט, אַז ה׳ טאָנעליע איז דיסציפּלינאַריש באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואס ער האט פאַר זיינע תּלמידים געשילדערט אַן אַטענטאַט אויפן פּרעזידענט, ווי אַ טאַט, וואָס פאַרדינט געלויבט צו ווערן. פון דעמאָלט אָן פלעגט מען אים זייער גערן אויפנעמען אין די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען, ווו ער האָט זיך זייער גוט געפילט, מחמרת דעם, וואָס ער פלעגט זיך אָפט באַנוצן מיט געלונגענע קאַלאַמבורן.

אויך פרעמאָן איז געקומען; מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַ קאָמונאַר, איצט האָט ער פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַן אינספּעקטאָר אין אַ קונסט-מוזיי, און אויף די עלטערע יאָרן האָט ער אויך אַ וווּנדערבאַרן אופן זיך צוגעפּאַסט צו דער בירגערלעכער און קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. ער פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט אין די סאַלאָנען פון די רייכע יידן, וואָס האָבן געהאַט אונטער זייער השגחה גרויסע אוצרות קריסטלעכער קונסט. ער וואָלט אפילו געקאָנט לעבן אונטער דעם דיקטאַטור

פון אַ פערד, אַבי מ׳זאָל אים לאָזן צורו און דערלויבן אים צו צערטלען אַ גאַנצן טאָג מיט זיינע דעליקאַטע הענט טייערע אַלטע שטאָפן און אַנדערע קונסט-חפצים.

עס איז אויך געקומען דער אַלטער גראַף דאַוואַן, מיט געפּאַרבטע האָר, געשמינקט, געפּודערט, נאָך אַלץ שיין, אָבער עטוואָס געעלטערט; אין זיין מוח זענען גאָך פריש געווען די זכרונות פון די אַמאָליקע גוטע צייטן פאַר יידן, בעת ער האָט צוגעשטעלט די גרויסע פינאַנסיסטן מעבל פון ריזענער און בראָנזן פון טאַמיר. זיינער צייט האָט ער צוגעשטעלט דעם באַראָן מעבל און פאַרשידענע קונסט-חפצים פאַר פופצן מיליאָן פראַנק. ער איז אָבער אינגאַנצן רוינירט געוואָרן צוליב אומגליקלעכע שפּעקולאַציעס אויף דער בערזע, און ביים היינטיקן טאָג האָט ער געלעבט ביי זיינע זין און באַדויערט די אַמאָליקע צייטן; ער איז געווען שטענדיק פאַראומערט, פאַרביטערט און אַן אומפאַרשעמטער פּאַראַזיט, וואָרים ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן וועט ער ווי עס איז קענען דורכקומען אין לעבן.

ביים טיש פון דער באַראָנעסע זענען חוץ דעם געווען פאַרזאַמלט זשאַק דע קאַד, איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געגעבן געלט אויף מאָנאַרכיסטישע צוועקן, פיליפּ דעליאָן, אַסטאָלף דע קורטרע, זשאָזעף לאַקריס, היוג שאַסאָן דעזעגי, פּרעזידענט פון נאַציאָנאַליסטישן קאָמיטעט אין סעל-סען-קלו, און „זילבער-פּיסל", אָנגעטון אין אַ ראָק און הויזן פון גראָבע לייוונט; צו זיין אָרבל איז געווען צוגעשטעפּט אַ ווייסער באַנד מיט גאָלדענע ליליען. אויף זיינע געדיכטע האָר האָט ער געטראָגן אַ קיילעכדיקן הוט, וואָס ער פלעגט קיינמאָל נישט אַראָפּנעמען פון קאָפּ, פּונקט אַזוי ווי זיין רויזנקראַנץ פון איילבירט-קערנער.

ער איז געווען אַ געוועזענער מאַנמאַרטר-זינגער, מיטן נאָמען דיופּאָן, שפּעטער איז ער געוואָרן אַ הייסער מאָנאַרכיסט און איינגעפירט געוואָרן אין דער בעסערער געזעלשאַפט. ער האָט געהאַט זייער שלעכטע מאַניערן, ער פלעגט שטענדיק האַלטן

צווישן די קני אַן אַלטע שטיינערנע ביקס, און טרינקען אָן אַ שיעור. זינט דעם דרייפוס־פּראָצעס איז אין דער העכערער פראַנצויזישער געזעלשאַפט פאָרגעקומען אַ נייע קלאַסן־איבערגרופּירונג.

דער יונגער באַראָן ערנעסט איז געזעסן קעגנאיבער זיין מוטער און געשפּילט די ראָל פון באַלעבאָס.

דער שמועס איז אַריבער אויף דער פּאָליטיק.

— איר זענט אומגערעכט — האָט זשאַק דע קאַד זיך געווענדעט צו פיליפּ דעליאָן — גלויבט מיר, איר טוט שלעכט, וואָס איר באַטייליקט זיך ניט אין דער פאַרשווערונג פון פּאַטער פּראַנסואַ... מ'קאָן נישט וויסן וואָס ס'וועט געשען... נאָך דער אויסשטעלונג... און מיטן מאָמענט, ווען מיר טרעטן ארויס אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

— איינס איז זיכער, — האָט אסטאלף דע קורטרע זיך אָנגערופן, — אַז אויב מיר ווילן אין צוואַנציק חדשים אַרום האָבן אַ גוטן אויסגאַנג פון די וואַלן מוזן מיר זיך פריער צוגרייטן ווי געהעריק צו דער קאַמפּאַניע. וואָס שייך מיר בין איך פולשטענדיק גרייט: איך טרעניר מיך גאַנצע טעג אין באָקסן און פעכטן.

— ווער איז אייער לערער? — האָט פיליפּ דעליאָן געפרעגט.

— גאָדיבער. ער האָט דערפירט די פראַנצויזישע באָקסטעכניק ביז צו אַ גאָר הויכער מדרגה. דאָס איז פשוט צו באַוואונדערן! זיין באָקס־טעכניק איז זייער אייגנאַרטיק... דאָס איז אַן ערשטקלאַסיקער לערער, וואָס האָט אַ ריכטיקע פאַרשטענדניש פאַרן טרענינג.

— דער טרענינג, דאָס איז די הויפּט־זאַך — האָט זשאַק דע קאַד געזאָגט.

אוודאי, — האָט אַסטאָלף דע קורטרע געענטפערט. — און גאָדיבער האָט אויסגעצייכנטע טרענירונגס־מעטאָדען. זיין גאַנצער סיסטעם שטיצט זיך אויף דער פּראַקטיק: מאַסאַזשן, איינ-

רייבונגען, אַ שטרענגע דיעטע, נאָך וועלכער מען קאָן ערשט איבערגיין צו אַ קרעפטיקער דערנערונג.

זיין דעוויז איז „אַ קאַמף דער פעטקייט, קרעפטיקט די מוסקולן". און אין זעקס חדשים לערנט ער אייך אויס צו געבן אַזאַ עלאַסטישן זעץ מיט דער פויסט... און אַזאַ שטאַרקן זעץ מיטן פוס...

מאַדאַם דע שאַלמאָ האָט אַ פרעג געטון:

— צי קענט איר דען נישט אָראָפוואַרפן דאָס דאָזיקע עלנטע מיניסטעריום?

ביים בלויזן געדאַנק וועגן דעם קאַבינעט פון וואַלדעק-רוסאָ, האָט זי שטאַרק אויפגערעגט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— זייט רויק, מאַדאַם, — האָט לאַקריס זיך אָנגערופן. — אויפן אָרט פון דאָזיקן מיניסטעריום וועט קומען אַן אַנדערס, וואָס וועט נישט זיין בעסער פונם ערשטן.

— נאָך איין אַזאַ מיניסטעריום, — האָט ה' טאָנעריע געזאָגט, — וואָס זאָל מאַכן אַזוי פ״ל רעפּובליקאַנישע הוצאות, און פראַנקרייך איז פולשטענדיק רויִנירט.

— יאָ, — האָט זיך אָנגערופן אַנרי לעאָן, — אַן אַנדער מיניסטעריום וועט נישט זיין בעסער פונם איצטיקן. אָבער אַ נייע רעגירונג וועט נישט זיין אַזוי אומפּאָפּולער, ווייל זי וועט מער נישט זיין די רעגירונג פון דרייפוס-פּראָצעס. מיר וועלן מוזן פירן אין אונזער גאַנצער פּרעסע אַ קאַמפּאַניע לכל-הפּחות אין משך פון זעקס וואָכן, כדי די רעגירונג פולשטענ-דיק צו דיסקרעדיטירן.

— צי זענט איר שוין געווען אין קליינעם שלאָס? — האָט פרעמאָן געפרעגט די באַראָנעסע.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ, און צוגע-געבן, אַז זי האָט דאָרט געזען שיינע קעסטלעך און גרויס-אַרטיקע איינלאַדונגס-קאַרטן צום טאַנץ.

— עמיל מאַליניע, — האָט דער אינספּעקטאָר פון קונסט-מוזיי ווייטער גערעדט, — האָט אָרגאַניזירט אַ וווּנדערבאַרע

אויסשטעלונג פון דער פראַנצויזישער קונסט. דער מיטל-עלטער איז אויף דער אויסשטעלונג רעפּרעזענטירט מיט זייער קאָסט־באַרע חפצים. דאָס אַכצנטע יאָרהונדערט פאַרנעמט אַ בכבודיקן פּלאַץ, די זאַמלונג איז אָבער נישט פולשטענדיק. איר, מאַדאַם, וואָס פאַרמאָגט גרויסע קונסט־אוצרות, איר דאַרפט אונז נישט אָפּזאָגן און שטעלן אין אונזער רשות אייניקע קונסט-ווערק.

דער פאַרשטאָרבענער באַראָן האָט טאַקע אין דער אמתן איבערגעלאָזט זיין אלמנה אָן אַ שיעור קונסט-אוצרות. דער גראַף דאַוואַן האָט אויסגערוימט פאַר אים די אַלטע פּראָווינץ־שלעסער, און פון גאַנץ פראַנקרייך, פון די ברעגעס פון טייך סאָמע, לוארע און ראָן, האָט ער צונויפגעשלעפּט אַלטע פּאָרטרעטן און היסטאָרישע מעבל, מתנות פון פראַנצויזישע קיניגן צו זייערע קעפּסווייבער, באַרימטע דענקמעלער פון דער מאָנאַרכיע, דעם שטאָלץ פון די עלטעסטע אַדל־פאַמיליעס; און אָפּגעקויפט האָט ער דאָס אַלץ ביי די פאַראָרעמטע, פינצטערע און בערדיקע איידל־לייט, פאַר אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז.

אין איר שלאָס אין מאָנטיל און אין איר וווינונג אויף דער אווענו מאַרסאָ האָט די באַראָנעסע פאַרמאָגט אָן אַ שיעור ווערק פון די באַרימטעסטע פראַנצויזישע האָלצשניצער, פון די גרעסטע שטיין-קריצער אין אַכצנטן יאָרהונדערט: קאָמאָדעס, שענק אויף צו באַהאַלטן מטבעות, וואַנט-זייגערס, שטייענדיקע זייגערס, קאַנדעלאַברען און זעלטענע גאָבעלינען אין טויט־בלאַסע קאָלירן.

נאָך פאַר פרעמאָנען האָט אויך ה׳ דע טערמאָנדר זי נישט איינמאָל געבעטן אויסצובאָרגען אייניקע קונסט־ווערק און בראָנזן פאַר דער רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג; זי פלעגט זיי אָבער שטענדיק אָפּזאָגן. זי איז געווען שטאָלץ מיט אירע קונסט־אוצרות און געשטרעבט זיי צו ווייזן אין זייער גאַנצן גלאַנץ. און אויך דאָס מאָל האָט זי נישט געוואָלט נאָכגעבן.

זשאָזעף לאַקריס האָט איר נאָך צוגעגעבן קוראַזש: „גיט גאָרנישט פאַר דער דאָזיקער אויסשטעלונג. אייערע חפצים וועלן צעגנבעט אָדער צעבראָכן ווערן. צי זענט איר דען זיכער, אַז

ס'וועט זיי געלונגען ענדגילטיק צו אָרגאַניזירן זייער אינטער-נאַציאָנאַלן יאַריד? עס איז פיל בעסער נישט צו האָבן צו טון מיט די דאָזיקע לייט.

פרעמאָן, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון די פילמאַליקע דורכפאַלן, האָט אַלץ נישט געוואָלט נאָכגעבן:

— באַראָנעסע, איר פאַרמאָגט אַזוי פיל שיינע זאַכן. און איר זענט בלי ספק ווערט זיי צו באַזיצן. ווייזט-זשע ארויס אייער גוטסקייט, גרויסהאַרציקייט און פּאַטריאָטיזם, וואָרים עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּאַטריאָטישע סאַט. שיקט איבער אין קליינעם שלאָס אייערע ריזענער-מעבל, וואָס זענען באַפּוצט מיט בלאַסן סעווור-פּאָרצעלאַי. מיט אַזעלכע מעבל האָט איר נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר קאָנקורענץ. וואָרים זייַנס גלייכן איז אין ערגעץ נישטאָ, אויסער איין ענגלאַנד.

אויף אייער מעבל וועט'ן מיר ארויפשטעלן אייערע פּאָר-צעלאַיענע וואַזעס, וואָס שטאַמען פון גראַן-דאָפען, יענע צוויי וואונדערבאַרע בלאַס-גרינע כלים מיט די בראָנז-פיגורן פון קאַפיערי. דאָס וועט מאַכן אַן אומגעהייערן רושם!...

דער באַראָן דאַוואַן האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

„די דאָזיקע בראָנזן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אומעטיקער חכמה, — שטאַמען נישט פון פיליפּ קאַפיערי. זיי זענען געצייכנט מיט אַ C, און איבער דעם דאָזיקן אות געפינט זיך אַ ליליע. דאָס איז דער צייכן פון קרעסאַן. קיינער דאַרף עס נישט וויסן. מען דאַרף עס אָבער נישט אָננעמען פאַר עפּעס אַנדערש.

פרעמאָן האָט ווייטער אָנגעהויבן צו בעטן:

— באַראָנעסע, ווייזט ארויס אייער גוטהאַרציקייט. גיט אונז אייער געמעל פון לעפּרענס, „די מאָסקווער כלה". און איר וועט זיכער באַקומען דערפאַר אַ דאַנק פון גאַנצן פאָלק.

זי איז שוין געווען גרייט אים נאָכצוגעבן. איידער זי ד'האָט געגעבן איר הסכמה, האָט זי מיט די אויגן געפרעגט אַ מיינונג ביי זשאָזעף לאַקריס. ער האָט דערויף געענט-פערט:

— שיקט אים איבער אייערע געמעלען פון אכצנטן יאר־הונדערט. אויב איר האט זיי נישט.

מחמת העפלעכקייט האט זי זיך געווענדעט צום גראף דאוואן און אים א פרעג געטון, וואס זי זאל טון.

ער האט איר געענטפערט:

— טוט, ווי איר פארשטייט. איך קאן אייך נישט געבן קיין שום עצה. צי איר וועט יא שיקן, אדער נישט שיקן אייערע קונסט-ווערק אויף דער אויסשטעלונג, וועט עס סוף כל סוף זיין אלץ איינס.

— די זאך איז אפגעמאכט! — האט פרעמאן שטילערהייט געזאגט צו זיך, — איך גיי די אויסע רגע אין מיניסטעריום אריין און כ'גיב דארט אפ א מעלדונג, אז ס'איז מיר געלונגען צו באקומען די קאלעקציע פון דער באראנעסע דע באנמאן. פאר דעם אליין בין איך שוין ווערט אן אויסצייכנונג.

און ער האט א שמייכל געטון. ער איז גאר נישט געווען קיין שוטה. ער האט זיך לחלוטין נישט באצויגן מיט ביטול צו די סאציאלע אויסצייכנונגען, און ס'איז אים פארגעקומען פיקאנט, אז דער, וואס איז אמאל פארמשפעט געווארן פון דער קאמונע, זאל איצט ווערן אפיציר פון דער ערן לעגיאן.

— איך מ'ז נאך צוגרייטן די רעדע, וואס איך וועל האלטן זונטיק אויפן באנקעט אין גראנד-עקיורי, — האט זשאזעף לאקריס געזאגט.

— א! — האט דער באראן א זיפץ געטון. — א שאד אייער טרחה. דאס איז אינגאנצן איבריק. איר אימפראוויזירט דאך ממש וואונדערבאר!...

— חוץ דעם. מיין טייערער, — האט זשאק דע קאד זיך אריינגעמישט אין געשפרעך. — איז עס נישט אזא שווערער ענין צו רעדן צו די ווייל ער.

— דאס איז טאקע נישט שווער, ווי איר ווילט, — האט זשאזעף לאקריס געענטפערט, — פונדעסטוועגן איז עס א דעליקאטער ענין. אונזערע קעגנער שרייען, אז מיר האבן נישט

קיין פראָגראַם. דאָס איז בייזע רכילות; מיר האָבן אַ פּראָגראַם אָבער...

— כאַפּן דאָס מייזל אין אַ פּאַסטקע, אָט־אָ דאָס איז אונזער פּראָגראַם, — האָט „זילבער־פיסל" געמיינט.

— אָבער דער ווײַלער איז אַ סך קאָמפּליצירטער, ווי מיר שטעלן זיך עס פאָר — האָט זשאָזעף לאַקריס ווייטער גערעדט, — איך למשל האָב זעלבספאַרשטענדלעך צו פאַרדאַנקען מיין נצחון די מאָנאַרכיסטן, די באָנאַפּאַרטיסטן, אאַז״וו... ווי זאָל איך זיי אָנרופן? — די רעפּובליקאַנער, וואָס די איצטיקע רעפּובליק איז זיי שוין דערעסן געוואָרן, אָבער פונדעסטוועגן זענען זיי פאָרט רעפּובליקאַנער. דער דאָזיקער גייסטיקער מצב איז גאָרנישט אַזוי זעלטן. דער וווּרשטן־הענדלער, דער פּרעזעס פון מיין קאָמיטעט, חזרט עס מיר טאָג־טעגלעך איבער:

„איך וויל מער נישט הערן פון דער רעפּובליק פון די רעפּובליקאַנער. ווען איך וואָלט געקאָנט וואָלט איך זי געלאָזט מיטן רויך, אפילו ווען איך זאָל דערביי פאַרשפּילן מיין לעבן. אָבער פאַר אייער רעפּובליק, הער לאַקריס, בין איך אפילו גריי'ט מקריב זיין דאָס לעבן"...

בלי־ספק איז פאַראַן אַ באָדן, אויף וועלכן מיר קאָנען זיך פאַרשטענדיקן. „לאָמיר זיך גרופּירן אַרום דער פאָן... לאָ, מ'ר נישט לאָזן אָנגרייפן די אַרמעע... אַ טויט די פאַררעטעריר וואָס שליסן געהיימע אָפּמאַכן מיט אונזערע אינערלעכע שונאים און באַמיען זיך אָפּצושוואַכן אונזער נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונגס־קראַפט"... אָט־אָ דאָ האָבן מיר אַ געמיינזאַמען פאַרשטענדיקונגס־באָדן.

— ס'בלייבט נאָך איבער דער אַנטיסעמיטיזם, — האָט אַנרי־עאָן געזאָגט.

— דער אַנטיסעמיטיזם, — האָט זשאָזעף לאַקריס געענטפערט, — קאָן אין אונזער קוואַרטאַל רעכענען אויף אַ דער פאָלג, וואָרים צווישן אונז זענען פאַראַן אַ סך רייכע יידן וואָס שטיצן אונז אונטער.

— און די אַנטי־מאַסאָנען־קאָמפּאַניע! — האָט אויסגערופן

זשאק דע קאד: ער איז געווען א פרומער קאטוילּיק.

— מיר אלע האלטן, אז מ׳דארף באקעמפן די מאסאָ-נען. — האָט געענטפערט זשאָזעף לאַקריס. — די פרומע לייט ווארפן זיי פאָר, אַז זיי זענען נישט קיין קאַטוילּיקן. די נאַ-ציאָנאַליסטישע סאציאליסטן האָבן צו זיי טענות, פאַרוואָס זיי זענען נישט קיין אנטיסעמיטן. און אלע אונזערע עפנטלעכע פארזאמלונגען ווערן געשלאָסן מיט פיינדלעכע אויסרופן: „אַ טויט די מאסאָנען!"

דערויף ענטפערט דער בירגער ביסאלא מיטן אויסרוף! „נידער מיט די גלחים!" פארשטייט זיך, אז אונזערע לייט ווארפן זיך באלד אויף אים, קיילן אים צָן ווי עס דארף צו זיין, און פירן אים אפ אינם נאָנטסטן פאָליציי-קאָמיסאריאט.

די שטימונג ביי אונז אין געגנט איז אן אויסגעצייכנטע. מיר מוזן אָבער אויך באַקעמפן די פאלשע אידעען. דער קליין-בירגער פאַרשטייט נאך אלץ נישט, אז נאר די מאָנארכיע וועט אים ברענגען גליק. ער פילט נאך נישט, אז ער אליין וועט גרעסער ווערן, ווען ער וועט זיך בייגן פאר דער קירך.

דעם קרעמערס נשמה איז פארסמט געווארן פון שלעכטע ביכער און שלעכטע צייטונגען. דער קליינהענדלער איז קעגן דעם, אז דער קלער און די גלחים זאלן זיך מישן אין דער פאליטיק. א סך מיינע ווייל

ער האלטן זיך פאר אנטי-קלע-ריקאלן.

— אמת!? — האָט אויסגערופן די באראנעסע דע באנמאן, טרויעריק איבערראשט.

— מאדאם, — האָט זשאק דע קאד געזאָגט, — דאָס זעלבע איז אויך אויף דער פראָווינץ. און איך האלט, אז דער, וואָס איז אנטי-קלעריקאל, דער איז אויך קעגן דער רעליגיע.

— לאָמיר נישט פארהוילן דעם אמת, — האָט לאקריס גע-זאָגט, — ס׳בלייבט אונז נאָך איבער אַ סך אויפצוטון. מיט וואָ-סערע מיטלען? מ׳דארף זוכן.

— איך, — האָט זיך אָנגערופן זשאק דע קאַד, — איך בין דערפאַר, מ׳זאָל אָננעמען שאַרפע מיטלען.

— וועלכע? — האָט אַנרי לעאָן געפרעגט.

קיינער האָט נישט געענטפערט, און אַנרי לעאָן האָט ווייטע״ גערעדט:

— מיר האָבן לעצטנס אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון, אָבער בולאַנזשע*), האָט אויך אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות, פונדעסטוועגן האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן.

— מ׳האָט אים געצווונגען דערצו. — האָט לאַקריס געזאָגט. — מיר אָבער האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן, מ׳זאָל אונדז צווינגען אָפּצוטרעטן פון פּלאַץ. די רעפּובליקאַנער, וואָס האָבן געוואָסט, ווי זיך צו ווערן קעגן אים, זענען אָבער אומבאַהאָלפן אין קאַמף מיט אונדז.

— איך האָב פיל מער מורא פאַר אונדזערע פריינד, ווי פאַר אונדזערע שונאים, — האָט לעאָן געזאָגט. — מיר האָבן פריינד אין פּאַרלאַמענט, וואָס טוען זיי דאָרט? זיי איז נאָך קיין איינמאָל אפילו נישט געלונגען אַרויסצורופן אַ רעגירונגס-קריזיס אין פאַרבינדונג מיט אַ פּרעזידענטן-קריזיס.

— דאָס וואָלט פאַר אונדז געווען ווי געווונטשן. — האָט לאַקריס זיך אָנגערופן, — דאָס איז אָבער אוממעגלעך. אָ, יוען דאָס וואָלט געווען מעגלעך, וואָלט מען עס דורכגעפירט: אָ, מען מוז זיין גערעכט, מען טוט, וואָס עס ליגט נאָר אין זיין מאַכט.

— מיר מוזן אַלזאָ וואַרטן געדולדיק, אַז די רעפּובליקאַנער אין סענאַט און אין פּאַרלאַמענט זאָלן אונדז אָפּטרעטן דעם פּלאַץ. דאָס איז אייער מיינונג, לאַקריס?

— אָ! — האָט זשאַק דע קאָד אַ זיפץ געטון. — אָ, ווי איך באַדויער די צייטן, ווען מ׳האָט זיך געשלאָגן. דאָס זענען געווען גוטע צייטן.

---

*) זשאַרזש בולאַנזשע—פראַנצויזישער גענעראַל, געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאַרהונדערט. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין פּאָליטישע אינטריגעס, און לסוף זיך גענומען דאָס לעבן. (באַמ. פון איבערזעצער).

— זיי קענען זיך נאָך אומקערן, — האָט אַנרי לעאָן געזאָגט.

— איר גלויבט ערנסט?

— צו אַלדי רוחות! דאס איז בלויז אָפּהענגיק פון אונז אַליין.

— דאָס איז אמת!

— מיר זענען אַ קראַפט, ווי עס פלעגט זיך אויסדריקן גענעראַל מערסיע. לאָמיר עפּעס טון.

— זאָל לעבן מערסיע! — האָט אויסגערופן „זילבער-פיסל".

— לאָמיר גיין פאָראויס, — האָט אַנרי לעאָן ווייטער גע-רעדט. — לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צייט! לאָמיר קודם-כל נישט אָפּגעקילט ווערן אין אונזער התלהבות. דער נאַציאָנאַליזם מוז אָראָפּגעשלינגען ווערן הייסערהייט. אַז ער איז קאָכעדיק — שטאַרקט ער דאָס האַרץ, ווען ער ווערט אָבער אָפּגעקילט, דעמאָלט ווירקט ער, ווי אַ רפואה.

— וואָס — אַ רפואה? — האָט לאַקריס שטרענג גע-פרעגט.

— אַ היילבאַרע רפואה, אַ גוט, ווירקזאַם מיטל, וואָס דער קראַנקער שלינגט אָבער אַראָפּ אָן פאַרגעניגן און גאָר נישט גערן... מ'טאָר נישט איבערלאָזן די מיקסטור אין אַ רויקן צו-שטאַנד. פאַרן איינעמען די רפואה מוז מען שטאַרק אויפטרייס-לען דאָס פלעשל. אַזוי זאָגט דער קלוגער אַפּטייקער.

אין איצטיקן מאָמענט איז אונזער נאַציאָנאַליסטישע מיקסטור גאָר שטאַרק אויפגעטרייסלט. זי האָט דעריבער אַ ראָזע באַפאַרבונג און אַן אָנגענעמען זויערן געשמאַק. אויב מ ר ווען לאָזן אויסשטיין די רפואה וועט די פליסיקייט פאַרלירן איר קאָליר און געשמאַק.

זי וועט זיך אָפּזעצן, דאָס בעסטע וועט אַראָפּפאַלן אויפן דנאָ, די מאָנאַרכיסטישע און רעליגיעזע באַשטאַנד-טיילן וועלן אָפּפאַלן, דער קראַנקער וועט זיך באַציען צו דער רפואה מיט אומ-צופרידנקייט און איבערלאָזן דריי פערטל אין פלאַש. איר מוזט דע-

ריבער אָן אויפהער טרייסלען מיט דער פּלאַש.

— אָט דאָס דאָזיקע האָב איך טאַקע געוואָלט זאָגן. — האָט דער יונגער דע קאַד אויסגערופן.

— ס'איז זייער לייכט צו זאָגן, לאָמיר האַנדלען. האָט לאַק־ריס פּראָטעסטירט — מען מוז אָבער קודם כּל אויפפּאַסן די ריכטיקע צייט. אַז נישט וואָלטן מיר געוואָן אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר צו פאַרלירן דעם חן אין די אויגן פון די ווייל־ער.

— אָ! — האָט לעאָן אויסגערופן. — אויב איר טראַכט שוין נאָכאַמאָל אויסגעוויי׳ט צו ווערן!...

— ווער זאָגט אייך דען, אַז איך טראַכט וועגן דעם? איך הייב גאַרנישט אָן וועגן דעם צו טראַכטן.

— איר זענט אויך געדעכט. מ'דאַרף נישט זיין אַזוי ווייט פאָראויסזעעוודיק.

— וואָס מיינט איר דערמיט? צי גלויבט איר, אַז מיינע ווייל־ער וועלן זיך ענדערן?

— כ'האָב מורא להיפּך. אַז זיי וועלן זיך לחלוטין נישט ענדערן. זיי זענען געוואָן אומצופרידן און דעריבער האָבן זיי אייך אויסגעוויילט. זיי וועלן זיין אומצופרידן אין פיר יאָר אַרום. און דאָס מאָל וועט איר זיין דער שעיר לעזאזל... ווילט איר אויסהערן אַ גוטע עצה, לאַקריס?

— פאַרוואָס נישט?

— איר זענט אויסגעקליבן געוואָרן פון צוויי טויזנט ווייל־ער?

— צוויי טויזנט דריי הונדערט ניין.

— זאָל זיין אַזוי: צוויי טויזנט דריי הונדערט ניין... מ'קאָן קיינמאָל נישט צופרידנשטעלן צוויי טויזנט דריי הונדערט ניין מענטשן. מ'דאַרף אָבער נישט אַלעמאָל נעמען אין באַטראַכט בלויז די צאָל, מ'דאַרף אויך האָבן אויפן אויג די איכות. צווישן אייערע ווייל־ער איז פאַראַן אַ שפּאַר ביסל אַנטיקלעריקאַלע רעפּובליקאַנער, קליין־הענדלער, קליינע משרתימלעך. זיי זענען נישט גראָד די אינטעליגענטסטע.

לאַקריס, וואָס האט זיך לעצטנס געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקן פאַרשוין האָט געענטפערט פאַמעלעך און ערנסט:

— איך וועל עס אייך דערקלערן. זיי זענען רעפּובליקאַנער. זיי זענען אָבער קודם-כּל פּאַטריאָטן. זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאַר אַ פּאַטריאָט, וואָס האָט נישט געדענקט ווי זיי, וואָס האָט אַנדערע באַגריפן וועגן געוויסע נישט גאָר וויכטיקע פראַגן. זייער האַנדלונג פאַרשאַפט זיי כּבוד, און איך גלויב, אַז איר וועט מיט מיר מסכּים זיין.

— געוויס, איך בין מסכּים. איר מוזט אָבער מודה זיין, אַז זיי זענען נישט איבעריק אינטעליגענט.

— נישט איבעריק אינטעליגענט... — האָט לאַקריס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, — נישט איבעריק אינטעליגענט. איך זאָג דאָך נישט, אַז זיי זענען אַזוי אינטעליגענט, ווי...

ער האָט בחנם געזוכט אין זיין מוח דעם נאָמען פון אַן אינטעליגענטן מענטשן. אפּנים, ער האָט נישט געקענט געפינען אַזאַ מענטש צווישן זיינע פריינד, און אפשר האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען, אָדער ער האָט בכּיוון נישט געוואָלט ברענגען קיין ביישפּיל. ער האָט דעם זאַץ נישט דערענדיקט, און ביין צוגעגעבן:

— איך פאַרשטיי אָבער פאָרט נישט, פאַרוואָס איר מאַכט פון זיי אַ באַרג אַש?

— חס וחלילה. איך האָב נישט בדעה זיי צו דערנידריקן. איך וויל בלויז זאָגן, אַז זיי זענען נישט אַזוי אינטעליגענט, ווי אייערע מאָנאַרכיסטישע און קאַטוילישע וויילער, וואָס האָבן צוליב אייך זיך פאַראייניקט מיט די פּאַטערס. זיי טאַקע האָבן געוווסט, וואָס זיי האָבן געטון.

עס איז אייער חוב און עס ליגט אויך אין אייער אייגענעם אינטערעס צו אַרבעטן לטובת זיי. איינמאָל, ווייל זיי טראַכטן ווי איר און צווייטנס, ווייל זיי, די גוטע פּאַטערס, קאָן מען נישט פירן ביי דער נאָז, ווי למשל די איבעריקע נאַרישע וויילער.

— אַ טעות, אַן אומגעהייערער טעות! — האָט זשאָזעף

לאַקריס אויסגערופן. — מ׳זעט באַלד, מיין טייערער. אַז איר קענט נישט דעם ווילער. איך אָבער קאָן אים זייער גוט! די שוטים קומט גאָר נישט אָן אזוי גרינג אָפּצונאַרן. ס׳איז טאַקע אמת, אַז זיי לאָזן זיך נאַרן. יעדן אויגנבליק נאַרן זיי זיך אַליין. מען קאָן זיי אָבער נישט אַלעמאָל פירן פאַר דער נאָז...

— דאָך! דאָך! פונדעסטוועגן נאַרט מען זיי אָפּ, מ׳דאַרף בלויז וויסן, ווי דאס צו טון.

— גלויבט נישט אין דעם — האָט לאַקריס אויפריכטיק פּראָטעסטירט.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— איך וויל זיי איבריקנס אויך נישט מאַכן צו נאַר.

— ווער זאָגט דען, אַז איר ווילט זיי מאַכן צו נאַר? מען דאַרף זיי באַפרידיקן און איר קאָנט עס אויך טון פאַר שיטער געלט. איר קענט זייער ווייניק דעם פּאַטער אדעאָדאַ. דאָס איז אַ באַשיידענער מאַן, וואָס קאָן אייך אָבער דינען מיט אַ גוטער עצה! ער וועט זיינע בײדע הענט אַריינשטעקן אין די אַרבל און זיך ווענדן צו אייך מיט אַ שמייכל:

„הער געמיינדע-פאָרשטייער. זעט צופרידנצושטעלן אייער מערהייט. מיר וועלן אויף אייך גאָרנישט האָבן קיין פּראַיבל, ווען איר וועט אַריינטראָגן א פאָרשלאַג פאַר דער אַבסאָלוטער פאַרזיכערונג פון די בירגערלעכע און מענטשלעכע רעכט, אדער קעגן דער איגטערוועגן פון קלער אין פּאָליטישע ענינים.

„אויף די עפנטלעכע זיצונגען טראַכט אויסשליסלעך וועגן אייער רעפּובליקאַנישע ווילער און זייט מיט אונז אויף די קאָמיסיעס. די פּרוכטבאַרסטע אַרבעט ווערט אָפּגעטון רויק און שטילערהייט. אויב די מערהייט פון געמיינדע-ראַט וועט זיך טיילמאָל אַרויסווייזן אַלס אַנטיקלעריקאַל, איז עס נאָך אויך אַ רעה, וואָס מיר וועלן זי איבערהאַלטן מיט געדולד.

„דערפאַר איז אָבער זייער וויכטיק, אַז די קאָמיסיעס זאָלן זיין באַהערשט פון אַ טיפן רעליגיעזן גייסט. זיי וועלן זיין מעכטיקער פון גאַנצן געמיינדע-ראַט, וואָרים אָן אַקטיווע, געשלאָסע

נע מינדערהייט האָט אַלעמאָל די אויבערהאַנט איבער אַ שוואַכער און אומאַנטשלאָסענער מערהייט".

מיט די רייד וועט דער פּאַטער אַדעאַדאַ זיך ווענדן צו אַיין. טייערער הער לאַקריס, ער צייכנט זיך אויס מיט אַ וואונדערבאַרער געדולדיקייט און נשמה־רייכקייט.

בעת אונזערע פריינד קומען צו אים צו גיין און קלאָגן זיך פאַר אים שטאַרק אויפגערעגט: „אָ! פּאַטער מיינער! די מאַסאָנען גרייטן שוין ווידער צו נייע שול און פאַראיין־געזעצן. דאָס איז אומדערהערט און שרעקלעך!" — דעמאָלט שמייכלט ער בלויז און ענטפערט זיי גאָרנישט. ער ענטפער'ט זיי נישט, אָבער אין האַרצן טראַכט ער מסתמא:

„מיר האָבן שוין איבערגעלעבט ערגערע צייטן. מיר האָבן שוין איבערגעלעבט די יאָרן 1789 און 1793, די אונטערדריקונג פון די רעליגיעזע קערפּערשאַפטן און די קאָנפיסקאַציע פון קירכלעכן פאַרמעגן, און צי מיינט איר, אַז בעת דער קריסטלעכער מאָנאַרכיע זענען מיר אַלעמאָל געווען זיכער מיט אונזער פאַרמעגן און עשירות? איר קענט נישט די פראַנצויזישע געשיכטע.

„אונזערע רייכע פונדאַציעס, אונזערע שטעט און דערפער, אונזערע קנעכט, אונזערע פעלדער און מילן, אונזערע וועלדער און טייכן, אונזערע ספּעציעלע רעכט און פּריווילעגיעס זענען אַלעמאָל געשטאַנען ווי אַ דיין אין האַלז פון אונזערע מעכטיקע שונאים, די פירשטן, בישאָפן און קיניגן. מיט דער שווערד אין האַנט אָדער פאַר די טריבונאַלן האָבן מיר געמוזט זיך ווערן, הייבט צוליב אַ פעלד אָדער אַ שאָסיי, מאָרגן צוליב אַ שלאָס אָדער אַ תליה.

„כדי צו שיצן אונזערע פאַרמעגנס פאַר דער רויבגיריקייט פון דער וועלטלעכער מאַכט, האָבן מיר צו יעדער רגע געמוזט פּראָדוצירן אַלטע פּריווילעגיעס פון קלאָסטער און דאַגאָבער, וואָס ווערן איצט אין די רעגירונגס־שולן אָפּגעפרעגט און אָפּגעלייקנט פון דער אַפּיקורסישער וויסנשאַפט.

„גאַנצע טויזנט יאָר האָבן מיר זיך געמוזט ווערן קעגן דער שווערער האַנט פון די מלכים. עס זענען קוים דרייסיק יאָר פאַרביי, ווי מיר קעמפן קעגן דער רעפּובליקאַנישער יוסטיץ און ס'זענען נאָך פאראַן מענטשן, וואָס גלויבן, אַז מיר זענען מיד און פאַלן פון די כוחות!

„ניין: מיר זענען נישט איבערגעשראָקן, מיר זענען אויך נישט געפאַלן ביי זיך. מיר פאַרמאָגן גרויסע געלט-אוצרות און אומבאַוועגלעכע גיטער. דאָס איז דאס פאַרמעגן פון די אָרעמע לייט, און כדי עס צו דערהאַלטן און צו פאַרמערן, רעכענען מיר אויף דער הילף פון צוויי כוחות, וואָס האָבן אונז נאָך קיינמאל נישט אָפּגענאַרט: די הילף פון הימל און די פּאַרלאַמענטאַרישע אָנמעכטיקייט".

דאָס זענען די געדאַנקען, וואָס פאָרעמען זיך אויס זהינטערן גלאַטן שאַרבן פון פּאָטער אַדעאָדאַ. לאַקריס, איר ענט געווען דער קאַנדידאַט פון פאטער אַדעאָדאַ. איר זענט אַדאַנק אים אויסגעוויילט געוואָרן. זעט זיך מיט אים, ער איז אַ גרויסער פּאָליטיקער. ער וועט אייך געבן נישט איין גוטע עצה, פון אים וועט איר זיך לערנען ווי צופרידנצושטעלן דעם וורשטן-הענדלער, וואָס איז אַ רעפּובליקאנער און צו געווינען דעם צוטרוי פון שירם-הענדלער, וואָס איז א פריידענקער. זעט אייך מיטן פּאָטער אַדעאָדאַ, באַזוכט אים איינמאָל און נאָך אַמאָל.

— איך האָב אָפט מיט אים גערעדט, — האָט זשאָזעף לאַקריס געזאָגט. — ער איז באמת זייער אַ קלוגער מאַן. די דאָזיקע פרומע פּאָטערס זענען רייך געוואָרן פשוט מיט אַ חידושלעכער שנעלקייט. זיי טוען אויף זייער פיל גוטס ביי אונז אין קווארטאַל.

— זייער פיל גוטס, — האָט אַנרי לעאָן איבערגעחזרט זיינע רייד, — דער אומגעהייערער פירקאַנט, וואָס געפינט זיך צווישן דער גאַס דע גראַנד עקיורי, דעם פּאַלאַץ פון באַראָן גאָלסבערג און דעם אויסערלעכן בולוואַר, דאָס אַלץ געהער צו

דיק רפומע פּאַטערס, זיי פּאַרווירקלעכן פּאַמעלעך און געדולדיק אַ גיגאַנטישן פּלאַן.

אין אייער באַצירק, הער לאַקריס, האָבן זיי בדעה אויפצובויען אַ נייעם לורד, אַ ריזיקע באַזיליקע, וואָס זאָל יאָר־יערלעך צוציען מיליאָנען עולי־רגל. בינו לבינו בויען זיי הייזער אויף זייערע פּלעצער.

— איך ווייס עס גאַנץ גוט, — האָט לאַקריס געזאָגט.

— מיר איז עס אויך באַקאַנט, — האָט זיך אָנגערופן פרעמאָן. — איך בין באַקאַנט מיט זייער אַרכיטעקט. דאָס איז פלאַרימאָן, אַ מערקווערדיקער מענטש. איר ווייסט דאָך מן־הסתם, אַז די פרומע פּאַטערס אָרגאַניזירן פּילגער־עקסקורסיעס אין פראַנקרייך און קיין אויסלאַנד.

פלאַרימאָן באַגלייט די עולה־רגל בעת זייערע באַזוכן אין די קאַטעדראַל־קירכעס. מיט זיינע צעשויבערטע האָר און פּיינער, זיידענער באָרד דערמאַנט ער די מויערער־מייסטער פון דרייצנטן יאָרהונדערט, ער באַטראַכט די קירך־טורעמעס און גלאָקן מיט התלהבותדיקע בליקן. ער דערקלערט די דאַמען די באַדייטונג פון שפּיץ־בויגן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קריסטלעכער סימבאָליק.

מיט טרערן אין די אויגן באַרעכנט ער די ווידערשטאַנדספעיקייט פון די מויערער. בעת ער זיצט ביים טיש אין דער געזעלשאַפט פון מאַנאַכן און עולה־רגל, איז זיין פּנים און זיינע הענט אינגאַנצן גרוי און באַשטויבט פון די אַלטע מויערן, וואָס ער האָט געדריקט צום האַרצן; ער שטראַלט אינגאַנצן פון אַ הייסן גלויבן.

ער דערציילט זיין חלום: „אַלס פשוטער, הכנעהדיקער אַרבעטער וויל ער צוטראָגן זיין שטיין צום נייעם מקדש, וואָס וועט דויערן טויזנטער יאָרן". און בעת ער קערט זיך אום קיין פּאַריז, בויט ער אויס עלנטע הייזער פון שלעכטן צעמענט און צעשפּאָלטענע ציגל, וואָס וועלן קוים צוואַנציק יאָר עקזיסטירן.

— זיי דאַרפן טאַקע נישט דויערן מער, ווי צוואַנציק

יאָר, — האט אים אַנרי לעאָן איבערגעריסן. — דאָס זענען טאָקע די געביידעס, וואָס כ'האָב נאָר וואס דערמאַנט. אַ געווּיסן טאָג וועלן זיי אפטרעטן זייער פּלאַץ פאַר אַ ריזיקער באַזיליקע פון הייליקן אַנטוען. נאָך אין פופצן יאָר אַרום וועט די גאַנצע געגנט, ווו זשאָזעף לאַקריס איז אויסגעוויילט געוואָרן, אַריבער־גיין אין רשות פון די פרומע פאָטערס.

מאַדאַם דע באָנמאָן האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען דעם גראַף פּאַן פראַן אָרעם.

— איר וועט מיר מוחל זיין, ס'איז מיר שווער זיך אָפּ־צורייסן פון מיינע ענינים... עס איז אַלעמאָל פאַרבונדן מיט אַ געוויסער געפאַר אויסצובאָרגן עפּעס פון שטוב... מ'האָט בלויז אומאַנגענעמלעכקייטן... אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער טובה פון פאָטערלאַנד... דאָס פאָטער־לאַנד איז פריער פאַר אַלץ. איר וועט צוזאַמען מיטן ה' פרעמאָן אויסקלייבן אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַר דער אויסשטעלונג.

קאָווע האָט מען דערלאַנגט אין קליינעם זאַל. „זילבער־פיסל" האט זיך געזעצט ביים קלאַוויר. ער האט אָנגעהויבן צו זינגען אייניקע לידער פון דער רעסטאַווראַציע־עפּאָכע, וואָס פלעגן אַלעמאָל זייער שטאַרק אויסנעמען אין די אַריסטאָקראַ־טישע סאַלאָנען.

ער האָט געזונגען מיטן ניגון פון אַן אַלט מיליטעריש לידל:

אויפן ערן־פעלד, געטראָפן פון אַ שטאַרבלעכער קויל
האָט געגוסט דער העלדישע באַיאַר.
און אַ פלאַמענדיקער שטאָלץ האט באַהערשט
זיין נשמה,
וואָס ער שטאַרבט פאַר זיין געבוירן־לאַנד.
און זיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט:
„אָ, איך האָב נישט קיין צער, וואָס איך גיי פון
דער וועלט.
זייט מקנא מיין גורל, אָ מענטשן!

ווייל ביזן לעצטן טראָפּן בלוט
האָב איך געדינט מיין קיניג,
מיין מיידל און מיין פאָטערלאַנד"!

שאַסאָן דעז'עגיו, פּרעזידענט פון נאַציאָנאַליסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט, האָט זיך דערנענטערט צו זשאָזעף לאַקריס:

— מיין טייערער, ס'איז אַלזאָ באַשלאָסן, מיר הייבן אָן דעם פערצנטן יולי?

— אַ געמיינדע-ראַט, — האָט לאַקריס ערנסט געענטפערט, — קאָן נישט אָרגאַניזירן עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס. דאָס געהער נישט צו זיינע אַטריבוטן. אָבער אויב אַ מאַניפעסטאַציע זאָל ספּאָנטאַניש..

— מיר האָבן ווייניק צייט, די געפאַר איז גרויס, מען דאַרף עפּעס טאָן; — האָט שאַסאָן-דעז'עגיו זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע; ס'האָט אים געדראָט די געפאַר אויסגעשלאָסן צו ווערן פון זיין קלוב. הוץ דעם איז קעגן אים אַריינגעטראָגן געוואָרן אין געריכט אַ קרימינעלע אָנקלאַגע.

— רעגט אייך נאָר נישט אויף, — האָט אים לאַקריס באַרויקט. — מיר זענען צאָלרייך און מיר האָבן געלט.

— מיר האָבן אַסך געלט, — האָט שאַסאָן-דעז'עגיו מאַכיאַוועל איבערגעחזרט.

— וועלן ווערן געמאַכט מיט געלט און מיט אָנהעגער, — האָט לאַקריס ווייטער גערעדט. — אין צוואַנציק חדשים ארום וועלן מיר איבערנעמען די מאַכט און מיר וועלן זי האַלטן אין אונזערע הענט גאַנצע צוואַנציק יאָר.

— יאָ, אָבער ביז דעמאָלט..! — האָט שאַסאָן-דעז'עגיו אַ זיפץ געטון, און זיינע קיילעכדיקע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַן אַ שיעור שרעק פאַר דער אומזיכערער צוקונפט.

— ביז דעמאָלט, — האָט לאַקריס געענטפערט, — וועלן מיר באַאַרבעטן די ראָווינץ. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן.

— עס וואָלט אַ סך בעסער געווען איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף, — האָט שאַסאָן-דעז'עגיו דערקלערט מיט אַן איבערצייגנ-

דיקן טאָן. — מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז די איצטיקע רע־גירונג פון פּאַראַט זאָל דעזאָרגאַניזירן די אַרמעע און פּאַראַליזירן די נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג.

— דאָס איז קלאָר, — האָט זשאַק דע קאַד זיך אַרייינגע־מישט אין געשפּרעך, — הערט מיך אויס. מיר וועלן רופן: זאָל לעבן די ארמעע!

— כ'גלויב דיר, — האָט זיך אָנגערופן דער יונגער דעליאָן.

— לאָזט מיך קומען צום וואָרט. מיר וועלן רופן: „זאָל לעבן די אַרמעע!” דאס איז אונזער פעלדרוף. אויב די רע־גירונג רופט אָפּ די נאַציאָנאַליסטישע גענעראַלן און נאָמינירט אויף זייער אָרט רעפּובליקאַנער, קענען מיר שוין מער נישט רופן: „זאָל לעבן די אַרמעע!„

— פאַרוואָס? — האט דער יונגער דעליאָן זיך גע־וווּנדערט.

— ווייל דעמאָלט וואָלטן מיר באַדאַרפט צו רופן „זאָל לעבן די רעפּובליק!” דאָס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג!

— דערפאַר האָבן מיר נישט וואס מורא צו האבן, — האט זשאָזעף לאַקריס געזאָגט, — די אָפיצירן זענען מיט אונז. אויב דעם מיניסטעריום פון פּאַראַט זאָל געלונגען אויף־צען העכערע אָפיצירן אַריינצופירן איין רעפּובליקאַנער, וואָלט דאס געווען ממש עק־וועלט.

— דאָס וואלט געווען זייער נישט באַקוועם, — האָט דע קאַד געזאָגט, — ווארים מיר זענען איצט געצוווּנגען צו שרייען: „זאָל לעבן ניין צענטל פון דער אַרמעע!” און דאָס איז אביסל צו לאַנג אויף אַן אויסרוף.

— זייט רויק, — האט לאַקריס געזאָגט, — בעת מיר רופן „זאָל לעבן די אַרמעע!” ווייסן אלע גאַנץ גוט, אַז דאָס באַ־דייט: „זאָל לעבן מעראַסיע!”

„זילבער־ביסל”, וואָס איז געזעסן ביים קלאַוויר האָט געזונגען:

זאָל לעבן דער קיניג! זאָל לעבען דער קיניג!
ס'איז אַ מנהג ביי אונזערע אַלטע מאַטראָזן,
אַז ווען אַ שיף גייט זיי אונטער,
טראַכט קיינער נישט וועגן זיין אייגענעם גורל
און יעדער פון זיי שרייט אויס מיט קראַזש:
זאָל לעבן דער קיניג!

— דער פּרעזידענט יולי, — האָט שאַסאָן דעזשעגיו ווידער אָנגעהויבן פון דאָס-ניי, — וואָלט געווען אַן אויסגעצייכנטער טאָג אויף אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד. די מאַסע פאַרפלייצט דעמאָלט די גאַסן, די עלעקטריזירטע מאַסע, וואָס קערט זיך אום פון דעם פּאַראַד און מאַכט יובל-אויסגעשרייען לכבוד דער אַרמעע!... אין דעם טאָג קאָן מען ביי אַ געוויסן מעטאָד זייער פיל אויפטון. מ'קאָן אויפטרייסלען די מאַסן.

— איר האָט אַ טעות, — האָט אַנרי לעאָן זיך אָנגערופן, איר קענט נישט די פּסיכאָלאָגיע פון המון. דער גוטער נאַציאָנאַליסט, וואָס קערט זיך אום פון אַ מיליטערישן פּאַראַד, האַלט איין קינד אויף דער האַנט און אַ צווייטס פירט ער ביי דער זייט. זיין ווייב באַגלייט אים, און אין אַ קיישל טראָגט זי אַ ברייטל, אַ ווורשטל און אַ פלאַש וויין. פּרוווט אַדרבא אויפצעבונטעווען דעם דאָזיקן פאַרשוין מיט זיינע צוויי פּיצלעך-קינדער, זיין פרוי און דעם פאַמיליען-פרישטיק!...

וויסן זאָלט איר, אַז דער המון ווערט געטריבן צו אַקטיווע האַנדלונג פון גאַנץ איינפאַכע אידעען-פאַרבינדונגען. איר וועט אים בשום אופן נישט צווינגען צו מאַכן אַן אויפשטאַנד אין אַ יום-טוב-טאָג. די ראַקעטן און בענגאַלישע פייערן זענען גורם, אַז דער המון זאָל באַהערשט ווערן פון פרידלעכע און פריילעכע אידעען.

דער פאָלקס-מענטש זעט דורך די פענצטער פון די שענקן אַ שורה כינעזישע לאַמטערן און אַן עסטראַדע, דעקאָרירט מיט קאָלירט פּאַפּיר, און עס ווילט זיך אים טאַנצן. אויב מ'וויל מאַכן אַ פאַרשווערונג אויף דער גאַס, מוז מען אויפפּאַסן דעם פּסיכאָלאָגישן מאָמענט.

— איך פארשטיי נישט, — האָט זשאַק דע קאַר געזאָגט.

— באמיט אייך מיך צו פארשטיין, — האָט אנרי לעאָן אים געענטפערט.

— איר האלט, אז איך בין נישט אינטעליגענט?

— וואָס פארא איינפאל!

— אויב איר מיינט עס ערנסט, זאָגט עס מיר בעסער אין די אויגן, איך וועל מיך נישט פילן באליידיקט. איך רעד מיר נישט איין, אז איך בין אינטעליגענט. איך האָב שוין פריער באמערקט, אז גראָד די אזוי גערופענע אינטעליגענטן באקעמפן אונזערע אידעען, אונזערע גלויבענישן און בכלל וואָלטן זיי געוואָלט צעשטערן אלץ, וואָס ס'איז אונז טייער. איך וואָלט דעריבער געהאַט שטארק עגמת-נפש, ווען איך וואָלט אויך געווען איינער פון זיי, כ'וויל שוין ליבער זיין א שוטה, טראכטן ווי איך פארשטיי און בלייבן ביי מיין גלויבן.

— איר זענט פולשטענדיק גערעכט, — האָט לעאָן געזאָגט. — לאָמיר פארבלייבן אזעלכע, ווי מיר זענען, און אויב מיר זענען נישט קיין שוטים, דארפן מיר לכל-הפחות מאכן דעם אָנשטעל פון אזעלכע. א שוטה האָט דעם גרעסטן דערפאָלג אויף דער וועלט. דווקא די גייסטרייכע מענטשן זענען שוטים. זיי טוען גאָרנישט אויף.

— גאָלדענע ווערטער, — האָט אויסגערופן זשאַק דע קאַר „זילבער-פיסל" האָט ווייטער געזונגען:

לעבן זאָל דער קיניג! דאָס איז דער לאָזונג
פון יעדן אמתן פראנצויז.
לעבן זאָל דער קיניג! די דאָזיקע ווערטער
קלינגען פאר יעדן פון אונז ווי א באַפעל.

— איר טוט נישט גוט, לאַקרים, — האָט שאַסאָן דעז'אַגיי זיך אָפּגעהאלטן ביי דאָס זייגיקע — וואָס איר מיידט אויס רעוואָלוציאָנערע מיטלען: די זענען די בעסטע.

— קינדער!.. האָט אַנרי לעאָן זיך אָנגערופן. — מיר האָבן

איין איינציק מיטל, און דאָס דאָזיקע מיטל איז דאָס מעכטיקסטע און פּאָסיקסטע. דאָס איז דער דרייפוס-פּראָצעס, מיר נאַציאָנאַ-ליסטן, טאָרן עס נישט פאַרגעסן: מיר פאַרדאנקען אים אונ-זער עקזיסטענץ, אונזער אַנטוויקלונג און אויפבלי. דער פּראָצעס האט אונז געשטעלט אויף די פיס און ער אליין האלט אויף אונזער עקזיסטענץ. צוזאַמען מיט דער ליקווידאציע פון פּראָצעס וועלן מיר אויך אונטערגיין.

לאמיר אלזא מאכן דעם אנשטעל, ווי מיר וואָלטן גע-שטרעבט בטל צו מאכן דעם פּראָצעס, בעת אין דער אמתן מוזן מיר אים פלעגן און אָן אויפהער צו ומגיין ארום אים. די עפנטלעכע מיינונג איז נאַיוו, און דאָס איז פאַר אונז זייער אַ גרויסע מעלה. ווען די מענטשן וועלן זעען, ווי מיר פּאָרען זיך ארום דער דאזיקער פלאנץ, וועלן זיי מיינען, אַז מיר ווילן זי אויסרייסן מיטן וואָרצל.

און מ'וועט אונז נאך בענטשן פאַר אונזער טרחה. קיינעם וועט צומאָל נישט איינפאלן, אז אין דער אמתן קולטיווירן מיר גאָר די דאָזיקע פלאַנץ מיט אסך ליבע און התמדה. איצט אין סאַמע ברען פון דער אויסשטעלונג האָט די פלאַנץ נאך אויפגעבליט. און די דאָזיקע נארישע מענטשן האָבן גאָר נישט באמערקט, אז דאָס אלץ איז געשעען אדאַנק אונזער מי.

„זילבער-פיסל" האָט בינו לבינו געזונגען:

— לאָמיר אַלע זינגען, אָפיצירן און סאָלדאַטן:

איך
זשארניגוא!
כ'בין דער זעלנער פון קיניג,
איך שטאָלציר דערמיט אָפן, און פראנק און פריי.

— וואָס פאַרא שיין לידל, — האָט די באַראָנעסע דע באנמאָן שטיל געשעפטשעט, די אויגן דערהאַלב צוגעשלאָסן.

— יאָ, — האָט „זילבער-פיסל" געענטפערט און געשאָקלט מיט זיינע צעשויבערטע קודלעס. — דאָס לידל הייסט: „דער זעלנער

פון קיניג". ס'איז א קליין מייסטער-ווערק. ס'איז באמת געווען פון מיין זייט ... געלונגענער געדאַנק אויפצוגראָבן פון קבר די אַלטע מאָנאַרכיסטישע לידער פון דער רעסטאַווראַציע-עפּאָכע.

איך
זשאַרניגוואַ
כ'בין דער זעלנער פון קיניג.

און א קלאַפּ טוענדיק מיט זיין ריזיקער האַנט איבערן קלאַוויר, ווי ער האָט אָוועקגעלייגט זיין רויזן-קראַנץ און מע דאַלן, האָט ער אויסגערופן:

— ביי גאָט!... לאַקריס, רירט אייך צו צו מיין רויזן-קראַנץ. ער איז געבענטשט פון אונזער הייליקן פּאָטער, דער פּויפּסט.

— אַלץ איינס, — האָט איבער שאַסאַן דעז'עגיו איבער־געשלאָגן די רייד, — מיר מוזן מאַניפעסטירן איבער די גאַסן, די גאַס איז מיט אונז. אַלע דאַרפן עס וויסן. לאָמיר דעם פּער־צנטן גיין קיין לאָנשאַן!...

— איך גיי מיט, — האָט זשאַק דע קאָד געזאָגט.

— איך אויך, איך אויך, — האָט אויסגערופן דעליאָן.

— אייערע מאַניפעסטאַציעס וואָלטן געווען דער גרעסטער אומ־זין,—האָט פּלוצלינג זיך אָנגערופן דער יונגער באַראָן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן.

ער איז געווען געוואוינט רייך, כדי זיך צו קענען דערלויבן אויפן לוקסוס נישט צו געהערן צו קיין שום פּאַרטיי.

ער האָט צוגעגעבן:

— דער נאַציאָנאַליזם וואַרפט אויף מיר אָן א מרה־שחורה.

— ערנעסט! — האָט די באַראָנעסע געזאָגט מיט א מו־טערלעכן פאָרוואורף.

—דאָס איז דער ריינער אמת, — האָט ערנעסט זיך גע־

האַלטן ביי דאָס זייניקע, —אייערע מאַניפעסטאַציעס זענען לצנישע שטיק.

דער יונגער דעליאַן, וואָס איז אים שולדיק געווען געלט און שאַסאַן דעזשעגיו, וואָס האָט געוואָלט באָרגן ביי אים אַ סו-מע געלט, האָבן געהאַלטן פאַר גלייכער נישט אַנצוהייבן מיט אים.

שאַסאַן האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, ווי ער וואָלט גע-ווען אַנטציירט פון באַנמאַנס רייד און דעליאַן אַט אפילו גע-פונען אַ פּאַסיק וואָרט:

— איך וויל עס נישט פאַרלייקענען. אַבער וואָס איז דען אויף אַזאַ אופן נישט שרעקלעך לאַנגווייליק?

די דאָזיקער געדאַנק האָט געצוווּנגען דעם יונגן באַראָן זיך צו פאַרטראַכטן, ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך האָט ער געזאָגט אין אַן אויפריכטיק-מעלאַנכאָלישן טאָן:

— אמת! אַלץ איז לאַנגווייליק.

און ער האָט אַ פאַרטראַכטער צוגעגעבן.

— אָט למשל די אומגעריכטע עקספּלאָזיעס אין מאָטאָר. מ'בלייבט שטעקן דאָרט, ווו מ'האָט גאָרנישט געהאַט בדעה צו פאָרן, נישט דערפאַר, איר זאָלט באַדויערן, וואָס איר האָט זיך פאַרשפּעטיקט... דאָס איז נאָך נישט אַזוי געפערלעך...

אַנומלט בין איך גאַנצע פינף שעה געבליבן שטעקן אויפן וועג צווישן מאַרווי און בולאַי. איר קענט אפשר יענע געגנט? דאָס איז פאַר דרע, קיין הייזל, קיין בוים, קיין בערגל, אַלץ אַרום איז פלאַך, געל, קיילעכדיק, און איבער אייך הענגט אַראָפּ אַן אומעטיקער הימל, ענלעך צו אַן אומגע-הייערן קלאָש.

אין אַזעלכע ערטער פילט מען זיך פּשוט עלטער מיט צען יאָר. איבריקנס, ס'איז אַלץ איינס, איך וויל איצט אויס-פּרובירן אַ נייעם סיסטעם... זיבציק קילאָמעטער אַ שעה... די מאַשין גליטשט זיך פּשוט... אפשר פאָרט איר מיט מיט מיר דעליאַן? כ'פאָר היינט אין אָוונט.

XXVI

— די טריובליאַנס אינטערעסירן מיך וואָס אַמאָל מער, — האט ה׳ בערזשערע זיך געווענדעט צו זיין תלמיד גובען. — צו מיין גרעסטן פאַרגעניגן האָב איך אינם אינטערעסאַנטן בוך פון ניקאָל לאַנזשעליע, אַנטדעקט נאָך אַ קאַפּיטל, וואס האט אַ שייכות מיט די דאזיקע עלנטע באַשעפענישן. צי געדענקט איר נאָך דעם אינהאַלט פון ערשטן קאַפּיטל, ה׳ גובען?

ה׳ גובען האט געענטפערט, אַז ער קאָן עס פון אויסנווייניק.

— ס׳קומט אייך דערפאַר אַ שבח, — האט ה׳ בערזשערע געזאגט, — איך וועל אייך באַלד איבערלייענען דאָס צווייטע קאַפּיטל, וואָס וועט אייך געפעלן נישט ווינציקער פונם ערשטן.

און ה׳ בערזשערע האט אָנגעהויבן צו לייענען:

„וועגן גרויסן ליאַרם און טומל, וואָס די טריובליאַנס האָבן געמאַכט און וועגן דער שיינער רעדע, וואָס ראָבען דער האָניגזיסער האָט פאַר זיי געהאַלטן.

און די טריובליאַנס האָבן דעמאָלט געמאַכט אזא שרעקלעכן ליאַרם און טומל אין שטאָט און

אויף דעם אוניווערסיטעט. און יעדער פון זיי האט גענומען אַ לעפל און אָנגעהויבן צו קלאַפּן איבער די אייזערנע טעפּ, וואָס רופן זיך אויף זייער שפּראַך „טריובליאָ"; און אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מעלאָדישן קאָנצערט.

„און זיי זענען ארומגעלאָפן איבער די גאַסן פון שטאָט און געשריגן: „אַ טויט די פּאַררעטער און אויסוואַרפן!" קויפט נישט ביי די יידן און אין די לאָמבאַרדן! לאַנג לעבן זאָל טענטענאַבאָל!" זיי האָבן זיך באַוואָפנט מיט שיס-געווער און שווערדן, וואָרים זיי זענען געווען איידל-געבוירענע לייט.

„זיי האָבן אויך געטראָגן גראָבע שטעקנס און בכלל זיך אויפגעפירט, ווי איידעלע פּרינצן, וואָס שלאָגן מיט די פויסטן און שפּאָרן נישט קיין איבריקן קלאַפּ טיט די הענט; שמועסן פלעגן זיי בלויז וועגן שפּאַלטן קעפּ און ביימער און גערעדט האָבן זיי אין אַ לשון, וואָס איז געווען אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו זייערע געדאַנקען. זיי האָבן געטון אַזוי, ווי זיי האָבן גערעדט, ווען ס'האָט זיך נאָר געמאַכט אַ גינסטיקע געלעגנהייט.

„און מחמת דעם, וואָס זיי זענען געווען פּשוטע, גראָבע מענטשן, האָבן זיי געהאַט וועגן זיך זייער אַ געהויבענע מיינונג, און געהאַלטן, אַז חוץ זיי איז קיין בעסערע מענטשן אויף דער וועלט נישטאָ.

„און געווען זענען צווישן זיי שיינע און הויכגעבוירענע דאַמען, וואָס האָבן מיט אַסך חן און מיט ליבלעכע ווערטער אונטערגעהעצט די לייכטזיניקע טריובליאָנס אויסצושעכטן, אויסצוראָטן און צו פּאַרטיליקן אַלץ, וואָס האָט נישט געהאַט מיט זיי קיין שום שייכות. דאָס דאָזיקע דאַרף איך

לחלוטין נישט פארחידושן, איר וועט דערפון ארויסדרינגען בלויז, אז די ווייבער זענען פון דער נאטור נוטה צו גרויזאמקייטן און אכזריותדיקייטן, און זיי באוואונדערן גערן דעם שטאלצן מוט פון די קריגסלייט.

„דאס דאזיקע קאן מען אויך ארויסלייענען פון די פארצייטיקע מעשות, ווי ס'ווערט פארציילט, ווי דער גאט מארס איז ליידנשאפטלעך געליבט געווארן פון וועגוס און אנדערע געטינס, ווי אויך פון שטערבלעכע פרויען. און אפאללא ווידער, וואס האט אזוי שיין געשפילט אויף דער פידל, האט צומאל נישט נושא חן געווען ביי די נימפעס און קאמערדינעריגס.

„און אין שטאט איז נישט פארגעקומען קיין איין פראצעסיע, קיין איין פייערלעכקייט אדער לוידה, אז דערביי זאלן די טריובליאנס נישט שפאלטן די קעפ אדער די בייכער א צווי דריי ארעמע לייט און איבערלאזן זיי האלב-טויטע אדער אינגאנצן טויט אינמיטן גאס.

„און א מאדנער מנהג איז געווען ביי די טריובליאנס; באלד ווי די טריובליאנער באנדעס פלעגן פארלאזן דעם פלאץ, פלעגט מען די שווער-פארוואונדעטע אוועקטראגן צו די אפטייקערס. און טאקע צוליב דער אדער אנדערער סבה, האבן אלע אפטייקערס אין דער שטאט געהערט צו דער טריובליאן-פארטיי.

„און אין יענער צייט איז פארגעקומען אין דער שטאט פאריז אין פראנקרייך דער גרויסער יאריד, וואס איז געווען אסך גרעסער און שענער, ווי די יארידן אין אאכען און פראנקפורט און אפילו ווי דער גרויסער יאריד אין באקער.

„און אויפן דאזיקן יאריד איז געווען אזא

אומגעהייערע שפע פון סחורות, קונסט-ווערק און איידעלע דערפינדונגען, אז אַ קלוגער מאַן מיטן נאָמען קאָרגע[illegible], וואָס האָט שוין אין זיין לעבן געזען אסך זאַכן און נישט ליב געהאַט פוסטע רייד, האָט געזאָגט:

„איך וואָלט אויפגעהערט צו עסן און צו טרינקען, און זיך אפילו אָפּגעזאָגט פון מיין חלק עולם-הבא, אבי דאָס אַלץ קענען זעען און באַטראכטן מיט די אייגענע אויגן".

„און אסך אויסלענדישע בירגער זענען געקומען אין דער שטאָט פון די פאַריזער, כדי זיך דאָרט לאָזן ווילגיין און לייכטער צו מאכן דעם בייטל. און אסך קיניגן און פרינצן זענען געקומען צו פאָרן, און באגלייט האָבן זיי אָן א שיעור גאַסן-פרויען און פריילעכע מיידלעך, וואָס האָבן געזאָגט: „וואָס פאַרא גרויסער כבוד פאַר אונז".

„גאָלדענע געשעפטן האָבן געמאכט די קרעמער סיי די קליינע און סיי די גרויסע סוחרים זיי האָבן מיט אסך ריווח פארקויפט זייערע סחורות די אויסלענדער, וואָס זענען זיך אָנגעפאָרן אויפן יאריד; גאסן-הענדלערס און מארק-שרייער האָבן אויסגעשפרייט זייערע סחורות, די שענקער און גאַסטווירטן האָבן אויסגעשטעלט לאנגע טישן, און די גאנצע שטאָט, פון איין עק ביז צום אַנדערן עק האט אויסגעזען ווי א פילפאַרביקער, רעשיקער יאַריד.

„מ'מוז אויך צוגעבן אז די טריובליאַנס מיט זייערע געזונטע פויסטן און אָפענע, צעשפרייטע מיילער, האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים גרעסטן טייל סוחרים, און אפילו די גרויסע באַנקירן האָבן געהאט פאַר זיי גרויס רעספּעקט און

שטילערהייט זיך געוווּנטשן נישט אַריינצופאַלן חס־וחלילה אין זייערע הענט.

די בעלי־מלאכות און סוחרים האָבן טאַקע ליב געהאַט די טריובליאַנס; זיי האָבן אָבער אויך ליב געהאַט זייערע סחורות און פאַרדינסטן, און מורא געהאַט, אַז די טריובליאַנס זאָלן נישט אַמאָל מיט ווילדע געשרייען זיך וואַרפן אויף זייערע פרידלעכע קראָמען, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין די גאָרטנס און בולוואַרן, און זיי באַרויבן פון זייער האָב און גוטס. חוץ דעם האָבן זיי מורא געהאַט, אַז די געוועלטטאַטן פון די טריובליאַנס וועלן אָפּשרעקן די אויסלענדער, וואָס וועלן אַנטלויפן פון שטאָט מיט פולע, נישט אויסגעליידיקטע טייסטערס.

„דעם אמת געזאָגט איז די געפאַר נישט געווען אַזוי גרויס. די טריובליאַנס האָבן טאַקע אַלעמען געדראָט אויף אַ שרעקלעכן און מוראדיקן אופן, עס פלעגט זיך אָפּט טרעפן, אַז זיי פלעגן גוט אָנברעכן די ביינער אַ צוויי דריי מענטשן ווי איך האָב אויבן דערציילט, אָבער דאָס זענען אַלץ געווען אייגענע לייט איינוווינער פון דער שטאָט. דערפאַר זענען די טריובליאַנס קיינמאָל נישט אָנגעפאַלן אויף ענגלענדער, דייטשן און אַנדערע פעלקער.

„זיי האָבן זיך בלויז צופרידנגעשטעלט מיטן אָנוואַרפן אַ מורא אויף די שטאָט־איינוווינער, און אַזוי ווי די שטאָט איז געווען זייער גרויס, האָט מען עס קוים באַמערקט. איז אָבער אויך געווען אַ מורא, אַז מיט דער צייט וועט עס זיי גאָר שטאַרק שמעקן, און זיי וועלן ווערן וואָס אַמאָל דרייסטער און געפערלעכער.

„עס האָט אויך געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק,

וואס אומעטום האט מען געזען די ברייטפלייציקע טריובליאַנס, באוואָפנט מיט שטעקנס און געביילטע פויסטן, גרייט ביי יעדער געלעגנהייט ארויסצורופן אן אוואנטורע. דאָס דאזיקע האָט לחלוטין נישט געפּאַסט פאר אזא וועלט-יאַריד, ווי דער, וואס איז דעמאלט פאָרגעקומען אין פאַריז.

„און די פאַריזער זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ביי דער איצטיקער לאגע האט עס איינגאנצן נישט קיין זין צו ליארמען און צו טומלען, ווי זיי פלעגן דאָס ביז איצט טון נאך יעדער פייערלעכקייט.

„און די בירגער האָבן אָנגעהויבן פאדערן, אז ס'זאָל איינגעשטעלט ווערן ארדנונג, און ס'האט געהערשט די אלגעמיינע מיינונג, אז ס'איז שוין דערויף די העכסטע צייט געקומען. די טריובליאָנס האָבן די דאזיקע רייד אויפגענומען בלוימיט איין אויער און אזוי געזאָגט:

„ווי קענען מיר דען לעבן צופרידן, אויב מיר וועלן פון צייט צו צייט נישט שפּאַלטן דעם קאָפּ אונזערס אַ שונא אָדער גלאָט אַזוי גוט אָנברעכן די ביינער עפּעס אַן אומבאַקאַנטן? אויב מיר וועלן לאָזן די יידן צורו, וועלן מיר אויף יענער וועלט פארלירן דעם גן-עדן. זאָלן מיר אפשר זיצן מיט פארלייגטע הענט? גאָט האט אָבער געזאָגט, אַז ווער ס'וויל לעבן מוז ארבעטן".

„דעמאָלט האט אַן אלטער טריובליאָן, מיטן נאָמען ראָבען דער האָניגזיסער, פאַרזאַמלט אַלע עלטסטע פון די טריובליאָנס. אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט און כבוד, וואָרים מ'האָט געוווּסט, אַז ער איז דורכגעטריבן, ווי אַ פוקס. ווי ער פלעגט נאָר עפענען דאָס מויל,

האָט ער אויסגעזעען, ווי אַן אַלטער העכט. ס׳האָבן אים טאַקע געפעלט אַ פּאָר פּאָדערשטע ציין, ער האָט זיי נאָך אָבער נעהאַט איף אַזוי פיל גענוג, כדי צו צערייסן קליינע פישלעך. און ער האָט גע-האַלטן צו זיי פאָלגנדע רעדע:

— הערט מיך אויס, מיינע פריינד, הערט מיך אויס, איר, בירגער פון דער שטאָט. מיר זע-נען אָרנטלעכע לייט און גוטע חברים. מיר זענען נישט קיין שוטים. מיר פאָדערן רו. כ׳וואָלט בע-סער געזאָגט: מיר ווילן רו. פרידן איז זייער א גוטע זאַך. פרידן איז אַ היילבאַרע רפואה, עס איז ווי אַ געמראַנק פון ליליען-בלומען און אנדערע קרייטעכצער. שלום איז צוקער, האָניג. איך זאָג האָניג, און צי הייס איך נישט ראָבען דער האָניג-זיסער?

„איך שפּייז מיך מיט האָניג, הלוואי ס׳זאָלן זיך אומקערן די אַמאָליקע גאָלדענע צייטן, ווען האָניג פלעגט אַראָפּרינען פון די ערוועדיקע דעמבן. איך פאַרזיכער איך, איך וויל שלום. און איר ווילט אויך שלום.״

„אַז די טריובליאַנס האָבן געהערט אַזעלכע רייד פון ראָבען דעם האָניגזיסן, האָבן זיי זיך שרעקלעך פאַרקרומט און אָנגעהויבן צו מורמלען:

„דאָס איז ראָבען דער האָניגזיסער, אונזער פריינד, וואָס רעדט אַזעלכע דבורים? ער האָט אונז שוין מער נישט ליב. ער האָט אונז פאַרראַטן. ער טראַכט, ווי אונז צו ברענגען שאָדן, אָדער ער איז נישט ביי די רעכטע געדאַנקען.

„און די בעסטע צווישן די טריובליאַנס האָבן געזאָגט:

„וואָס וויל דער דאָזיקער קרעכצנדיקער זקן? צי מיינט ער, אַז מיר וועלן אַוועקוואַרפן אונזערע

שטעקנס, שווערדן און קינזשאַלן? וואס פּראָ־
ווערט וועלען מיר האָבן, ווען ס׳וועט הערשן רו?
אויף כּפּרות. מיר טויגן זיך נאָר צו שלאָגן.
אפשר וויל ער, מיר זאָלן אויפהערן ארומצו־
רודערן?

„און ס׳האט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער
ליאַרם, און די פאַרזאמלונג פון די טריובליאַנס איז
ענלעך געווען צו אַ שטורעמדיקן און אויפגעברויזטן ים.

„דעמאָלט האט דער אלטער ראָבען דער
האָניגזיסער אויסגעשפּרייט זיינע הענט איבער זיי־
ערע קעפּ און איז אין דער רגע ענלעך געווען
צום גאָט נעפּטון, וואס באַרויקט דעם שטורעם. און
אַז ער האט באַרויקט דעם אויפגעברויזטן טריובליאַ־
נער ים און אים צוריק אריינגעפירט אין זיין
ברייט, רויק געלעגער, האָט ער ווידער אָנגעהויבן
צו רעדן, מיט פיל פאַרשטאַנד און שכל:

— כ׳בין אייער פריינד און עצה־געבער,
מיינע קליינע חברים. הערט אויס, וואס איך וויל
אייך זאָגן. איידער איך וועל ווערן אין כּעס. בעת
איך זאָג אייך: מיר ווילן פרידן, איז קלאָר, וואָס
איך וויל דערמיט זאָגן: מיר ווילן שלום מצד
אונזערע פיינד, קעגנער און די אַלע, וואָס טוען
אונז דערווידער. עס איז קלאָר, אַז איך מיין אַלע
אַנדערע, אָבער נישט אונז.

„זאָל די פּאָליציי זיין רויק, ווייל זי איז
אונז דערווידער, זאָלן אויך רויק זיין די אַלע
פּערזאָנען, וואס האבן די מאכט כּדי נישט צו דער־
לאָזן צו אומרוען. דאָס איז אויך שייך דער יוסטיץ
און די געזעצן, וואס באַדראָען אונז. מיר ווילן, אַז
די אלע וואס זענען נישט קיין טריובליאַנס, זאָלן
איינזינקען אין אייביקער רו. אַ האַר, זיי גורם,
אַז זיי זאָלן איינזינקען אין אייביקער

רויקייט! אַט דאָס דאַזיקע ווילן מיר!
„מיר פאַרלאַנגען נישט פאַר אונז קיין שלום. מיר זענען נישט פריידלעך געשטימט. בעת מיר זינגען requiescat, איז דאָס אונז נישט שייך. מיר האָבן נישט קיין חשק צו שלאָפן. אַז מ׳איז טויט, איז עס אויף אַ לאַנגע צייט. מיר, וואָס לעבן, מיר ברענגען דעם שלום צו אַ־דערע. אָבער נישט אויף דער וועלט, נאָר אויף יענער וועלט. דאָס איז זיכערסטע. איך וויל רו, בין איך אפשר אַ פּאָפּער? צי קענט איר דען נישט אייער ראַבען דעם האַניגזיסן?
„צי זענט איר, מיינע לעמעלעך, גרעסערע נאַראָנים, ווי די שול־יונגלעך, וואָס שפּילן זיך אין כאַפּע עך אין קאַץ און מויז. אַז איינער וויל דעם אַנדערן כאַפּן שטרעקט ער אויס דעם גראָבן פינגער און רופט אויס: „שלום", וואָס באַדייט וואַפנ־שטילשטאַנד, און אַז ער האָט יענעם אויף אַזאַ אופן אָפּגענאַרט, כאַפּט ער אים מיטאַמאָל אָן פאַרן קאַרק און נעמט אים געפאַנגען.
„אַזוי טו איך אויך, איך ראַבען דער האָניג־זיסער, דער פאַרשטייער פון קיניג. אויב איך האָב צו טון, ווי ס׳טרעפט זיך גאַנץ אָפט, מיט קלוגע קעגנער, דעמאָלט זאָג איך צו זיי: „פרידן מיט אייך, מיינע הערן. פּאַקס וואָביסקום!" דערנאָך נעם איך אַ פולע האַנט פולווער און אַלטע טשוועקעס, כ׳לייג עס אַרונטער אונטער דער באַנק, כ׳טשעפּע צו צו דעם אַ קנויט און כ׳האַלט אים פאַר איין עק. שפּעטער ווען זיי מיינען, אַז איך האָב פרידלעכע כוונות, נעם איך און כ׳צינד אונטער דעם קנויט, און אויב זיי פליען נישט אין דער לופטן, איז שוין דעמאָלט נישט מיין שולד. מסתמא האָבן זיי דערשפּירט אַ רויך. דערפאַר וועט מיר

אַן אַנדערש מאָל געלינגען.

„מײנע טײערע פרײנד, נעמט אײך אַראָפּ אַ מוסר פון אײערע עלטסטע, פון אײערע פירער און מלכים. צו זעט איר דען נישט, אַז טעגטעגלאַבול פאַרהאַלט זיך רויק? אין איצטיקן מאָמענט טוט ער נישט קײן האַנט אין קאַלט װאַסער אַרײן. ער װאַרט אויף אַ גינסטיקע געלעגנהײט. איר מײנט אפשר, אַז ער איז מיד? איר װײסט גאַנץ גוט, אַז ס׳איז נישט אַזוי.

„און דער יונגער טריובליאַ, צי רוט ער זיך דען אָפּ? נײן. ער װאַרט אָפּ. הערט מיך גוט אויס, עס װעט פאַר אײך פיל בעסער זײן, װען איר װעט װײזן אַ גוט און מילד פנים און אויסדריקן דעם גוטן װילן צו לעבן אין פרידן. ס׳קאָסט אײך טײ־רער? ס׳הײבט זיך גאָרנישט אָן. ס׳ברענגט אײך אויך נישט קײן ריווח.

„ליבער זאָלט איר, װאָס זענט אין תוך גע־נומען אומרויק, מאַכן דעם אײנדרוק פון מענטשן, װאָס שטרעבן צו שלום, און אַלע אַנדערע (כ׳מײן אַלע, װאָס געהערן נישט צו אונז), װאָס װילן אויף אַן אמת שלום, זאָלן זײן כסדר באַאומרויקט, בײז און קײנמאָל נישט װיסן דעם טעם פון דער מילדער און הײלזאַמער רויקײט.

„אויף אַזאַ אופן װעט פאַר אַלעמען קלאָר װערן, אַז איר װײזט אַרויס אסך התלהבות און לי־בע צום אַלגעמײנעם שלום, און דווקא נישט קײן אַנדערע, װי אײערע שונאים און קעגנער זענען עס די יעניקע, װאָס האַלטן אין אײן באַאומרויקן די שטאָט און װילן זי צעשטערן.

„ און מײנט נישט װידער, אַז דאָס דאָזיקע איז אַזוי שװער. ס׳װעט זײן, אַזוי װי איר װעט נאָר װעלן. דאָס פּובליקום װעט אײך גלויבן. זאָגט

אזוי צו זיי:

„מיר ווילן פרידן. און זיי וועלן אייך גלויבן אויפן וואָרט. זאגט אזוי, ווייל איר וועט זיי דערמיט פאַרשאַפן א פאַרגעניגן. ס׳קאָסט אייך גאָרנישט. און בעת אייערע שונאים און קעגנער וועלן יאָמערלעך אויסשטרעקן די האַנט נאָך שלום (וואָרים מ׳קאָן דאָך נישט פאַרלייקענען, אַז זיי זענען מילד, ווי די שעפּסן), וועט איר האָבן דאָס רעכט צו שפּאַלטן זיי די שאַרבנס און צו זאָגן: — זיי האָבן נישט געוואָלט קיין שלום — האבן מיר זיי דער־פאַר גוט אָנגעלערנט.

„מיר שטרעבן אָבער אויפריכטיק צו פרידן. און שלום וועט טאקע הערשן, ווען מיר וועלן האָבן די מאכט. און עס איז אַ ליבנסווערטע טאַט צו פירן קריג אין נאָמען פון שלום. איר דאַרפט בלויז שרייען: פרידן! פרידן! — און ברעכן אָן אויפ־הער די ביינער. אָט דאָס הייסט אמת קריסטלעך געהאַנדלט. פרידן! פרידן! — דער דאָזיקער פאַר־שוין איז טויט: פרידן! פרידן! — כ׳האָב דריי מענטשן געשפּאָלטן די בייכער!

„און אזוי, ווי אייערע כוונות וועלן דאָך זיין פרידלעכע, וועט מען אייך מוזן משפּטן לויט אייערע כוונות. גייט און זאָגט: פרידן! פרידן! און שלאָגט מיט די פויסטן. אַלע מאנאַסטיר־גלאָקן וועלן הויך אָנהייבן צו קלינגען צוליב אייער כבוד וועגן, וואָרים איר זענט אָנהענגער פון שלום; און די פרידלעכע בירגער וועלן פאַר־ביגיין לעבן אייערע קרבנות מיט אויפגעשני־טענע בייכער און וועלן זינגען ליבגעזאַנגען צו אייך און אזוי זאָגן: „אָט אַזוי פאַרשטייען מיר! דאָס הייסט ריכטיק געהאַנדלט! דאָס איז אַלץ אין

נאָמען פון פרידן. זאָל לעבן די באַרויקונג! אָן דעם פרידן וואלטן מיר נישט געקענט לעבן רויק אויף דער וועלט."

XXVII

די באַראָנעסע דע באָנמאַן האָט געקאַנט די אויסשטעלונג בלויז אויף אַזוי פיל, וויפיל מאָל זי האָט דאָרט געגעסן מי־טאָג. יענעם אָוונט האָט זי געגעסן אוונטברויט אין „בעל־שאָ־קאָלאַטיער", אַ שווייצאַרישער רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך, ווי ס'איז באַקאַנט, אויפן ברעג פון דער סענע.

צוזאַמען מיט איר האָבן געשפּייזט די אָנגעזעענסטע פי־רער פון קריגערישן נאַציאָנאַליזם: זשאָזעף לאַקריס, אַנרי לעאָן, זשאַק דע קאַד, גוסטאַוו דעליאָן. היג שאַסאָן דעז'עגיו און מאַ־דאַם דע גראַמאַנס, וואָס איז שטאַרק ענלעך געוועזן, ווי אַנרי לעאָן האָט עס באַמערקט, צו דעם שיינעם דינסטמיידל אויפן פּאַסטעל פון ליאָטאַר; אַ שטאַרק פאַרגרעסערטע קאָפּיע פונם פּאַסטעל האָט געדינט דעם רעסטאָראַן פאַר אַ שילד.

מאַדאַם דע באָנמאַן איז געווען פון דער נאַטור צאַרט און מילד. די ליבע, די אומבארחמנות־צדיקע ליבע האָט זי פאַר־וואָרפן צווישן ברוטאַלע קריגער. זי האָט געהאַט אַ געוויסע נשמה־קרובהשאַפט מיט אַנטיגאָנע, די העלדין אין סאָפאָקלעסנס טראַגעדיע: זי איז געווען פריי פון שנאה, און אין איר האַרץ האָט געהערשט אַלמעכטיק די ליבע.

זי האָט באַדויערט די לעצטע קרבנות. און אַזאַ קרבן איז געווען דער גענעראַל זשאַמאַן, וואָס האָט פאַר דער צייט זיך

געמוזט אָפּגעבן אין דימיסיע. דער דאָזיקער געדאַנק האָט זי דערירט ביז טרערן. זי האָט באַשלאָסן אויסצוהעפטן פאַר אים אַ קישן, ווי ער וואָלט געקאָנט אוועקלייגן זיין העלדישן קאָפּ. זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג צו מתנות, וואָס זייער גאַנצע ווערט איז באַשטאַנען אין דער גרויסקייט פון געפיל.

איר ליבע צום געמיינדע-פאָרשטייער זשאָזעף לאַקריס האָט איר איבערגעלאָזט גענוג צייט אויף צו באַוויינען די אומגליקן פון דער נאַציאָנאַלער אַרמעע און גלייכצייטיק זיך אָנצועסן מיט גאַשוואַרג. זי איז זייער דיק געוואָרן און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רעספּעקטפולער דאַמע.

די יונגע מאַדאַם דע גראַמאַנס האָט נישט געהאַט אַזעלכע איידעלע כוונות. זי האָט געליבט און פאַרראַטן גוסטאַוו דעל-יאָן, דערנאָך האָט זי אים אינגאַנצן אויפגעהערט צו ליבן. אויף דער טעראַסע פון „בעל-שאָקאָלאַטיער" האָט איר גוסטאַוו געהאָלפן אַראָפּנעמען איר העלן בלומענגעשטיקטן מאַנטל, און אין דער אַנוועזנהייט פון אויבערקעלנער, וואָס איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט ער איר אײנגערוימט אין אויער אַריין גאָר נישט קיין איידעלע קאָמפּלימענטן, ווי „שמוציקע נבלה" און „אויסגעלאַסענע מויד".

איר נעזיכט איז אָבער פאַרבליבן רויק און אומבאַוועגלעך. אָבער אינערלעך אין הארצן האָט זי אָנגעקוואָלן פון אים און זי האָט געפילט, אַז זי מוז אים ווידער ליב באַקומען. גוסטאַוו פון זיין זייט האָט פאַרשטאַנען, אַז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער אַרויסגעזאָגט אַן אמת ליבע-וואָרט. און מיט אַן ערנסט פנים האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביים טיש לעבן איר.

דאָס האָבן זיי צום לעצטן מאָל געשפּייזט צוזאַמען אין דעם סעזאָן. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דער אומעט פון די נאָנטע געזעגנונגען און אַ געוויסער נאַציאָנאַליסטישער טרויער. מ'האָט נאַטירלעך נאָך געהאַט געוויסע האָפנונגען, אָדער בעסער געזאָגט, מ'האָט זיך איינגערעדט, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ האָפנונג.

עס איז אָבער זייער טרויעריק, ווען מ'האָט אַלץ אונטער

דער האַנט, אי געלט, אי אָנהענגער, און פונדעסטוועגן מוז מען וואַרטן אויף אַ ווייטע און פוסטע צוקונפט און זיך צופרידנשטעלן מיט פרומע ווונטשן און באַגערן.

בלויז איין זשאָזעף לאַקריס האָט זיך פאַרהאַלטן רויק. ער האָט מסתמא געהאַלטן, אַז ער האָט גענוג אויפגעטון פאַרן קיניג. בעת ער האָט זיך געלאָזט אויסוויילן פון די נאַציאָנאַליסטישע רעפובליקאַנער אַלס זייער פאָרשטייער אין געמיינדעראַט.

— ווי עס זאָל נישט זיין, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איז דער פערצנטער יולי אין לאָנשאַן זייער גינסטיק פאַרביי. מ׳האָט געמאַכט אויסגעשרייען לכבוד דער ארמעע. מ׳האָט גערופן: „זאָל לעבן די אַרמעע! זאָל לעבן בוגאַן!" דער המון איז געווען באַהערשט פון אַן ענטוזיאַזם.

— בלי ספק, בלי ספק, — האָט אַנרי לעאָן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — לובע האָט זיך אָבער מיט גאַנצעביינער אומגעקערט אין עליזייען-פּאַלאַץ. יענעם טאָג האָבן מיר זיך אָבער נישט גערוקט פאָראויס.

היג שאַסאָן דעז׳עגיו, וואָס האט געהאַט איבערן גאַנצן פנים אַ פרישן שניט פון א שווערד, האָט פאַרצויגן די ברעמען און געזאָגט מיט אַ שטאָלצן טאָן:

— און איך זאָג אייך, אַז ביי די קאַסקאַדן איז געווען גאָר הייס, בעת די סאָציאַליסטן האָבן געשריגן: „זאָל לעבן די רעפּובליק! לעבן זאָלן די סאָלדאַטן"!...

— די פּאָליציי, — האָט מאַדאַם באָנמאָן זיך אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך. — האָט נישט באַדאַרפט דערלויבן אַזעלכע אויסרופן...

— בעת די סאָציאַליסטן האָבן געשריגן: „זאָל לעבן די רעפּובליק" „לעבן זאָלן די סאָלדאַטן!" האָבן מיר דערויף געענטפערט: „זאָל לעבן די אַרמעע! אַ טויט די יידן!"

די „ווייסע נעלקן", וואָס האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די מויערן, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויף מיין רוף. אַ האָג-

שטיינער האט זיך גענומען שיטן אויף די סאָציאַליסטן. אונזערע זענען געווען פּראַכטפול.

וואָס־זשע ווילט איר נאָך? דער המון האט זיך פאַרהאַלטן פּאַסיוו. די פּאַריזער זענען אַרויס אין גאַס מיטן גאַנצן האַק און פּאַק, מיט די ווייבער, קינדער, מיט קיישלעך, פול מיט עסן... און די פּראָווינצער קרובים, וואָס זענען ספּעציעל געקומען קיין פּאַריז אויף דער אויסשטעלונג: אַלטע פּויערן, וואס ז׳האָבן אויסגעגלאָצט אויף אונז אַ פּאָר קאַלטע פּישאויגן... און פּויערטעס, וואָס ד׳האָבן אונז באַטראַכט מיט אומצוטרוי. צי ווילט איר אפשר, אַז זיי זאָלן מאַכן אַן אויפשטאַנד?

— בלי ספק, — האָט לאַקריס געזאָגט, — מיר האָבן אויסגעקליבן אַ שלעכטע צייט. מיר מוזן איבריקנס רעספּעקטירן דעם וואָפנשטילשטאַנד, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסשטעלונג.

— אַלץ איינס, — ד׳האט שאַסאָן דעז׳עגיו זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, — מ׳האָט גוט אָנגעבראָכן די ביינער ביי די קאַסקאַדן. איך פון מיין זייט האָב דערלאַנגט דעם בירגער ביסאָלאָ אַזאַ זעץ מיט דער פויסט, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן מיט אַ צעבלוטיקט פּנים. ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דר׳ערד האָט ער אויסגעזעען, ווי אַ שילדקרעט... און „זאָל לעבן די אַרמעע!" „אַ טויט די יידן!"

— געוויס, געוויס, — האט אַנרי לעאָן ערנסט געשאָקלט מיטן קאָפּ; — אָבער די אויסרופן „זאָל לעבן די אַרמעע!" און „אַ טויט די יידן!" זענען אַביסל צו איידל... פאַרן המון. וואלט איך געזאָגט, איז דאָס צופיל ליטעראַריש, צו קלאַסיש, און נישט גענוג רעוואָלוציאָנער. „זאָל לעבן די אַרמעע!"
— דאָס איז טאַקע זייער שיין, זייער איידל, אין אָרדנונג, אָבער ס׳איז צו קאַלט... יאָ, יאָ, עס ווירקט קאַלט.

און ווייסט איר, וואס איך וועל אייך זאָגן, ס׳איז פאַראַן איין איינציק מיטל מיטצורייסן מיט זיך דעם המון: אַרויסצורופן אַ מהומה. גלויבט מיר. מ׳צווינגט אַן אומבאַוואָפנטע,

מאַסע מענטשן נאָך דעמאָלט צום לויפֿן, בעת מ'יאָגט זיי אַריין אַ פּחד אין די געדערים אַריין? איר האָט באַדאַרפֿט לויפֿן און שרייען... „ראַטעוועט! אַנטלויפֿט!... איר זענט פֿאַרראַטן!... פּראָנצויזן, איר זענט פֿאַרראַטן!"

ווען איר וואָלט געשריגן דאָס אָדער עטוואָס ענלעכעס וואָלט איר מיטגעריסן מיט זיך אַ האַלבן מיליאָן מענטשן, וואָס וואָלטן אייך נאָך איבערגעיאָגט און כּסדר אין איין אָטעם געלאָפֿן. דאָס וואָלט געווען אַ גראַנדיעזער און מוראדיקער ספּעקטאַקל. מ'וואָלט אייך צעטראָטן מיט די פֿיס, איר וואָלט בטל בשישים געוואָרן... אָבער די רעוואָלוציע וואָלט איר געמאַכט.

— איר מיינט עס ערנסט? — האָט זשאַק דע קאַד געפֿרעגט.

— בלי ספֿק, — האָט לעאָן געענטפֿערט. — פֿאַרראַט! פֿאַרראַט! דאָס איז דער אמתער רעוואָלוציאָנערער געשריי, יענער אויסרוף, וואָס באַפֿליגלט דעם המון, און רייסט מיט די מוטיקע און פּחדנים, באַהערשט הונדערט טויזנט מאַן מיט איין געדאַנק, אַז אפֿילו די פּאַראַליזירטע גיט ער צו נייע כּוחות.

מיין טייערער שאַסאָן, ווען איר וואָלט אין לאַנשאַן געשריגן: „מיר זענען פֿאַרראַטן! וואָלט איר געזען, ווי אייערע אַלטע פֿויערטע מיטן קוישל האַרטע אויסגעקאָכטע אייער און שירם, און אייער פֿויער מיט די הילצערנע פֿיס, וואָלטן גענומען לויפֿן, ווי די האָזן.

— לויפֿן? וווהין? — האָט זשאָזעף לאַקריס געפֿרעגט.

— וווהין, איך ווייס אַליין נישט, וווהין. צי ווייס מען בעת אַ מהומה, וווהין דער המון וועט לויפֿן? און די מאַסע, צי ווייס זי דען אַליין? וואָס אַרט עס מיך אָבער! פֿאַר מיר איז גענוג, ווען דער ערשטער שטויס איז געגעבן געוואָרן. דאָס איז גענוג. ביים הייַנטיקן טאָג מאַכט מען מער נישט קיין אויפֿשטאַנד מיט באַשטימטע מעטאָדן און לויט סטראַטעגישע כּללים.

מאַכן אַ סטראַטעגישע רעוואָלוציע איז גוט געווען אין די צייטן פון באַרבע און בלאַנקי.

אָבער היינט, אין די צייטן פון טעלעפאָן, טעלעגראַף און אויטאָס, איז יעדע סיסטעמאַטישע רעוואָלוציאָנערע אַקציע כמעט אוממעגלעך. היינט קאָן מען בלויז אַרויסרופן אַן אומגעהייערע, פּלאַנלאָזע, כאַאָטישע באַוועגונג, און בלויז דער פּחד, דער טראַגישער מאַסן-פּחד איז אימשטאַנד מיטצורייסן און אויפצוטרייסלען אַ יום-טובדיק געשטימטן עולם.

איר פּרעגט מיך, וווהין דער המון וואָלט אַוועקגעשטראָמט ביים רוף: „פּאַררע!... איך מיין, אין טייך אריין.

— אין טייך אריין, — האט זשאַק דע קאַד איבערגעחזרט, — זיי יואָלטן דאָך אַלע דערטרונקען געוואָרן!

— איז וואָס? — האט אַנרי לעאַן ווייטער גערעדט, — דרייסיק טויזנט דערטרונקענע בירגער איז ביי אייך אַ שפּיעלכל? צי מיינט איר, אַז די רעגירונג וואָלט דעמאָלט נישט אַנגעטראָפן אויף ערנסטע שוועריקייטן און זי וואָלט נישט געווען אין אַ געפאַר? איר האַלט, אַז ס'וואָלט נישט געלוינט די טרחה?... אויף אַזאַ אופן זענט איר נישט קיין פּאָליטיקער. אויף אַזאַ אופן טויגט איר זיך נישט אויף אומצוווארפן די רעפּובליקאַנישע אָרדנונג.

— דאס וועט איר זען גאָך דער אויסשטעלונג, — האָט זשאַק דע קאַד זיך אָנגערופן מיט אַן איבערצייגטער שטים. — איך האָב געמאַכט די התחלה אין לאָנשאַן, און איינעם האָב איך אַוועקגעלייגט.

— איר האָט איינעם אַוועקגעלייגט? — האָט דער יונגער דעליאָן זיך אָנגערופן אַ פּאַראינטערעסירטער. — ווער איז דאָס געווען?

— אַן אַרבעטער, אַ מעכאַניקער... אַ סענאַטאָר וואלט פאַרשטייט זיך בעסער געווען, אָבער אין געדראַנג קאָן מען לייכטער פאַלן אויף אַן אַרבעטער, ווי אויף אַ סענאַטאָר.

— וואָס האָט ער אַזעלכעס געטון, אייער מעכאַניקער? — האָט לאַקריס געפרעגט.

— ער האָט גערופן: „זאָלן לעבן די סאָלדאַטן!" און דערפאַר האָב איך אים דעם שאַרבן צעשפּאָלטן.

באַהערשט פון אַן איידעלן באַגער זיך צו באַרימען האָט דער יונגער דעליאַן דערקלערט, אַז ער האָט אויסגעהאַקט די ציין אַ סאָציאַליסט און אַ דרייפוזיאַנער, וואָס האָט געשריגן: „זאָל לעבן לובע!"

— אַלץ גייט גרויסאַרטיק! — האָט זשאַק דע קאַד אויסגערופן.

— עס האָט אָבער געקאָנט זיין בעסער, — האָט שאַסאַן דעז' עגיו געזאָגט — לאָמיר נישט טריומפירן צו פרי. לובע, וואַלדעק, מילעראַן, אנדרע, זיי אַלע זענען אַרויס גאַנץ דעם פּערצנטן יולי. אָבער ווען מ'וואָלט מיך געהערט וואָלטן זיי נישט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. קיינער וויל אָבער נישט צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט. אונז פעלט ענערגיע.

זשאָזעף לאַקריס האָט געענטפערט אין אַן ערנסטן טאָן:

— ניין! אונז פעלט נישט קיין ענערגיע! אָבער ביים איצטיקן מאָמענט האָבן מיר גאָרנישט וואָס אויפצוטון. נאָכן שליסן די אויסשטעלונג וועלן מיר מיט פרישע כּוחות זיך נעמען צו דער אַרבעט, דער מאָמענט וועט דעמאָלט זיין גינסטיקער. נאָכן יום־טוב וועט פראַנקרייך זיך אויסניכטערן און קומען צו זיך. דאָס לאַנד וועט זיין אין אַ שלעכטער שטימונג. די אַרבעטסלאָזיקייט וועט זיך פאַרגרעסערן און דאָס לאַנד וועט איבערלעבן אַ קריזיס, דעמאָלט וועט זיין גאַנץ לייכט צו פּראָוואָצירן אַ מיניסטאַרן־קריזיס און אפשר אויך אַ פּרעזידענטןקריזיס. ווי מיינט איר, לעאָן?

— בלי ספק, בלי ספק, — האָט לעאָן געענטפערט. — מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אין דריי חדשים אַרום וועט

אונזער צאָל זיין עטוואס קלענער. און לובע וועט שוין נישט זיין אַזוי אומפּאָפּולער.

אַלע פאַרזאַמלטע טריובליאַנס, זשאַק דע קאַד, דעליאַן, שאַסאַן דעז׳ עגיו, לאַקריס, אַלע האָבן אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט און זיך באַמיט איבערצושרייען מיט זייערע קולות לעאָנס שלעכטע נבואה. אַנרי לעאָן האָט אָבער ווייטער גערעדט מיט אַ מילדער שטים:

— דאָס איז פאַטאַל! לובע וועט פון טאָג צו טאָג ווערן וואָס אַמאָל פּאָפּולערער. מ׳האָט אים פיינד געהאַט, ווייל מיר האָבן אים פאַרגעשטעלט, ווי עפּעס אַ פאַרזעעניש, וואָס פּראַטעזשירט די פאַרלאַמענטאַרישע גנבים און מאַכט א תל פון דער פראַנצויזישער אַרמעע ער איז נישט געגנוג גרויס, כדי צו אַנטשפּרעכן פולשטענדיק אונזער שילדערונג, און אין דער אמתן איז ער גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי מיר האָבן אים געשילדערט.

ער וועט סוף כל סוף נישט אַלעמאָל באַשיצן גנבים און דעזאָרגאַניזירן די אַרמעע. ער וועט אויך מאַכן מיליטערישע פאַראַדן. אויף אַזאַ אופן וועט ער זיך רעהאַביליטירן. ער וועט פאָרן שפּאַצירן אין אַן אָפענער קאַרעטע. דאָס איז א סך בכבודיקער, ווי גיין צו פוס. ער וועט פאַרטיילן ערן-קרייצן ער וועט צוטיילן אַ שפּאַר ביסל אַקאַדעמישע פּאַלמען. די וואָס ער וועט דעקאָרירן מיט קרייצן אָדער מיט אַקאַדמישע פּאַלמען, וועלן אויפהערן צו גלייבן, אַז ער האָט בדעה אַרויסצוגעבן פראַנקרייך אין די הענט פון שונא.

ער וועט אויך פון צייט צו צייט זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער: זייט זיכער, די גוט אויסגעקליבענע ווערטער זענען אַלעמאָל די נאַרישסטע. ער דאַרף מאַכן א טורנעע איבערן לאַנד, און אומעטום וועט מען אים אויפנעמען מיט כבוד און פּאַראַד. די פּויערן וועלן בעת זיין דורכפאָר רופן: „זאָל לעבן דער פּרעזידענט!״

און אויב דער פראַנצויזיש-רוסישער בונד זאָל ווידער באַ-

נייט ווערן... כ'ציטער אויף ביים בלויזן געדאנק וועגן דעם... דעמאלט וועט איר נאך דערלעבן, ווי אונזערע נאציאנאליסטישע פריינד וועלן אים אויסשפאנען די פערד פון דער קארעטע. איך זאג נישט, אז ער איז א מעכטיקער זשעני. ער איז נאך אבער אלץ אזוי דורכגעטריבן ווי מיר. ער זוכט מיטלען, ווי אזוי צו פארבעסערן זיין לאגע. דאס איז פולשטענדיק נאטירלעך. מיר האבן געוואלט זיין אונטערגאנג; ער וועט פאמעלעך אונטערגראבן אונזער עקזיסטענץ.

— אונטערגראבן אונזער עקזיסטענץ, אדרבא זאל ער נאר פרווון, — האט אויסגערופן דער יונגער דע קאד.

— די צייט אליין וועט אונטערגראבן אונזער עקזיסטענץ, — דהאט אנרי לעאן ווייטער גערעדט. — ווי הערלעך האט אויסגעזען דער פאריזער מוניציפאל-ראט אין יענעם אוונט, בעת מיר האבן באקומען א מערהייט!... זאל לעבן די ארמעע! א טויט די יידן!" — האבן געשריגן די ווילער, שיכור פון פרייד, שטאלץ און ליבע. און די אויסגעוויילטע האבן געענטפערט מיט שיינענדיקע פנימער: „א טויט די יידן! זאל לעבן די ארמעע!"

אזוי אבער, ווי דער נייער מוניציפאל-ראט וועט נישט זיין אימשטאנד צו באפרייען פון מיליטער-דינסט אלע זין פון זיינע ווילער, ווי אויך פארטיילן דאס געלט פון די רייכע יידן צי די קליינהענדלער; אזוי ווי דער נייער מוניציפאל-ראט וועט צומאל נישט אימשטאנד זיין צו געבן די ארבעטער אן אנטשעדיקונג אויפן פאל פון ארבעטסלאזיקייט, וועט ער ארויסרופן א געוואלטיקע אנטוישונג, און ער וועט ווערן אזוי פארהאסט, פונקט ווי ער איז אמאל געווען שטארק באליבט. אין משך פון א קורצער צייט דראט אים די געפאר צו פארלירן די פאפולאריטעט אין די פראגן פון די מאנאפאלן, גאז-באלייכטונג, וואסער-לייטונג און דער אמניבוס-קאמוניקאציע.

— איר האט א גראבן טעות, מיין טייערער לעאן! — האט זשאזעף לאקריס אויסגערופן. — וואס שייך דער באנייונג פון די מאנאפאלן, איז גארנישטא וואס מורא צו האבן. מיר

וועלן זאָגן צו די וויילער: „מיר גיבן אייך גאַז-באַלייכטונג פֿאַר אַ ביליקן פּרייז", און דער וויילער וועט זיך אויפֿהערן צו באַקלאָגן.

דער פּאַריזער געמיינדע-ראַט, וואָס איז געוויילט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון אַן אויסשליסלעך פּאָליטישן פּראָגראַם וועט אויסאיבן אַן אַנטשיידענעם איינפֿלוס אויפֿן פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן קריזיס, וואָס מוז אויסברעכן באַלד נאָכן שלוס פֿון דער אויסשטעלונג.

— יאָ, זייער גוט, — האָט זיך אָנגערופֿן שאַסאָן דעז׳עגיו, — אויף אַזאַ אופֿן מוזן מיר זיך שטעלן אין שפּיץ פֿון דער דעמאַגאָגישער באַוועגונג. אויב דער געמיינדעראַט וועט פֿירן אַ מעסיקע, פּאַרזיכטיקע קאָמפּראָמיסן-פּאָליטיק וועט אַלץ גיין פֿאַרלוירן. די געמיינדע-פֿאָרשטייער דאַרפֿן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל וויסן, אַז מ׳האָט זיי אויסגעוויילט אויף אומצוּוואַרפֿן די רעפּובליק און אָפּצושאַפֿן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם...

— מיר וועלן מאַכן אָבסטרוקציעס, אַ קאַצניאָמער!... האָט זשאַק דע קאַד אויסגערופֿן.

— מ׳דאַרף בכלל רעדן וויניקער, — האָט שאַסאָן דעז׳עגיו ווייטער גערעדט...

— טראַ-טאַ-טאַ! טראַ-טאַ-טאַ!

שאַסאָן דעז׳ עגיו האָט נישט געלייגט די מינדעסטע אויפֿמערקזאַמקייט אויף דע קאַדס אויסרופֿן און ווייטער גערעדט:
— פֿון צייט צו צייט אַריינטראָגן אַ פֿאָרשלאַג, ווי למשל דער:

„די מיניסטאָרן ווערן אָנגעקלאָגט..."

דער יונגער דע קאַד האָט גענומען דהעכער שרייען

— טראַ-טאַ-טאַ! טראַ-טאַ-טאַ!

שאָסאָן דעזי עגיו האָט אים געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין

— אין פּרינציפּ האב איך גארנישט קעגן א פּארלאמענטא־רישער אָבסטרוקציע. מיטן דאזיקן מיטל באנוצט זיך אבער אויף די פּארלאמענט־זיצונגען בלויז ד מינדערהייט. דאָס דאזיקע מיטל איז גוט אין לוקסעמבורג־פּאלאץ און אין פּאַלע־בורבאָן.*) איך וויל אייך אבער אויפמערקזאַם מאכן, אז אין שטאָט־ראט האבן מיר א מערהייט.

די דאזיקע ריכטיקע באמערקונג האט נישט געמאכט קיין שום רושם אויף דעם יונגן דע קאַד, וואס האט וואס אמאל שטארקער געשריגן:

— טראַ־טא־טא! טראַ־טא־טא! צי קענט איר טרומייטערן, לאַקריס? אויב איר קענט נישט, וועל איך אייך אויסלערנען. ס'איז זייער וויכטיק, אז א געמיינדע־פארשטייער זאל וויסן ווי אזוי צו טרומייטערן.

— איך חזר נאָכאמאָל איבער, — האָט שאָסאָן דעזי׳עגיו ווייטער גערעדט מיט אַן ערנסטער שטים, ווי ער וואָלט איצט טאַלירט די קאָרטן אין באַקאַראַ־שפּיל. — ערשטער פאָרשלאַג: די מיניסטאָרן ווערן איבערגעגעבן צום געריכט; צווייטער פאָרשלאַג: די סענאַטאָרן ווערן איבערגעגעבן צום געריכט; דריטער פאָרשלאַג: דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק ווערט איבערגעגעבן צום געריכט... אויב מיר וועלן אַריינטראָגן אייני־קע אַזעלכע פאָרשלאַגן, וועט די רעגירונג זיין געצוווּנגען פו־נאַנדערצולאָזן דעם שטאָטראַט. דער שטאָטראַט וועט אָבער שטעלן אַ ווידערשטאַנד און וועט אַפּעלירן מיט אַ פלאַמענדיקן פּראָטעסט צו דער באַפעלקערונג, און פּאַריז וועט אויפשטיין קעגן דער רעגירונג...

---

*) פּאַלע־בירבאָן — דאָס ערט, ווו ס'קומט ייד צונויף דער פּארלאמענט (באַמ. פון איבערזעצער.)

— צי גלויבט איר באמת, — האָט אַנרי לעאָן געפרעגט מיט אַ מילדער שטים, — אז גאַנץ פאַריז וועט אויפשטיין קעגן דער רעגירונג?

— יאָ, איך גלויב, — האָט שאַסאַן דעז׳עגיו געזאָגט.

— איך האָבער גלויב נישט, — האָט אַנרי לעאָן געזאָגט.
— איר קענט דאָך מסתמא דעם בירגער ביסאָלאָ, טאַקע דעם זעלבן, וואָס איר האָט אים אַזוי שרעקלעך צעממיתט דעם. פערצנטן בעת דער מאַניפעסטאַציע. איך קען אים אויך.

אַנומלט ביי נאַכט, בעת די מאַניפעסטאַציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען נאָך דער וואַל פון טרויעריק-באַרימטן לובע, האָט זיך דער בירגער ביסאָלאָ דערנענטערט צו מיר, ווי צו דעם איבערצייגטעסטן און איידלסטן פון זיינע קעגנער. מיר האָבן קוים אַ פּאָר ווערטער גערעדט.

אַלע אונזערע לייט זענען געווען פאַרנומען ביי דער אַרבעט. פון דער באַסטיל ביז צו מאַדלען האָבן זיך געהערט אונזערע מעכטיקע אויסרופן: „זאָל לעבן די אַרמעע! די פּוס-גייער, וואָס זענען געווען דעמאָלט אויפן שפּאַציר, דהאָבן גע-שמייכלט פריינדלעך און אונז צוגעגעבן קוראַזש. ביסאָלאָ האָט אויסגעשטרעקט צום המון זיינע לאַנגע הענט, וואָס זענען ענלעך געווען צו אַ קאָסע, און געזאָגט צו מיר:

— איך קען גאַנץ גוט די דאָזיקע שקאַפע. פּרוווט אייך נאָר אויף איר ארויפצוזעצן. אין דעם מאָמענט, ווען איר וועט זיך פולשטענדיק נישט ריכטן אויף אַ געפאַר, וועט זי אייך אַראָפּוואַרפן אויף דר׳ערד און צעברעכן די ביינער.

דאָס זענען געווען די רייד פון ביסאָלאָ, וואָס איז גע-שטאַנען מיט מיר אין ווינקל פון רי דרואָ, אין יענעם טאָג, ווען פאַריז איז געווען אויף אונזער זייט.

— אייער ביסאָלאָ באַוואַרפט מיט שמוץ דאָס פראַנצוי-זישע פאָלק, — האָט זשאָזעף לאַקריס אויסגערופן. — ער איז חייב-מיתה.

— ער איז אַ נביא, — האָט אַנרי לעאָן געענטפערט.

— טראַ-טאַ-טאַ! טראַ-טאַ-טאַ! ס'איז נישט פאַראַן עפּעס בעסערס דערפון, — האָט דער יונגער זשאַק דע קאָד געזונגען מיט אַ הייזעריקער שטים.

סוף

אַ נײַ בוך פון ראָמאַן-ראָלאַן אין יידיש!

ראָמאַן ראָלאַן, דער מחבר פון „זשאַן קריסטאָף", „קאָלאַ ברעניאָן" און פיל אנדערע בארימטע ווערק האָט אָנגעשריבן אַ גרויס בוך וועגן דער לעצטער וועלט-מלחמה, אין וועלכן ער באַשרייבט די איבערלעבענישן פון איינעם, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען און מקריב געווען זיין לעבן אויפן מזבח פון דער מענטשלעכער פרייהייט, אין קאמף פאַרן אמתן וועלט-שלום.

קלעראַמבאָ — דאָס איז דער נאָמען פון בוך, וואָס ווערט איבערגעזעצט פון פראנצויזיש דורך מ. האָלצבלאַט און דערשיינט אין דער נאנטסטער צייט אין פארלאג „רענעסאַנס".

אַלע ווערק פון אַנאַטאָל פראַנס אין יידיש!

אַנאַטאָל פראַנס איז איינער פון די גרעסטע און באַרימטעסטע מאָדערנע פראַנצויזישע שרייבער.

אַנאַטאָל פראַנס איז איינער פון די גרעסטע שפּראַך־מייסטער אין דער וועלט־ליטעראַטור. זיינע ווערק זענען אַ מוסטער פון געניאַלער פשטות אין סטיל און פאָרם, און גלייכצייטיק פון ראַפינירטעסטער געדאַנקען־קאָמפּליצירקייט.

אַנאַטאָל פראַנס איז דער קטיגור און גלייכצייטיק דער סניגור פון אונזער צייט. זיינע ווערק זענען אַ געניאַלע אָפּשפּיגלונג פון די סאָציאַל־פּאָליטישע און קינסטלערישע ראַנגלעניש פון דער מענטשהייט.

דער פאַרלאַג „רענעסאַנס" אין וואַרשע איז צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אין דער יידישער שפּראַך אַלע ביז איצט נאָך נישט דערשינענע ווערק פון באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער און נאָבעל־לאַורעאַט, **אַנאַטאָל פראַנס**:

ביז איצט זענען דערשינען פאָלגנדע ווערק:

דער פּינגווינען־אינזל יידיש מ. האַלצבלאַט

דאָס פאַרברעכן פון סילוועסטער באָנאַר „ „ „

עפּיקורס גאָרטן „ „ „

די געשיכטע פון אונזער צייט

(4 בענדער)

I. באַנד אין שאָטן פון דער קירך

II „ דער הילצערנער מאַנעקען

III. „ דער אַמעטיסטן־רינג

IV. „ בערזשערע אין פּאַריז

ס׳גרייטן זיך צום דרוק און דערשיינען אין גיכן

די געדאַנקען פון זשעראָם קואַניאַר

(פאַרן דאָזיקן בוך האָט א. פראַנס באַקומען דעם נאָבעל-פּריז

די קרעטשמע „קיניגין געגזנפיסל״
דער קליינער פיער

ווענדיק געבן דעם יידישן לעזער אַן אַלזייטיקן באַגריף וועגן לעבן און דער טעטיקייט פון גרויסן פראַנצויזישן מייסטער, האָט דער פאַרלאַג „רענעסאַנס״ באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע וועגן זיין לעבן. עס גרייט זיך צום דרוק און דערשיינט אינגיכן:

געאָרג בראַנדעס — אַנאַטאָל פראַנס. — זיין לעבן און ווערק.